STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03098

# DER EMES VEGN SHEKER

Abraham Rudy

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דעם טייערן חבר ארגוב
מיין בוך א מתנה מיט ליבע
דוד-יאסף
אברהם רוזן

פאריז דעם 23טן דעצעמבער
1956

# דער אמת
# וועגן שקר

ספרית
הכ׳ מאיר ארגו-
גרבובסקי
חותם מגילת העצמאו

ספרית
הכ׳ מאיר ארגוב-
גרבובסקי
חותם מגילת העצמאות

A. RUDY

# La Vérité sur le Mensonge

הילע : דוד טושינסקי

A. Rudy, 7, rue Georges-Lardennois, Paris (19e).

Imprimerie Moderne de la Presse, 55, Faubourg Saint-Denis, Paris (10e).

מיין מחלוקה לשם שמים, ווידמע איך דעם ליכטיקן אָנדענק פון מיין פֿאָטער, דעם צדיק און גאון איטשע מאיר אַלטער רודי זכרונו לברכה, דער זון פון אַלטן גרייעוועער רב משה יוסף ז"ל; מיין מוטער פֿעשע רודי געבוירן זרענטשנע, די טאָכטער פון באַרימטן בעל־צדקה און מכניס אורח אליהו יעקב זרענטשנע ז"ל; מיין ברודער ברוך יוסף, זיין פרוי בובשע און זייערע קינדער : חוה און לייבל; מיין ברודער יהודה אריה לייב, מיט זיין פרוי ביילע, געבוירן שעדלעצקי, זייערע קינדער יאָסעלע און רחלע — אומגעקומענע אין די גאַז־קאַמערן פון טרעבלינקי. מיין שווער, דעם צדיק תמים, וואָס איז אומגעקומען על קידוש השם, ר' אייזיק מנחם מענדל צעגעל זכרונו לברכה, זון פון משה מרדכי צעגעל ז"ל, דערשאָסן געוואָרן דורך די נאַצישע רוצחים; מיין שוויגער ריווע, געבוירן קרעט, דעם זיידן הערשל און די באָבע דינה קרעט; מיין שוואָגער אהרן לייב צעגעל, מיט זיין פרוי מלכה, געבוירן זילבערמאַן, מיט זייער זונעלע אבאלע; מיין שוואָגער פינטשע קרעפּליאַק, מיט זיין פרוי טעמע, געבוירענע צעגעל; אומגעקומענע אין די גאַז־קאַמערן פון טרעבלינקע, מיין פעטער יאקל זרענטשנע, מיט זיין פרוי חיה גאלדע, מיט זייערע קינדער און אייניקלעך; דעם פעטער יחזקאל זרענטשנע, מיט דער מומע חיה און זייערע קינדער און אייניקלעך; מיין טייערע מומע רחל לאה מיט אירע קינדער; דעם פעטער לייבל צעגעל מיט דער פרוי עטקע און זייערע קינדער; דעם פעטער און מומע חיים און דינה פֿאַלובע מיט קינדער; דעם פעטער ישראל הערש צעגעל מיט זיין פרוי שיינע מנוחה און זייערע קינדער; די פעטערס און מומעס : אהרן יאַנקל און מלכה גיטל ראַדזימינסקי מיט זייערע קינדער, שמעון און יוכבד קרעט מיט זייערע קינדער, סרולקע און רייזל קרעט מיט זייערע קינדער, לייבל און רבקה קרעט מיט זייערע קינדער, חיים און חוה מיט זייער קינד, אשר און שרה גרושקא מיט זייער קינד, אברהם יהודה און מלכה שלאַסקע מיט זייערע קינדער, יהודה און רבקה טרעבלינסקי מיט זייערע קינדער.

מיינע קוזינס : דוד׳טשע און חיה־מלכה סוקנע, שלמה און משה יאָסל וויינטרויב מיט זייערע פרויען און קינדער, אומגעקומענע אין טרעבלינקע, חנה פייגע זילבערג געב. וויינטרויב, יאָסל און גאָלדע ראַדזינעק מיט זייערע קינדער, מאָטל און שרה רבקה טאָביאַש מיט זייערע קינדער, אברהם יאָסל און חאנטשע זרענטשנע מיט זייערע קינדער, חצקל לייבל און יוכבד זרענטשנע מיט זייערע קינדער, יוסף און שיינע גיטל אַקערמאַן, מאָטל נח און מלכה זרענטשנע, לייבל איטשע אברהמל און חוה זרענטשנע, אהרן ברוך און שרה ראָטבאַרט מיט זייערע קינדער, הערש נחם און מלכה איידל לעווין מיט זייערע קינדער און אַלע קדושים פון מיין פארשניטן שטעטל טשעכנאָוויעץ (ביאַליסטאָקער קרייז).

אברהם רודי.

אברהם רודי

# דער אמת

## וועגן

# שקר

פאריז 1956

## אמת און שקר

„שקר", שטייט, „אין לו רגליים" —
אבער אמת? זי האט פיס!
פארט דער שקר אין קארעטן
און די אמת — גייט צופיס!
און באשפריצט זי מיט דער בלאטע,
און דערלאנגט איר מיט דער בייטש!
און די גאסן — יונגען לאכן:
וויס וואס „נאבאק" איז די טייטש!

י. ל. פרץ

***

א. לעיעלס

## דער גאָט פון ישראל

„דער גאָט פון ישראל איז קאַרג,
ער וויל נישט אָנפילן זיין מוזיי מיט סטאַטועז,
מיט געמעלן, אלטארן, טראָג-שטולן,
פורפורענע קליידער, דריי-גאַרנדיקע קרוינען,
ער וויל אין קיין פאַלייען נישט ווינען.
דער יידישער מוזיי האָט ווינציק פאַרשוינען.

א חנוכה-לעמפל, א פרוכת, אַ מגילה,
א בשמים-ביקסל, א תפילין-זעקל, אַ יד,
אַ מנורה, כתר-תורה, מכשירים פאַר מילה,
און אַ פאַרצייטיקער, פאַר-פאַרצייטיקער כתב-יד.
נאָך אַ מאַנוסקריפּט און נאָך אַ מאַנוסקריפּט,
געוויקלט, געבונדן, פאַרקניפּט,
אותיות אין אותיות פאַרליבט"

# פאָרוואָרט

דער אַרויסגעבער פון דער דאָזיקער זאַמלונג האָט נישט בדעה צו מאַכן דאָ „ליטעראַטור".

איך האָב גענומען אויף זיך די אויפגאַבע פון צונויפזאַמלען און פון פאַרעפנטלעכן די פאָלגנדע דאָקומענטן און מאַטעריאַלן, ווייל די דאָזיקע אויפגאַבע ווערט דיקטירט דורך דעם יידישן געוויסן. איך גיב איבער דאָס בוך אין די הענט פון יידישע לייענער, אין דער טיפסטער איבערצייגונג, אַז עס וועט דינען דער יידישער זאַך, ווייל הן פון מאָראַלישן און הן פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפונקט איז דאָס דערשיינען פון די אַלע, דאָ צונויפגעזאַמלטע מאַטעריאַלן בפירוש, דעם פאַקטישן אינהאַלט פון בוך. סיהאַנדלט זיך אין אַן אַבסאָלוטע נויטווענדיקייט.

דער טיטל פון דער דאָזיקער אויסגאַבע רופט אָן, זאַכלעך און נישט מער און נישט ווייניקער, נאָר טאַקע וועגן אויפדעקן, מיט דאָקומענטן אין דער האַנט, דעם פולן אמת איבער אַ בפירושן שקר, אָדער — בעסער געזאָגט — איבער אַ גאַנצע קייט פון שקרים, וואָס פאַרסמען ברייטע סעקטאָרן פון יידישן לעבן. די דאָזיקע שקרים, האָט מען אָרגאַניזירט, באַנוצנדיק זיך מיט כלערליי „שטיקלעך", אַריינציענדיק אין זיי נישט בלויז די לעבעדיקע נאָר אויך מיליאָנען טויטע, דאָס הייסט — די אַלע היטלער קרבנות.

לשם פינקטלעכקייט דאַרף מען דאָ פעסטשטעלן, אַז דער שקר איז געוואָרן באַמערקט און געשטעמפלט פון אָנהויב אָן. די פאָרשטייער פון דער יידישער עפנטלעכקייט האָבן אָן אויפהער, קלאָר און שאַרף פראָטעסטירט קעגן די פאַרדעכטיקע אויסנוצער פון דעם גרעסטן יידישן אומגליק. טראָץ די אַלע פראָטעסטן, האָט זיך פונדעסטוועגן דער סקאַנדאַל נישט בלויז אָפּגעשפּילט ביז צום סוף, „ווי

קיינמאָל נישט", נאָר ער האָט אפילו איבערגעוואַקסן די ערגסטע פּאָרויסזעאונגען : אַרויסווייזנדיק דעם גרעסטן ביטול פאַר דער יידישער, עפנטלעכער מיינונג און פאַר די קלאָרע איינשטעלונג פון יידישן כלל, האָט מען — אומפּארשעמט, נישט נאָר באַצאָלט מיט כלל-געלטער דאָס „רעאַליזירן" פון אַ ביז גאָר טרויעריק געוואָרע־נער „איניציאַטיוו", נאָר מען האָט — מיט די זעלבע געלטער — פינאַנסירט, פון אָנהויב ביז צום סוף, אויך די פארבלענדונג און פאַרשפּרייטונג־מיטלען.

לייענענדיק די פאָרליגנדיקע זאַמלונג פון מאַטעריאַלן און דאָקומענטן, וועט דעריבער יעדער אָנשטענדיקער ייד דערזען נישט בלויז די סקאַנדאַליעזע אַנטוויקלונג פון דעם עיקר-ענין נאָר אויך די כלערליי מאַכינאַציעס און דעם אמתן פרצוף פון אַ סך יידישע „פּאַרזאָרגער".

דער סיפור־המעשה איז אַ באַקאַנטער. לאָמיר דעריבער דער־מאָנען אים דאָ בלויז בקיצור :

אַ פּאַריזער ייד, מיטן נאָמען יצחק שניערסאָן, איז אַרויס־געטרעטן מיט אַ פּראָיעקט אויפצושטעלן, אין פּאַריז, אַ מאָנומענ־טאַלן „דענקמאָל פארן אומבאַקאַנטן יידישן מאַרטירער". די יידישע עפנטלעכקייט האָט זיך תיכף־ומיד, קלאָר און נישט דערלאָזנדיק צו קיין שום ספק, קעגנגעשטעלט דער דאָזיקער איניציאַטיוו און באַ-צייכנט דעם גאַנצן פּראָיעקט אַלס אַ שעדלעכן.

די רבנים האָבן דערקלערט, אַז ער איז אין אַ פולער סתירה מיט דער יידישער רעליגיע.

די יידישע פובליציסטן האָבן פעסטגעשטעלט, אַז ער אַנט־שפּרעכט אַבסאָלוט נישט דער יידישער טראַדיציע פון באַערן אונ־זערע קדושים און העלדן.

פון אַלע זייטן האָט מען, ווי אַמשנעלסטן פּראָטעסטירט :

— קעגן אויפשטעלן אַזאַ „צענטראַלן" מאָנומענט דווקא אין פּאַריז;

— קעגן פאַרטאַכלעווען, און דווקא אין איצטיקן מאָמענט, שווערע הונדערטער מיליאָנען פאַר דעם צוועק.

דער איניציאַטאָר פונעם פּראָיעקט האָט זיך אָבער אפילו

נישט אָנגעהויבן צו פאַרנעמען מיט די אַלע שטימען. ער האָט גע־האַט זיינס אַ „מעטאָד". די דאָזיקע מעטאָד הייסט אַ מאָראַלישער שאַנטאַזש און זי איז אָנגעווענדעט געוואָרן אין איר גאַנצער רחבות און אין אַלע שאַטירונגען.

קודם־כל האָט ער איינגעלאַדן אין אַזוי גערופענעם „וועלט־קאָמיטעט" אַ ריי פּראָמינענטע נישט־יידן, וועלכע (נישט אָריענ־טירנדיק זיך אין דעם ענין און זייענדיק איבערצייגט, אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַ ווונטש פון יידישן פאָלק), האָבן געגעבן זייער נעמען.

מיט די דאָזיקע נישט־יידישע נעמען האָט מען מאָראַליש און פּאָליטיש אויסגעשפּאַנטאַזשירט עטלעכע נעמען פון באַוווסטע יידי־שע פּערזענלעכקייטן.

שפּעטער איז געקומען דער שאַנטאַזש קעגן יידישע צענטראַלע פאָנדן, וועלכע מען האָט געדראָט מיט אָנהויבן אַ קאָנקורענץ-זאַמ־לונג (הגם די לעצטע זאַמלונג האָט מען סיי ווי געמאַכט און מען האָט זיך איבערצייגט, אַז זי וועט די געווונטשענע הונדערטער מיל־יאָנען נישט געבן).

נאָך שפּעטער האָט מען שאַנטאַזשירט מיט די שוין געמאַכטע שריט און מיט דער מעגלעכער קאָמפּראָמיטאַציע אין די אויגן פון די אַריינגעצויגענע נישט־יידן, הגם די לעצטע האָט מען אַריינגע־צויגען און די פאַרפליכטונגען גענומען — ווי מיר האָבן שוין באַ־מערקט — אָן קיין שום מאַנדאַט מצד דעם יידישן פאָלק.

איבער אַלעמען האָט מען אָבער — פון אָנהויב אָן — שאַנ־טאַזשירט אונזערע סענטימענטן פון פּיעטעט פאַר אונזערע קדושים.

גלייכצייטיק מיט דעם שאַנטאַזש האָט מען פונאַנדערגעבלאָזן אַ מוראדיק עקלדיקע רעקלאַמע, ווי עס וואָלט זיך געפּאַסט פאַר אַ ריין־סוחרישן ענין, — און אויך די דאָזיקע אָפּשטויסנדיקע רעקלאַ־מע (וואָס האָט אָפּגעקאָסט א ים מיט געלט!) האָט מען געצאָלט מיט געלטער פון דעם זעלבן יידישן כלל, וועלכער איז געווען אויסדריק־לעך קעגן דער גאַנצער אַפּערע.

אין לויף פון דער אַקציע האָט מען זיך, אין דער דערמאָנטער רעקלאַמע, נישט אָפּגעהאַלטן פון כלערליי „איבער־אַנדערשונגען".

מען האָט געפעלשט קאָמוניקאַטן און רעזאָלוציעס פון יידישע אָרגאַניזאַציעס.

אין דער יידישער פרעסע האָט מען, עפנטלעך, כסדר געפאָדערט אַן אמתע קאָנטראָל. מ׳איז כסדר אַרויסגעטראָטן מיט באַשולדיקונגען און געפאָדערט אַן ענטפער. קיין שום פרעציזן ענטפער האָט דער „איניציאַטאָר" נישט געגעבן; קיין שום באַפרידנדיקער פינאַנסיעלער קאָנטראָל־באַריכט, איז נישט געוואָרן פאַרעפנטלעכט. דאָס רעדט פאַר זיך, בפרט ווען עס האַנדלט זיך נישט אין עפעס א קליייניקייט, נאָר וועגן הונדערטער מיליאָנען פון געזעלשאַפטלעכע געלטער.

דער קולמינאַציע־פונקט פון דעם גרויזאַמען מיסברויך מיט יידישע פיעטעט, איז אָבער געקומען צום אויסדרוק ביי די פאָרמען, וועלכע דער פראָיעקט האָט אָנגענומען אין די פאַר־לעצטע עטאַפן פון זיין רעאַליזאַציע: איידער מען האָט נאָך אויסגעבויט דעם בנין, זענען שוין באַקאַנט די שוין געשלאָסענע אָפּמאַכן וועגן איבערגעבן איין אָדער אפילו צוויי שטאָקן פאַר אַדמיניסטראַטיווע ביוראָס פון „פאָן סאָציאַל זשוויוו אוניפיע". מיט א געשעפט האָט זיך אָנגעהויבן און עס ענדיקט זיך מיט א געשעפט.

האָט דען דער דערמאָנטער „פאָנד סאָציאַל" נישט געקענט, אויב ער נויטיקט זיך שוין אין אַ הויז, אים אַליין אויסבויען? אָן הערן שנייערסאָן? און אָן מיסברויכן די יידישע סענטימענטן פאַר אונזערע מאַרטירער?

וועגן דעם אַלעמען וועט זיך דער לייענער באַקענען אין די ווייטערדיקע טיילן פון דעם פאָרליגנדן בוך.

דאָ וויל איך בלויז אויפקלערן די סיבות, וועלכע האָבן מיך געבראַכט צו פאַרעפנטלעכן די דאָזיקע זאַמלונג פון דאָקומענטן:

הן דער הויפּט־איניציאַטאָר פונעם פראָיעקט פון „מאָנומענט פאַרן יידישן מאַרטירער" הן זיינע מיטאַרבעטער און הן די אַלע יידישע „פאַרזאָרגער", וועלכע פירמירן אים און פאַרזיכערן די סובווענץ־צוטיילונגען פון געזעלשאַפטלעכע געלטער, ווייסן זייער גוט, אז זיי טוען דאָס אַלץ קעגן דעם ווילן פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט און קעגן דער יידישער עפנטלעכער מיינונג.

טאַקע זיי, די זעלבע וואָס ווילן כלומרשט באַפעסטיקן — דורך דעם מאָנומענט — דעם יידישן זכרון, טאַקע זיי רעכענען צו פיל אויף א קורצן זכרון ביי יידן.

זיי זענען איבערצייגט, אַז מען וועט פאַרגעסן סיי די אומ־צאָליקע פראָטעסט־שטימען, הן די אומגלויבלעכע מעטאָדן, מיט וועלכע זיי האָבן זיך באַנוצט און הן זייערע אופנים פון באַלעבאַ־טעווען מיט געזעלשאַפטלעכע הונדערטער מיליאָנען, — און אַזוי אַרום וועלן זיי בלייבן, נאָך א באַמבאַסטישע דערעפנונג (מיט „נע־מען" און מיט אַ ים אויסגעגעבענע געלטער!) די „קרבנות־פולע", די „אומדערמידלעכע" און די „פאַרדינטע שעפער".

איז במילא דער ציל פון מיין בוך צו פאַראייביקן דעם אמת. זאָל טאַקע יעדער ייד וויסן, ווער זענען זיינע „באַזאָרגער" און וואָס שטעקט אין דעם באַמבאַסטישן „ווערק". זאָלן טאַקע ווערן פאַראיי־ביקט די אַלע דאָקומענטן, וואָס אילוסטרירן דעם גאַנצן לויף פון דער אפערע. זאָלן טאַקע ווערן פאַראייביקט די עפנטלעך־פראָקלאַ־מירטע מיינונגען פון די אמתע רעפרעזענטאַנטן פון דער יידישער געזעלשאַפט.

אויב, מחמת דער צינישער האַנדלונג מצד געוויסע יידישע „פאַרזאָרגערס", האָבן מיר נישט באַוויזן אָפּצוראַטעווען די הונ־דערטער מיליאָנען פון יידישן געלט, אויב — צוליב דער זעלבער סיבה — האָבן מיר נישט געקענט נישט צו דערלאָזן צו באַליידיקן די יידישע געפילן, וועלן מיר פונדעסטוועגן אָפּראַטעווען כאָטש דעם כבוד פון דער יידישער, עפנטלעכער מיינונג:

די דאָזיקע זאַמלונג פון דאָקומענטן וועט זאָגן עדות, אַז מיר זענען נישט קיין סטאַדע פון נאַראָנים און, אַז די יידישע עפנטלעכע מיינונג האָט אָן אויפהער געזאָגט און אפילו אַרויסגעשריגן דעם אמת.

אברהם רודי.

## מנחם באַרײַשאַ

# אַ מאָנומענט אויף אונזער חורבן

וועט שטיין אַ מאָנומענט אויף ריווערסייד דרייוו ביי דער 84־טער גאַס — אַ שטיינערנער מאָנומענט נאָך די מיליאָנען אומגעבראַכטע אין די גאַזקאַמערן און גבורים פון דער וואַרשע־ווער געטאָ. מ'האָט שוין געלייגט דעם ווינקלשטיין. מיט גרויס פּאַראַד האָט מען עס געמאַכט. אַ ספּעציעלע פּלאַטפּאָרמע געבויט פאַר די חשובע געלאַדענע געסט. אַמבאַסאַדאָרן האָבן מעדאַלן געבראַכט פון זייערע רעגירונגען פאַרן „אומבאַקאַנטן יידישן סאָלדאַט", דיפּלאָמאַטן האָבן זייער סימפּאַטיע צוגעטראָגן, גלחים האָבן די ברכה געבראַכט פון זייערע קירכעס, ראַביים האָבן תפילות געזאָגט, אַ חזן האָט אַ „מלא" געמאַכט און דער מאַיאָר פון דער שטאָט ניו־יאָרק בכבודו האָט דעם ווינקלשטיין געלייגט, און אויף מאָרגן האָט די „טיימס" אין אַן עדיטאָריאַל פרום צוגעווונטשן, אַז דער ווינקל־שטיין זאָל ווערן אַן „אייביקער פונדאַמענט פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון „גודוויל" און פאַרשטענדיקונג אין אונזער אייגן לאַנד און צווישן אַלע פעלקער פון דער וועלט".

וועט שטיין אַ מאָנומענט אויף ריווערסייד דרייוו. דזשאָ דייווידסאָן, דער סקולפּטאָר, וואָס האָט געמאַכט ביוסטן פון פּרעזידענטן און אַנדערע גרויסע לייט, וועט אים אויסהאַקן פון שטיין און ער וועט אויפגעשטעלט ווערן קעגנאיבער די ריזיקע אַפּאַרטאַמענט־הייזער מיטן פּנים צום ברייטן האדסאָן. און אַז די גוטע שעה וועט קומען און מען וועט אים דאַרפן אויפדעקן, וועט מען מסתמא מאַכן נאָך אַ פּאַראַד און ווידער וועלן גלחים און דיפּלאָמאַטן קומען מיט באַגריסונגען און די „טיימס" וועט זאָגן נאָך אַ גוט וואָרט און מען וועט ווידער פאַרשפּרייטן „גודוויל".

קיין עפנטלעכער אַקט פון אמעריקאַנער יידן האָט מיט אַזאַ נאַאיווער און ערלעכער אומפאַרשעמטקייט נישט דעמאָנסטרירט

פּאַר אונז אַליין אין וואָס פאַר אַ נעצן עס האָט זיך פאַרפּלאָנטערט דאָס ביסל יידישע באַוווסטזיין דאָ ביי אונז.

האָט איר עפּעס געוווסט וועגן דעם דאָזיקן פּאַראַד און האָט מען אייך געלאַדן צום וואָרט, אייך — ה׳ לייוויק און אהרן ציטלין, יעקב גלאַטשטיין און א. לעיעלס, קאַדיע מאָלאָדאָווסקי און ישראל אפרת, אייך וואָס איר האָט צוזאַמען מיטן קדוש יצחק קאַצענעלסאָן און זיי צו לענגערע יאָר אברהם סוצקעווער, חיים גראַדע, ז. סעגאַלאָוויטש און אַנדערע אָנגעשריבן די גרויסע איכה אויף די אומגעבראַכטע מיליאָנען? ניין, אייך האָט מען צום וואָרט נישט גערופן. אייך האָט מען נישט געדאַרפט, וועגן אייך האָט מען אפשר גאָרנישט געוווסט. ווייל ווער זענט איר בסך־הכל? געטאָ־יידן! דורך אייערע געהירן איז דורכגעגאַנגען דער גרויל און די מיסטעריע פון אונזער אומקום און זיין, איר האָט פינצטערע און ברענענדיקע וויזיעס געזען, איר האָט אַליין געוואָלט מיט דער מיסטעריע זיך צונויפגיסן. איז צו וואָס טויגט איר? ווי אַזוי קענען זיך אייערע בריענדיקע ווערטער צונויפפּאָרן מיט די ווערטער פון גלח וואָס קומט מיט דער ברכה פון זיין עמינענץ קאַרדינאַל ספּעלמאַן, דעם פּרינץ פון דער קאַטוילישער קירכע? ווי קומט איר צווישן דיפּלאָמאַטן און הויכגעשטעלטע לייט? קען מען דען פון אַלע פערזן אייערע אַרויסקוועטשן כאָטש איין אונץ פון דעם זיסן גודוויל נאָך וועלכן מיר זענען אַזוי להוט?

האָט איר עפּעס געוווסט וועגן דעם פּאַראַד און האָט מען אייך גערופן צום וואָרט, איר נתן עק, בערנאַרד גאָלדשטיין, וולאַדקע און אַלע דאָ וואָס האָבן זיך מיט נסים געראַטעוועט כדי אַהערצוברענגען די צייכנס פון די געטאָ־פייערן וואָס האָבן זיך אין אייך איינגעברענט? אייך האָט מען אויך נישט געדאַרפט, ווייל איר וואָלט דאָך צום פּאַראַד געקומען מיטן פּראָסטן זשאַרגאָנישן לשון, מיטן לשון אויף וועלכן די גבורים פון דער געטאָ האָבן מקדש השם און מקדש האומה געווען, און ווי וואָלט איר זיך אַריינגעפּאַסט אין די רייד פון די דיפּלאָמאַטן, גלחים און אַלע הויכגעשטעלטע לייט?

און איר, פרומע אַלטמאָדישע יידן, וואָס איר האָט טרערן פאַרגאָסן און תעניתים געפּאַסט אויפן חורבן, האָט מען אייך גערופן צו

מאכן דעם טאָג פון פאַראַד אַ טאָג פון געדעכעניש, פון תפילות און תענית ? אוודאי נישט ! ווייל וואָס פאַר אַ פאָר זענען פאַראַד און תענית ? און אפשר האָבן זיי אויך געשפירט, די פאַראַד־מאכער, אז דאָס וואָס זיי טוען מוז אייך זיין פרעמד און דערווידער, ווייל עס איז מעשה־גוייםדיק, ווייל עס איז אַ פארלייקענונג פון יידישן גאַנג דורך דורות.

***

מיר זענען אַ פאָלק זאַט מיט חורבות און קאַטאַסטראָפעס. וואָס פאַרא מאָנומענט האָבן מיר געשטעלט נאָך אונזערע אומגעקומענע, מיט וואָס האָבן מיר פאראייביקט די געדעכעניש פון אונזערע חור־בות ?

נאָכן חורבן בית ראשון האָט יחזקאל געזען די וויזיע פון טאָל מיט טויטע ביינער און דער צווייטער ישעיה האָט דערלייזונג אָנ־געזאָגט, און זיבעציק יאָר שפּעטער האָבן עזרא און נחמיה דאָס פאָלק צונויפגעבונדן אין אַ נייעם בונד מיט דער תורה. אָט די נבואה און די באַנייאונג פון בונד מיט דער תורה איז געווען דער מאָנומענט נאָכן ערשטן חורבן.

דער צווייטער חורבן האָט זיך נאָך נישט געהאַט פאַרענדיקט ווען יוחנן בן זכאי האָט געגרינדעט די ישיבה אין יבנה כדי אויפן פּלאַץ פון דער פאַרברענטער אילוזיע פון אַ פּאָליטישער מאַכט אויפצובויען די מאַכט פון דער תורה וואָס זאָל דאָס צעשאָטענע פאָלק צונויפהאַלטן. האָט זי איינגעשמעלט די מאַכט — פריער אין חורבן אר״ץ ישראל און שפּעטער אין בבל, און די משנה און דער תלמוד ירושלמי און בבלי זענען געוואָרן דער מאָנומענט נאָכן צווייטן חורבן.

נאָך גירוש שפּאַניע האָט ר׳ יוסף קארו דעם „בית יוסף״ פאַר־פאַסט און דערנאָך דעם „שולחן ערוך״, און ר׳ חיים וויטאל האָט אין נאָמען פון אר״י יעדער וואָרט פון יעדער תפילה אָנגעלאָדן מיט כוונות און שליחותן,ביידע שולחן ערוך און דעם אר״ים קבלה מעשיות האָבן זיך פאַרשפּרייט בכל תפוצות ישראל און דעם פאָלק

א נייעם אָנהאַלט און אויפהאַלט געגעבן. נאָך גזירות ת"ח ות"ט איז אויפגעקומען פריער דער פאַלשער שבתי צבי און דערנאָך דער אמתער ר' ישראל בעל שם טוב און אָנגעצונדן א תורה פון ווילן און פרייד אין די געפאַלנסטע פון פאָלק. דאָס זענען געווען די מאָנומענטן נאָך גירוש שפּאַניע און גזירת ת"ח ות"ט.

ווייל יעדער חורבן, יעדע קאַטאַסטראָפע איז ביי יידן באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ נסיון, און אַ נסיון גייט מען נאָכזוכן די אייגענע דרכים און מען זוכט אין זיך נייע שטאַרקייט צו קענען דעם נסיון אויסהאַלטן. און יידן האָבן אַלעמאָל געגלויבט, אַז די שטאַרקייט איז פאַראַן — אין אונז אַליין, אין אונזער תורה. אויב מיר געפינען זי נישט, דאַרף מען בעסער, גרינטלעכער זוכן, טיפער, העכער באַנעמען. דורך די נסיונות איז אונזער אמונה דערהויבן און פאַרטיפט געוואָרן, דורך זיי האָט זיך דער איינצלנער מענטש געלייטערט און איז געקומען צו טיפער דערקענונג פון זיין גורל און אחריות, און דאָס פאָלק האָט זיך ענגער צנויפגעקניפּט אין אומגליק און נסיון און געשאַפן די געבונדנקייט וואָס מיר רופן „יידישקייט".

האָט געפעלט גבורה און קדושה אין אַלע געשיכטלעכע נסיונות פון חורבן בית ראשון ביז גזירת ת"ח ות"ט? איז יידן אַמאָל איינגעפאַלן צו שטעלן שטיינערנע אָדער בראָנזענע מאָנומענטן נאָך די עשרה הרוגי מלכות, נאָך די אומגעקומענע אין די שלאַכטן מיט די קרייץ־טרעגער, נאָך די פאַרברענטע אויף די שייטערהויפנס? קינות און תפילות און פיוטים זענען די מאָנומענטן געבליבן. דענקמאָלן פון שטיין און בראָנז איז מעשה גויים. יענע וואָס בויען זיך פעסטונגען פון גראַניט און פירן מלחמה מיט געשלייפטן מעטאַל — —זיי שטעלן אויך זייערע העלדן מאָנומענטן פון שטיין און מעטאַל. אונזער פעסטונג איז געווען אמונה און אונזער וואפן דאָס וואָרט — פון זיי האָבן מיר אויך מאָנומענטן געשטעלט פאַר אונזערע גבורים און קדושים.

און אויך נאָך דעם איצטיקן חורבן, ווען מען האָט אין ארץ ישראל שוין יאָ פאַרטראַכט אַ מאָנומענט לויט פּלענער פון קינסטלער — וואָס דאַרף עס זיין? אַ ריזיקער בנין וואָס זאָל אין זיך אריינגעמען אַלע ארכיוון, אַלע דאָקומענטן און געשיכטלעכע מאַ־

טעריאַל וועגן די אומגעקומענע קהילות; אויך אַ ביבליאָטעק, לייען־זאַלן, אַ ישיבה, אַן אַקאַדעמיע. אויף אַ באַרג אין ירושלים זאָל שטיין נישט אַ שטיינערנער גולם, נאָר אַ בנין וואָס זאָל אויפֿהיטן דאָס וואָרט, די געשיכטע פֿון די יאָרהונדערטער לעבן אין די אומגעקומענע קהילות, און דער בנין זאָל אויך זיין אַ בית־ועד פֿאַר אַלע די וואָס ווילן די געשיכטע לערנען, פֿאָרשן און נייע יוערטן שאַפֿן פֿון דעם וואָס איז חרוב געוואָרן. דאָס דאַרף זיין דער „יד ושם” אין ארץ ישראל.

אָבער די אמתע יורשים פֿון די אומגעקומענע מיליאָנען זענען מיר דאָך, מיר וואָס מיט אונזער צאָל האָבן מיר ווידער געשאַפֿן אַ ישוב אַזוי ווי ס'איז געווען דער אומגעבראַכטער. דער המשך פֿון גרויסן יידישן לעבן צווישן די פֿעלקער זענען מיר, נישט ארץ ישראל. און פֿונעם ערשטן מאָמענט זינט עס איז באַקאַנט געוואָרן די גרויס פֿונעם חורבן האָט מען ביי אונז געוווּסט וואָס ער מאָנט פֿון אונז: פֿאַרצענפֿאַכן אונזער אייגענעם געראַנגל פֿאַר יידישן קיום. עס וועט מער נישט קומען קיין תורה פֿון ווילנע און וואַרשע — אין ניו־יאָרק און שיקאַגאָ דאַרף זי געשאַפֿן ווערן. שיפֿן וועלן מער נישט ברענגען קיין שרייבער און לערער און קינדער וואָס זאָלן דאָ ווערן פּאָעטן, מוער, פֿאָלקס־פֿאַרזאָרגער, רבנים און ראַבאַים — מיר אַליין דאַרפֿן זיי אויסהאָדעווען. דער ניגון, די התעוררות פֿון אַ יידיש לעבן וועט זיך מער נישט אַריבערטראָגן פֿון דאָרטן — מיר מוזן זיך אַן אייגענעם יידישן ניגון שאַפֿן. איז וואָס האָט עס געמיינט? אַ גאַנג צו זיך און די העפּטיקסטע מלחמה מיט אַלין וואָס צעשטערט אונז פֿון אינעווייניק און פֿון דרויסן. עס האָט געמיינט אַ מלחמה פֿון מויזנטער רבנים און ראַבאַים, לערער, רעדנער, טוער מיט דער אַסימילאַציע, וואָס צעדריבלט אונז. עס האָט געמיינט הונדערטער נייע, קינדער־שולן, מיטל־שולן, הויך־שולן, קורסן. עס האָט געמיינט פֿאַרלאַגן פֿאַר ביכער מיט קאַמפּאַניעס פֿאַר דער פֿאַרשפּרייטונג פֿון די ביכער, עס האָט געמיינט אַ מלחמה מיטן קריסטמעסבוים און אַלע אַנדערע פֿרעמדע זיטן און מנהגים, וואָס האָבן זיך אין יידישן הויז אַריינגעריסן. עס האָט געמיינט אַ פֿראָנט־אַטאַקע אויף אַלץ וואָס רייסט אָפּ פֿון אונז די יוגנט. עס האָט געמיינט —

ווידער שאפן א בונד צווישן פאלק און זיין תורה — וואס פארא זין עס זאל אין דעם ווארט „תורה״ נישט אריינגעלייגט ווערן. קיינער האט נישט דערוואַרט קיין רעוואָלוציע אין דער יידישער אמעריקע, קיין מאסן־גאנג צו תשובה אין א יאר און צוויי. נאך קיין שום פריערדיקן חורבן איז די תשובה און דער נייער בונד מיט דער תורה נישט געקומען אויף מארגן. אויך דא וועט עס דויערן דורות. אבער זאל דער דור פון היינט, דער דור וואס איז געווען אן עדות פון חורבן, וויסן אז ער לייגט דעם פונדאמענט, אז ער ווייזט דעם דור פון מארגן מיט וואס און ווי אזוי ער קען זיין המשך בויען.

און אויב שוין א מאָנומענט, האט דאך עס ווייניקסטנס געקענט זיין עפעס פון דעם מין וואס ווערט געבויט אין ארץ־ישראל — מיר דארפן עס מער ווי דארט. ווערן דאך שוין ווייטער מיליאנען און מיליאנען דאלארס אויסגעגעבן אויף נייע צענטערס מיט נייע מאניץ־זאלן און גימנאסטיק־זאלן און שווים־פלעצער. ווערן דאך מיליאנען יעדן יאר אויסגעגעבן אויף כלערליי לאקאלע צוועקן. האט מען אויך דא נישט געקענט פארטראכטן א צענטראלן אינסטיטוט פון יידישער תורה און קולטור — א גראנדיעזן יידישן אוניווערסיטעט און מוזיי און ארכיוון און פארלאג — עפעס וואס זאל סימבאליזירן דעם פינף־מיליאניקן ישוב מיט זיין ווילן און דראנג צו פארנעמען דעם פלאץ וואס אים קומט אין דער יידישער געשיכטע; אן אוניווערסיטעט וואס זאל העלפן צושטעלן די לערער און די טוער, וואס זאל הייבן די חשובות פון יידישן לערנען אין די אויגן פון דער אפגעפ־עמדטער יוגנט?

אבער דאס וואלט דאך געמיינט גיין צו זיך און טראכטן וועגן אייגענעם היסטארישן המשך. און ווי קען מען גיין צו זיך, אז מען האט דעם גאנצן גאנג צו היסטארישער יידישקייט איבערגעלאזט פאר די יידן אין ארץ ישראל, און דא לעבט מען נישט מער אין זיך אליין, און מיט זיך, נאר פארן דרויסן, פאר דער גאס, פארן אמעריקאנער מארק. דער ראביי וואס האלט א דרשה אין זיין שול רעדט, דאכט זיך, צו יידן, אבער די תשוקה און דער חלום זיינער איז, אז ער זאל זיך קענען דערשלאגן צו א פאר פאראגראפן פון זיין דרשה אין דער „טיימס״. וואס פאר א פנים קען האבן דער כלומרשט יידי־

שער תוך ווען ער דאַרף כסדר שמימען מיטן גוסט פון אַמעריקאַ־נער מאַרק? אונזערע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס רייסן זיך נישט און קאָנקורירן נישט צווישן זיך, אין די גרעניצן פון אַ פאָלקס־לעבן, נאָר טראָגן די קאָנקורענץ און די רייסערייען אַרויס אין דרויסן, און דער דרויסן ווערט דער שופט צווישן זיי. און די מגפה פון „גודוויל" האָט דאָך אוודאי און אוודאי אַרויסגעטראָגן אַלץ אין דרויסן אַריין. איז נישטאָ מער קיין „מיר", קיין „ביי אונז", קיין „צווישן זיך". אַלץ שטייט מיטן פּנים צום דרויסן און מענהט, בעט זיך, חלשט ממש אַז מען זאָל קענען זאָגן: „מיר ביי אייך", „מיר צווישן אייך", „מיר מיט אייך". און אַז עס קומט אַ חורבן, אַז אַ דרימל פון פאָלק ווערט אויסגעראָטן, אַז עס עפנט זיך אַ תהום, וואָס די וועלט האָט נאָך נישט געזען, און פון דעם תהום שיינט אַרויס אַ קדושה וואָס איז אונזער אָנהאַלט און אויפהאַלט — אונזער אָנהאַלט און אונזער אויפהאַלט — קען מען אויך אַנ־דערש נישט טראַכטן ווי נאָר: ווי אַזוי קויפט מען זיך פאַר דער קדושה איין אביסעלע „גודוויל". וועלן קינות און תפילות ברענגען „גודוויל"? וועט אַ קריג מיט דער אַסימילאַציע ברענגען „גודוויל"? וועט אויפהאַלט פון היסטאָרישן המשך ברענגען „גודוויל"? מען טראַכט נאָר ווען זיך איינקויפן אין חן ביי גוים און מען מוז טראַכטן גויאיש. און אויב גויאיש, אויף געצנדינעריש־גויאיש, מוז פון די קדושים אין די גאַז־קאַמערן און די גבורים פון דער געטאָ ווערן, אַן אומבאַקאַנטער סאָלדאַט", און דעם „סאָלדאַט" דאַרף מען שטעלן אַ שטיינערנעם מאָנומענט, און דעם פּאַראַד ביים לייגן דעם ווינקלשטיין וועט מען קענען פאַרקויפן פאַר אַ היפּשער פּאָר־ציע גודוויל: מיט מעדאַלן און דיפּלאָמאַטן און אַ קאַטוילישן גלח און אַ פּראָטעסטאַנטישן גלח.

***

קונסט־מענטשן ווייסן מסתמא ווי טיף און אָריגינעל אַ סקולפּ־טאָר עס איז דזשאָ דייווידסאָן. ווען ער וואָלט געווען אַ ייד און מען קומט צו אים מיט אַ באַשטעלונג פון אַ דענקמאָל פאַר די מיליאָ־נען אומגעבראַכטע און די גבורים פון דער געטאָ, וואָלט ער געזאָגט:

— לאָז מיך אָפּ! עס זענען דאָ אַזעלכע אימהדיקע הייליקייטן צו וועלכע אַ קינסטלער טאָר זיך נישט צורירן. ווי קען איך וואַגן זיך צו פאַרמעסטן אויף אַן איינציקער געשטאַלט וואָס זאָל סימבאָליזירן אַפילו אַ שאָטן פון דעם תהום פון אומקום, אַפילו אַ שטראַל פון דער גבורה פון געטאָ?

און ער וואָלט געזאָגט:

— אויך פאַר דעם אומבאַקאַנטן סאָלדאַט, דעם פּשוטן זעלנער פון שלאַכט־פעלד, האָט מען אין פּאַריז בלויז אַ נר תמיד אָנגע-צונדן. ווי קען איך וואַגן אויסגעשטאַלטן עפּעס וואָס זאָל איבער־געבן כאָטש אַ ציטער פון דעם גאַנג פון די טהורים וקדושים?

אָבער ער האָט עס נישט געזאָגט. דער חלול הקודש האָט אים נישט אָפּגעשטעלט. דער יידישער גאַנג פון אַלע דורות איז נישט אויפגעקומען אַרויסצורופן אין אים אַ דערווידער־געפיל, אפשר גאָר אַ צאָרן־געפיל, קעגן דער גוּאיש־קייט פון דעם געדאַנק פון אַ שטיי־נערנעם מאָנומענט. פאַרוואָס זאָל ער זיין בעסער, יידישער ווי די וואָס זענען צו אים געקומען מיט דער באַשטעלונג? פאַר אים אויך איז עס אַ טעמע פון אַ „העלד" — אַ העלד פון דער געטאָ. אויף העלדן פאַרשטייען זיך אַלע: אי די יידן וואָס וווינען ביים ריווערסייד דרייוו, אי די נישט־יידן. און אַ „העלד" אויפן ריווערסיד דרייוו דאַרף שטיין אַזוי, אַז ער זאָל זיך נישט פאַרלירן קעגנאיבער די ריזיקע אַפּאַרטאַמענט־הייזער, אַז ער זאָל זיך אַרויסזען פון צווישן די גרינעביימער, אַז ער זאָל קענען טראָגן אויף זיך אי דאָס ליכט פון הימל אי דעם אָפּשיין פון ברייטן האדסאָן. און פאַרשטייט זיך, אַז דער העלד דאַרף נישט איבערשרעקן די מאַמעס מיט די קליינע קינדער און די יונגע פּאַרלעך וואָס שפּאַצירן אויפן דרייוו — ער דאַרף זיין אַ גאָבעלער העלד, אַ העלדישער העלד. וועט ער שוין מסתמא זיין אַזאַ און וועט זיין גוט פאַר אַלעמען: פאַרן האד־סאָן און פאַרן גרינס, פאַר די גלחים און פאַר די יידן וואָס וווינען אַרום דרייוו, פאַר די מאַמעס מיט די קינדער און פאַר די פאַרליבטע פּאָרלעך.

וועלן אַמאָל טאַטעס פירן זייערע קינדער און לערער זייערע

תלמידים צו דעם מאָנומענט, כדי זיי צו דערציילן די געשיכטע פון חורבן, פון קדושה און גבורה ? אפשר... נאָר א מאָנומענט אויפן חורבן וועט עס זיין. נישט אויפן חורבן דאָרטן, נאָר אויפן חורבן דאָ ביי אונז — אויפן חורבן פון יידישן דרך און יידישן טראַכטן, פון וועג צו זיך און וועג צו די אבות. עס וועט זיין א מאָנומענט וואָס וועט דערציילן ווי ווייט מיר קענען זיך פאַרלירן, אז מיר זענען גרייט אויך דעם מוראדיקסטן נסיון אונזערן אַרויסצוטראָגן אויפן מאַרק כדי פאַר אים איינהאַנדלען אַביסעלע „גודוויל".

***

## באַמערקונג :

דער דאָזיקער, פּלאַמיקער עסיי איז געוואָרן פאַרעפנטלעכט אין דעצעמבער 1947 ד"ה א סך, א סך פריער, איידער ס'איז נאָך אויסגעבראָכן דער „פּראָיעקט פונעם פּאַטראָן פון דער פּאַריזער טויטן־פירמע".

דער פּרעכטיקער עסיי פון דעם גרויסן יידישן דיכטער, מנחם באָריישא ז"ל, באַציט זיך צו אַן אַנדערן מאָנומענט, וועלכן מען האָט פּלאַנירט אויפצושטעלן אין ניו־יאָרק. לייענענדיק דעם אויס־פיר פון גרויסן דיכטער איז אָבער נישט מעגלעך, און דאָס ביי יעדער שורה, נישט צו טראַכטן וועגן דעם פּאַריזער, אָדער — בעסער געזאָגט — וועגן דעם הער שנייערסאָנס קאָמבינאַציע.

דער פאַקט, וואָס די דאָזיקע איינשטעלונג איז געקומען צום אויסדרוק, אַזוי קלאָר, שוין אין 1947 יאָר, האָט אַ גאַנץ באַזונדערע אויסשפּראַך, וועלכע קיינער צווישן די שנייערסאָנס־לייט וועט נישט קענען פאַרשרייען.

אַנדערש געזאָגט : הער שנייערסאָנס „פּראָיעקט" איז געווען נישט מער ווי אַ פּשוטער פּלאַגיאַט פון אַ געדאַנק וועלכער איז געווען שוין אויסדריקלעך פאַראורטיילט דורך די אמתע פאָרשטייער פון דער יידישער קולטור.

דאָס איז דער בעסטער ענטפער אויף די טענות, „פאַרוואָס מען האָט זיך נישט אַרויסגעזאָגט פריער".

צווייטנס : דער אַמעריקאַנער פּראָיעקט איז נישט געוואָרן אויסגעפירט טראָצדעם, וואָס מען האָט שוין אויך דאָרט געלייגט דעם שטיין, אָפּגעהאַלטן רעדעס, איינגעלאדן נישט־יידן א. א. וו.

וויאזוי האָט דעריבער געקענט פּאַסירן, אַז אַ פּלאַגיאַט האָט מען פונדעסטוועגן יאָ רעאַליזירט ?

האָט דען אפשר פאריז און פראַנקרייך מער רעכט צו זיין אָנערקענט אַלס דער צענטראַלער יידישער ישוב אין די גלות־לענדער? כימיין אַז אבסאָלוט קיינער וועט עס נישט וואַגן צו זאָגן.

דער ענטפער איז אָבער אַ פּשוטער :

1) אין אַמעריקע האָט מען זיך יאָ געדעכנט מיט דער יידישער עפנטלעכע מיינונג. דאַקעגן האָט זיך פון איר שנייערסאָן האָט זיך פון איר אָפּגעלאַכט.

2) ער האָט עס געקענט טון, ווייל ער האָט באַקומען הונדערטער־מיליאָנען. הונדערטער־מיליאָנען פון געזעלשאַפטלעכע געלטער, וואָס זענען אים אָבער געגעבן געוואָרן קעגן דער מיינונג פון דער יידישער געזעלשאַפט.

א. ר.

# אַן אומנויטיקע איניציאַטיוו אין היינטיקער צייט

דער היינטצייטיקער יידישער דאָקומענטאַציע־צענטער און זיין פּרעזידענט ה׳ יצחק שנייערסאָן, האָבן אונז איינגעלאַדן אויף אַ פּרעסע־קאָנפערענץ וועגן זייער פּראָיעקט פאַרן מאָנומענט פון אומבאַקאַנטן יידישן מאַרטירער. ס׳האַנדלט זיך וועגן אַן איניציאַטיוו וואָס — דאַכט זיך — דערנענטערט זיך צום ערשטן עטאַפּ פון איר רעאַליזירונג, דאָס הייסט צום געלטזאַמלען.

לויט דעם שריפטלעכן עקספּאָזע, איבערגעגעבן פאַר דער קאָנפערענץ, וועט דער מאָנומענט־פאַנטעאָן איינשליסן: אַש און געביין פון יידן אומגעקומענע אין פאַרשידענע פאַרניכטונגס־לאַגערן, אַרכיוון און דאָקומענטן וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער יידישער טראַגעדיע, מוזיי, ביבליאָטעק, מאָנומענט און אייביקן פלאַם (נר תמיד). דער מאָנומענט־פאַנטעאָן וועט דאַרפן זיין אויפגעבויט אין פאַריז, צום אָנדענק פון אומגעקומענע יידן אין גאַנץ אייראָפּע.

מערערע רעדנער האָבן געגעבן זייער צושטימונג צום פּראָיעקט: נאָך ה׳ שנייערסאָן, דעם איניציאַטאָר פון פּראָיעקט, האָבן דאָס וואָרט גענומען די הערן מילנער, מאַלקין, שמולעוויטש און פּיער פּאַראַף. אמת זאָגנדיק, האָט יעדער פון זיי געהאַט אַן אַנדער אויפפאַסונג פונעם מאָנומענט. אויב איינער האָט געטראַכט וועגן אַ מין מאָנומענט פאַרן אומבאַקאַנטן זעלנער, אַ צווייטער וועגן אַ מוזעאום, אַ דריטער וועגן אַ היסטאָרישן אינסטיטוט, האָט דער פערטער געוואָלט, אין דער זעלבער צייט, דאָס אַלץ צוזאַמען. דאָס איז אַ גרויסער פּראָיעקט, זייער אַ קאָסטבאַרער, און אַ פאַרנעפּלטער אויך. דער פּראָיעקט האָט קודם כל, און צוליב אַ סך סיבות, געדאַרפט זיין גוט דורכגעטראַכט. דאָ האָט מען נישט געהאַט דעם איינדרוק אַז אַלץ איז געוואָרן אָפּגעוווגן און דורכגעטראַכט פאַרן אָנהויבן פון געלט-זאַמלען.

בכלל האָבן מיר נישט זייער ליב די אומבאַשטימטע פּראָיעקטן, וואָס קאָסטן אַזוי פיל געלט, ענערגיע, און וואָס ווערן געמאַכט

בלינדע־הייט, ווייל גארנישט איז געווען פארוים צוגעגרייט. צום באדויערן, ווערן ביי אונז צופיל זאכן געמאכט אן קיין שום פאראנטווארטלעכקייט, מיט דילעטאנטיזם און נאכלעסיקייט, פונקט ווי יידן וואלטן זיך געקענט דערלויבן צו פארטאכלעווען אין פרוכטלאזע עקספערימענטן. — פארוואס מוז מען זיך אזוי איילן ? סיברענט דען ? און איז עס דען נויטיק פריער אנצוהויבן א זאך און שפעטער ערשט זיך צו באטראכטן ? אויב עס וואלט זיך גע־האנדלט וועגן א פריוואטן ענין, וואלט קיינער נישט געהאט דעם געדאנק זיך פריער אריינצולאזן אין אויסגאבן און ערשט שפעטער צו זען וואס עס קען דערפון ארויסקומען. ביי אונז, הויבט מען אן פון זאמלען געלט, און ערשט שפעטער קלייבט מען זיך צו זען וואס מען וועט מיט זיי טון. אזוי טאקע פלעגט מען מיסברויכן מיט די בעלי־צדקה.

די באהאנדלטע איניציאטיוו שטעלט אבער נאך א סך אנדערע פראבלעמען, זייער וויכטיקע, וועלכע קיינער האט נישט דאס רעכט לייכטזיניק צו באטראכטן. די אנגאזשירטע דאס גאנצע לעבעדיקע ייִדנטום און אויך די טויטע וועלכע מיר דארפן געדענקען. אלע האבן מיר צו באווייגען אונזערע נאענטע, און דעריבער דארפן מיר אין דער דאזיקער פראגע, געבן אלע אונזער מיינונג א לאנגע צייט פארן געבן אונזער געלט, און טראץ אלע סענטימענטאלע ארגו־מענטן.

און פארוואס זאל מען אויפבויען אזא מאנומענט אין פאריז ? די נישט־יידן וועלן עס נישט קענען פארשטיין, און די יידן אויך נישט. נישט אין פאריז זענען די מארטירער פארניכטעט געווארן; עס וואלט געווען נאטירלעכער אויפצובויען א מאנומענט אין־ישראל, ווו קיינער וועט נישט קענען שענדן דעם אנדענק. דער היסטארישער מאמענט שיינט אונז אויך צו זיין שלעכט אויסגעוויילט; גארנישט צווינגט אונז נישט זיך אזוי צו איילן. יידיש געלט האט היינטצוטאג אנדערע צוועקן, מער דרינגענדע, די צענדליקער מיליאנען וואס מען וויל זאמלען פאר א מאנומענט — די נויטווענדיקייט פון וועלכן איז נאך נישט געווארן באוויזן — דארפן דען נישט ווערן פארווענדעט פאר אונזערע צוועקן ?

ס'איז דאָ נאָך אַ סך צו זאָגן וועגן דעם פּראָיעקט, און מען דאַרף דיסקוטירן איידער מען וועט אונז צוועלשטעלן פאַר אַ גע־שעענעם פאַקט. יידן זענען קיינמאָל נישט געווען אַ פאָלק וואָס האָט ליב שטיינער און מאָנומענטן; מיר זענען אַ עם־הספר — און אפילו עם־הספרים; — די טראַגעדיע פון די שפּאַנישע יידן איז אויף אייביק איינגעקריצט געוואָרן אין אונזערע הערצער אָן קיין שום מאָנומענט. מיר טאָרן זיך נישט לאָזן באַווירקן פון סענטימענטאַליזם, מיר טאָרן נישט אַקצעפּטירן אַ מיינונג וועלכע, אפילו ווען זי האָט אין זיך אָננעמבאַרע עלעמענטן, דאַרף נישט ווערן רעאַליזירט אויפן וועג פון אַ צו שנעלער, פּריציפּיטיקער אימפּראָוויזאַציע.

(„ליעלאן נוואָ", נר. 6, פעברואַר 1951)

# בן זאב

## דער שווינדל מיטן שפּילן אויף די סענטימענטן

ס'איז פאַראַן אַ סך נייעס אין דעם ענין פון „קבר פון יידישן מאַרטירער”, וועגן וועלכן מיר האָבן דאָ שוין גערעדט מיט עטלעכע חדשים צוריק. איצט ווערט די זאַך דרינגענד; מען דאַרף זיך באַשעפטיקן ערנסטער מיט דער דאָזיקער מאַקאַברישער לצנות. אַן אָפּעניזיוו, אין אַ באמת גרויסן סטיל, באַגלייט מיט שרייעוודידער רעקלאמע, איז געוואָרן לאַנסירט קעגן די יידישע קעשענעס. די רעפּרעזענטאַנטן פון אונזער ישוב, וועלכע האָבן נישט קיין שום מאַנדאַט, פאַרעקשנען זיך, פאַרן פרייז פון סתם עפּעס כבודים, צו געבן זייער פירמע פאַר דעם פּראָיעקט. זיי ווילן דערביי זיך מאַכן נישט ווויסנדיק סיי וועגן די מאָטיוון און סיי וועגן די דורכפירונגסמיטלען. דאָס אַליין איז פאַר אונז נישט קיין נייעס. די יידישע עפנטלעכקייט טאָר אָבער נישט לענגער טאָלערירן דעם דאָזיקן יאַריד פון פאַלשע טרערן.

ס'איז אמת, אז הויכע נישט־יידישע פּערזענלעכקייטן האָבן געגעבן זייער צושטימונג פאַרן פּראָיעקט. ס'איז פון זייער זייט אַ פיינער זשעסט אָן קאָנסעקווענצן. זיי האָבן עס געטאָן מיט דער איבערצייגונג אונטערצושטיצן אַ יידיש ווערק, גלויבנדיק אַז זיי געבן דערמיט אַ סאַטיספאַקציע די יידן אין דער גאַנצער וועלט, אין דעם באַערן אַזוי פיל טראַגיש אומגעקומענע. זיי ווייסן אָבער נישט, אַז דער יידישער ישוב אין פראַנקרייך האָט קיינמאָל נישט אויסגעדריקט זיין מיינונג וועגן דער דאָזיקער איניציאַטיוו, ווייל מען האָט אים לחלוטין נישט געפרעגט. אַ געשיקטער אָבער אַ טיף־אומערלעכער שווינדל סוגערירט, אַז מינדעסטנס די אָרגאַניזירטע יידן אין אונזער לאַנד שטיצן דעם פּראָיעקט פונעם קבר. די אַלע זשעסטן פון סימפּאַטיע קענען אונז נישט איבערצייגן וועגן אַ זאַך וואָס מיר אַליין האָבן קודם כל זי געדאַרפט דיסקוטירן און זי דע־

צידירן. אפילו אזעלכע פּראָמינענטע יידן ווי בן־גוריון (שלעכט אינפאָרמירט, און ס׳וואָלט געווען כדאי צו וויסן דורך וועמען?) האָבן נישט קיין רעכט צו פּאַרטרעטן אונזער אייגענע לאָגיק.

דער דאָזיקער ענין דאַרף ווערן באַטראַכט פון צוויי אַספּעקטן : ראשית — פון מאָראַליש־טעאָרעטישן שטאַנדפּונקט, שנית — פון פּראַקטישן שטאַנדפּונקט.

אין אַ פּראָספּעקט וואָס איז לעצטנס געוואָרן פאַרשפּרייט דורך דעם הייַנטצייַטיקן יידישן דאָקומענטאַציע־צענטער, געפינען מיר די הויפּט־פּרינציפּן פון פּראָיעקט. ס׳נעמט אָן אַ חשק צו שרייַען פון עקל, לייענענדיק די רעקלאַמע־סלאָגאַנען, אין וועלכע, מיט אַלע מיטלען, ווערט געזוכט צו באַוועגן די סענטימענטאַלע סטרונעס ביי יידן וואָס באַוויינען די קרבנות פון דער נאַצי־באַרבאַריי. גאָרנישט איז נישט צו הויך, גאָרנישט איז נישט צו נידעריק כדי נאָר צו טרעפן צו די פּאַרטפעלן פון די אבלים. אַלע טענדענצן, אַלע געשמאַקן ווערן רעספּעקטירט אויף ווי ווייט זיי קענען עפענען די געלט־בייטלען. מען זאָגט אַלץ צו און מען וויל אַז מען זאָל גלויבן.

אַזוי וויל מען אונז איבערצייגן אַז דער קבר אויסגעבויט אין פּאַריז וועט קענען צוועקמעסיק דערמאָנען דער גאַנצער מענטשהייט דעם יידישן חורבן. דער מוניציפּאַלער ראַט פון אונזער הויפּטשטאָט, ווילנדיק באַווייזן זיין סימפּאַטיע פאַרן ווונטש באַטראַכט דורך אים אַלס א ווונטש פון אונזער גאַנצן ישוב, טיילט צו אַ פּלאַץ פאַרן אויסבויען דעם בנין פאַרן קבר, אין אַ פּאַריזער פּערטל באַקאַנט אַלס אַ יידישער. דער צענטער געפינט זאָפאָרט לידישע אַרגומענט פאַר דעם דאָזיקן שטילן כשרן פון דעם געטאָ אין פּאַריז.

אויב דער מאָנומענט פאַר די יידישע מאַרטירער איז באַשטימט פאַר נישט־יידן, וואָלט מען אים געדאַרפט אויפשטעלן אין אַלע שטעט פון דער וועלט. ווען ער איז אָבער באַשטימט פאַר יידן, איז זיין פּלאַץ אין ישראל און נישט אין דעם יידישן פּאַריזער געטאָ וואָס איז לחלוטין נישט קיין „אָרט פון עולה רגל זיין פאַרן פאַרפייניקטן פאָלק״.

ס׳וואָלט אָבער געווען פאַלש צו גלויבן, אַז דער צענטער זוכט לאָגיק. ער זוכט אויסשליסלעך געלט; דאָס איז אַלץ. לאָמיר זיך

טאקע א ביסל צוקוקן צו עטלעכע זאכן פון דער נידערטרעכטיקער סענטימענטאַלער אָפּנאַרעריי:

„איר האָט אויסגעמיטן דעם טויט דורך א נס: קלערט וועגן די פאר וועלכע דער נס האָט זיך נישט רעאליזירט".

קלאָר רעדנדיק הייסט דאָס: קלערט נישט, גיט נאָר אייער געלט, כדי דער צענטער זאָל קענען רעאַליזירן זיין נס.

„דער קבר... וועט רעאטעווען דאָס יידישע פאָלק און איי־ראָפּע אַליין פון דער באַרבאַריי וואָס ווערט געשאַפן דורך פארגעסן... דער קבר... וועט זיין אן אוניווערסאלער יידישער ראַנדע־וו פון אויסדויער און פון האָפנונג".

שלאָפט רואיק, לעבעדיקע! ס'האָט זיך געענדיקט דער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם; דער שטיינערנער מאָנומענט וועט אייך שוין היטן. וואָס זאָל מען זאָגן וועגן די דאָזיקע היפּאָקריטישע און ליגנערישע פּרעטענזיעס? לאָמיר אָבער ציטירן ווייטער:

„דאָס יידישע פאָלק איז זיי (די מאַרטירער) שולדיק אַ מצבה. אויב זיי פארנעמען דאָס ערשטע אָרט אין הימל, פאַר־וואָס זאָלן זיי נישט האָבן קיין אַנטשפּרעכנדיקן עקוויוואַלענט דערפון אויף דער ערד".

ה' שנייערסאָן וואקלט זיך נישט צו זאָגן אין זיין רעדע בוכ־שטעבלעך: „איך אַפּעליר צו אייך אין נאָמען פון אלע אונזערע מאַרטירער און פון אַלע אונזערע העלדן...", הגם קיינמאָל האָבן אים נישט די מארטירער און נישט די העלדן באַפולמעכטיקט צו רעדן אין זייער נאָמען. ער רעדט אויך אין נאָמען פון הימל, פון וועלכן דער צענטער איז מסתמא אַן „ענטשפּרעכנדער אַקטועלער עקוויוואַלענט אויף דער ערד". אַלס אַזעלכער ווי ער אונז מסתמא געבן אַ נייעם קולט. פאַקטיש שטייט דאָ די פראַגע וועגן פאַראיי־

ביקן דעם נאסטאלגישן אָנדענק און די ליבע צו די געטאָס פון פוילן, און פון אַנדערע לענדער, ערטער פון פערמאַנענטע טראַדיציעס פון אונזער פאָלק. יעדע לאַנדסמאַנשאַפט וועט האָבן „אַ טאָג אין יאָר... כדי זיך גייסטיק צו פאַראייניקן מיט זײַערע טײַערע אומגעקומענע", דאָס וועט זײַן באַגלייט מיטן לייענען אַ מגילה פאַרן געטאָ פון יעדער שטאָט. ווייטער : „דער מאָנומענט (מע־מאָריאַל) איז אונזער קדיש פאַר די נשמות פון די אומגעקומענע". מען זאָגט אונז נאָך, אַז ס'איז אַ חוב פון אונזער פיעטעט צו פאַרשרייבן אונזערע אומגעקומענע, זעלבסטפאַרשטענדלעך פאַר געלט, אין דעם זכרון־בוך, וועלכער איז די לעצט־געבוירענע פון שנייער־סאָנס „פרוכטבאַרע" דערפינדונגען.

ס'איז פאַראַן, אין דעם אַלעמען, אַן אויפרוף צום אַבערגלויבן, צום געצנדינערישן קולט פון טויטע, צום קולט פון סימבאָלן און פון געטאָס; מאָרגן וועט מען אונז פאָרשלאָגן געהייליקטע ליכט, אפשר אפילו אַ מחילה פון חטאים, אבי מען זאָל געבן אַ שפּיי אין דעם שפּריצקאַן מיט הייליקן וואַסער. דאָס אַלץ איז אין סתירה מיט אונזערע רעליגיעזע מנהגים און מען פרעגט זיך באמת ווי אַזוי געוויסע רבנים קענען געבן זייער הסכמה פאַר אידעען פון אַזאַ שלעכטן געשמאַק.

מען פרעגט זיך אויך ווי אַזוי אַקטיווע ציוניסטן וואַגן אונ־טערצוהאַלטן אַ פּראָיעקט, וועלכער באַהאַלט זײַן סימבאָלישן כאַ־ראַקטער, באַווייזנדיק זיך אַלס „דער" קבר און נישט „אַ" קבר, „די" אַש און נישט „אַ ביסל" אַש פון אונזערע אומגעקומענע. פּאַריז איז נישט קיין צענטער פון וועלט־ייִדנטום, בפרט ווען אין ישׂראל עקזיסטירט אַ סימבאָלישער קבר וועלכער אַנטהאַלט אַש געבראַכטע פון אַלע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, און ס'איז דאָרט אײַנ־געפלאַנצט געוואָרן אַ וואַלד צום פאַראייביקן דעם אָנדענק. די וואָס האָבן געליטן בלוטיקע פאַרלוסטן, דאַרפן נישט קיין בעעל'ס טעמפּל כדי צו זאָגן זייער קדיש. ביי ייִדן, איבעראַל וווּ עס זענען דאָ צען ייִדן, קען מען אָפּגעבן כבוד די טויטע. ווען מיר ווילן אָבער זאָגן אַ סימבאָלישע תפילה, דאַרף עס פאָרקומען נאָר אין ייִדישן לאַנד, לויט דעם ווי אונזערע מאַמע־מאַמעס (וועלכע דער מחבר פון די

שורות האָט פאַרלוירן אין דעפּאָרטאַציע) וואָלטן זיך געווונטשן, און נישט אויף די ברעגעס פון סען.

פאַר אַלע וואָס זענען פעיק צו דענקען, איז קלאָר, אַז די דאָזיקע גאַנצע איניציאַטיוו איז געווענדעט אין איין און איינציקן ציל: צונויפנעמען געלט. דאָס רעשט איז נישט מער ווי אויסטראַכטונגען. דער דאָקומענטאַציע־צענטער האָט תמיד געגעבן באַווייזן אַז געלט איז זיין הויפּט־אויפגאַבע, אַ סך מער ווי וועלכע סיזאָל נישט זיין וויסנשאַפטלעכע מאָטיוו. אַן אומפּראָפּאָרציאָנעל גרויסער טייל פון זייערע איינקונפטן איז שטענדיק געווען פאַרשוועדעט אויף אַ פאַלשע און שרייענדיקע רעקלאַמע, אויסשליסלעך כדי צו פאַרזיכערן זיך סובווענציעס, זייער אָפט דורך קאָנצעסיעס אויפן חשבון פון היסטאָרישן אמת. היינט וויל דער דאָקומענטאַציע־צענטער אונז אָנוואַרפן זיין עקזיסטענץ דערמיט וואָס ער „רינגלט זיך אַרום" מיט אַ קבר וועלכער וועט שאַפן די נויטיקע פינאַנסיעלע מיטלען. נישט דאָ איז דאָס אָרט פון משפטן דעם צענטער. לאָמיר זיך באַגרענעצן פעסטצושטעלן, אַז דער צענטער האָט קיינמאָל נישט געגעבן גאַראַנטיעס פון קאָמפּעטענטן אָנפירן מיט אַ וויסנשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע, וואָס מען האָט רעכט צו פאָדערן פון אַ רעפּרעזענטאַטיוון אָרגאַניזם פונעם ישוב..

מען דאַרף מאַכן א סוף צו דעם געפערלעכן פּלאָנטער : דער וועלט־קאָמיטעט פאַרן קבר עקזיסטירט אויסשליסלעך אויפן פּאַפּיר; בלויז דער צענטער אַליין פירט אָן מיטן שפּיל, איז דער בעל־בית פון די פאָנדן, דעצידירט און פירט דורך. ווער עס רעדט אָבער וועגן צענטער, רעדט דערמיט וועגן זיין פּרעזידענט, וועלכער נעמט אַליין אָן אַלע דעציזיעס, סיי אַדמיניסטראַטיווע און סיי וויסנשאַפטלעכע. בלויז ער אַליין באַשטעטיקט, קאָנטראָלירט, קאַסירט איין און גיט אַרויס געלט. ה' שנייערסאָן איז, בלי ספק, א מענטש מיט דינאַמיזם און עקשנות; מיר גיבן אים עס צו. ה' שנייערסאָן איז אויך זייער העפלעך, בפרט לגבי די יעניקע וואָס טיילן זיינע מיינונגען. ער קען גוט די קונסט פון שאַפן זיך גוטע, נאָכגיביקע פריינט און אַ געטרייע „קליענטעל". דאָס אַלץ איז פונדעסטוועגן נישט גענוג כדי אים צו געבן די פולע פרייהייט פון האַנדלען און דעצידירן —

אין אַלעמען — איינער אַליין. מיר האַלטן פאַר אַן אנאָרמאַלע דער־שיינונג אַז שנייערסאָן פאָדערט פון אַנדערע אַ בלינדן צוטרוי און אַליין גופא האָט ער נישט קיין צוטרוי צו אַ קאָלעקטיווער קער־פּערשאַפט, למשל אַן אַדמיניסטראַטיווער ראַט. בפרט ווען עס האַנדלט זיך וועגן צענדליקער מיליאָנען, האָט קיינער נישט דאָס רעכט זיך פולשטענדיק צו פאַרלאָזן אויף איין מענטשן; קיינער האָט אויך קיין רעכט נישט צו פאָדערן אַ מאַכט אָן קיין שום קאָנטראָל — דער צענטער האָט געגעבן גענוג באַווייזן פון אַזאַ טאַ־קע צושטאַנד. היינט איז דער זעלבער ענין גאָר אַ באַדייטנדער, זיין וויכטיקייט שטייגט איבער דעם צענטער.

די איניציאַטיוו וועגן וועלכער ס'רעדט זיך דאָ אַנגאַזשירט דאָס פראַנצויזישע יידנטום. און אָט זעען מיר אַז זיינע אָנפירער באַווייזן שטראָפּבאַרע לייכטזיניקייט. דער מאָנומענט ווערט דער איינציקער עקספּאָרט־אַרטיקל פונעם פראַנצויזישן יידנטום, זיינע פּראָפּאַגאַנדיסטן וועלן זאַמלען געלטער אין דער גאַנצער וועלט אין אונזער נאָמען, אין נאָמען פון אונזערע מאַרטירער און פון אונ־זערע העלדן. ס'איז די העכסטע צייט אַז אונזער ישוב זאָל רעאַגירן קעגן דעם דאָזיקן סקאַנדאַל, נאָך איידער די אויסלענדער, יידן און נישט־יידן, וועלן זיך לאָזן אָפּנאַרן און אויסנאַרן.

(„ליעלאַן נוואָ", דעצעמבער 1951, נר. 13)

## בן זאב

# לפנים אַ נײַעם קולט ?

זאָל זיך דער לייענער נישט ווונדערן אַז מיר האָבן זיך אַזוי איינגעעקשנט קעגן דעם פּראָיעקט פֿונעם דאָקומענטאַציע־צענטער, וועלכער האַלט אין אַריינציען דאָס וועלט־יידנטום אין אַ ברייטע און מאַקאַברישע אונטערנעמונג; די לעצטע איז אַ סך גרעסער ווי די אידעע פֿון מאָנומענט פֿאַר באַערן די קרבנות פֿון דער היטלער־טראַגעדיע. ס'איז אַבסאָלוט נויטיק צו באַקעמפֿן די קאַמפּאַניע פֿון פֿאַלשער סענטימענטאַליטעט, סיי צוליב מאָראַלישע סיבות און סיי צוליב אינטעלעקטועלע ערלעכקייטן. דער דאָזיקער ענין כאַראַקטעריזירט מער ווי יעדער אַנדערער דעם מצב פֿון אונזער ישוב; ער איז גענוג ניי און מען קען נאָך איינהאַלטן די הוצאות, אויב די עפֿנטלעכע מיינונג וועט באַווייזן צו רעאַגירן.

און נאָך מער: דער ענין גייט אַרויס פֿון אונזערע גרענעצן, זי איז אַ מין „טעסט" פֿאַר קאָנסטרוקטיווע פֿעיקייטן פֿון אונזערע אָנפֿירער, וועלכע פּלעגן, אויף יעדע קריטיק, ענטפֿערן מיט גאווה פֿאָדערנדיק פּאָזיטיווע געדאַנקען. די זאַך באַווייזט נאַקעטער הייט דעם סיסטעם, די מעטאָדן, דעם גײַעג נאָך כבוד, דעם בלאָף און דעם מאַנגל פֿון מוט ביי די וואָס זענען נישט מסכים דערמיט.

ס'איז פֿונדעסטוועגן גענוג זיך צו פֿאַרטראַכטן אַ ביסל טיפֿער וועגן דעם פּראָיעקט, כדי זיך אָפּצוגעבן אַ דין וחשבון, אַז ער פֿאָדערט הונדערטער מיליאָנען, אַ טייל פֿון וועלכע וועט זיך פֿאַרלירן אין „אַלגעמיינע אויסגאַבן". אויב מען קען שוין יאָ קריגן אַזאַ סומע, איז עס דאַן נישט אַ פֿאַרברעכן זי צו פֿאַרשווענדן אויף אַ לויה־אונטערנעמונג ? דאַקעגן אויב מען וועט די דאָזיקע געלטער נישט געפֿינען, איז עס ווידער אַ שווינדל, ווייל דער מאָנומענט וועט נישט ווערן אויסגעבויט. פֿאַרוואָס פֿאַרעפֿנטלעכט דער כלומרשטער וועלט־קאָמיטעט נישט קיין גענויעם פּראָיעקט מיט אַ „דעווי" (רעכנונג פֿון אויסגאַבן?) סיי די סומע וועלכע מען וויל צוזאַמענ־

נעמען און סיי די פרטים פון פלאנירטן מאָנומענט דאַרפן זיין באַקאַנט און די עווענטועלע מנדבים דאַרפן זיי קענען. אויב נישט, וועט עס זיין צו לייכט אַלץ איבערצודרייען לויט אַ שפּעטערדיקער דעציזיע, דיקטירט דורך נייע מאָטיוון, וואָס זענען נישט אין הסכם מיטן ווונטש פון די מנדבים.

***

אונזער צייטונג („ל'עלאַן נוווא"') האָט בלי שום ספק געהאַט אַ נצחון : אין דעם פּאַריזער קאָמיטעט פאַרן קבר, קאָנסטיטויאירט וואַרשיינלעך דורך אַ „העכערע" דעציזיע, אויסשליסנדיק דאָס פּובליקום, געפינט מען דאָס ערשטע מאָל אַ קאַסירער וואָס געהערט נישט צו דער משפּחה פונעם פּעזידענט. ס'איז דאָרט אויך פאַראַן אַ קאָנטראָלער פון רעכנונגען און אַן עקספּערט פאַר בוכהאַלטונג. זייער שיין ! ווער איז אָבער דער קאַסירער פונעם וועלט־קאָמיטעט? ווער איז דער קאָנטראָלער פון אַלע אַריינגעפלאָסענע פאָנדן ? און ווו ווערט דעפּאָנירט דאָס צונויפגעזאַמלטע געלט ? ס'איז זייער לייכט צו דערלאָזן צום קאָנטראָל בלויז אַ טייל פון דער זאַמלונג; כדי צו רעספּעקטירן די דעמאָקראַטישע פאָרמען, דאַרף מען קאָנטראָלירן אַבסאָלוט אַלע פאָנדן. מען דאַרף אויך, לויט דעם מנהג פאַר אַלע עפנטלעכע באַשטייערונגען פון דעם מין, פאַרעפנטלעכן רעגו־לער די צוזאַמענגעזאַמלטע סומע, ווייזן די אַלגעמיינע אויסגאַבן א. א. וו. ס'איז דען פאַראַן (אין דער באַשריבענער אונטערנעמונג) אַן אַנטשפּרעכנדער קאָמיטעט אין יעדן לאַנד ווו די זאַמלונג ווערט דורכגעפירט ?

אַ באַווייז פון דעם ספּעציעלן גייסט וואָס באַהויכט דעם פּראָ־יעקט, האָט אונז געגעבן, אין זיין רעפעראַט, ה' זשאַק סאַביל, אַן אָפיציעלער וואָרטזאָגער פונעם צענטער : „כדי אַן אידעע זאָל אַריינגיין אין דעם פאַרשטאַנד פון מאַסן, דאַרף מען שאַפן אַ רי־טואַל. די טאָטאַליטאַריסטן האָבן עס פאַרשטאַנען". מיר האָבן שוין, אָן קיין שום רעזולטאַט, געפרעגט די ראַבינער, וואָס געבן זייערע נעמען פאַר דער דאָזיקער אונטערנעמונג, וויאַזוי זיי קענען

אונטערשטיצן דעם נייעם קולט וועלכן מען וויל אונז אָנוואַרפן. אָבער דער גאַנצער ענין ווערט נאָך פיגסטערער: מען וויל צו אונז אַריינפירן די טאָטאַליטאַרע מענטאַליטעט מיט אירע מיטאָסן און מיט אירע טרויער־מאַרשן („טאַם־טאַם"). דער מאָנומענט דאַרף ווערן א טעמפּל פון א נייער דאָגמע? מיינט מען אפשר איינצושטעלן אַן אייביקע געלט־זאַמלונג, כדי צו פּראַווען די נייע רעליגיע?

ה׳ שנייערסאָן, ווען ער האָט אַ מאָמענט פון אויפריכטי־קייט, זאָגט אַליין, אַז דאָס אַלץ איז אפשר נישט ערנסט, אָבער — זאָגט ער — ס׳זענען דאָרט, צווישן די מיטאַרבעטער פון צענטער, פאַראַן עטלעכע אינטעלעקטועלע, און דאָס איז דער איינציקער מיטל כדי צו זאַמלען געלט און לאָזן זיי לעבן. מיר ווייסן נישט ווער עס האָט באַפולמעכטיקט ה׳ שנייערזאָנען צו זאָרגן פאַר יידישע אינטעלעקטועלע און ווער האָט די מאַכט צוטיילן זיי דעם טיטל פון דענקערס. ס׳איז אמת, אַז ער האָט שוין צוגעטיילט דעם טיטל פון נאַציאָנאַלן פּאָעט הערן ז. שניאור, כדי צו דערהויבן די ווערט פון זיין צושטימונג. ה׳ שניאור איז אַ גרויסער שרייבער, ער איז אָבער נישט קיין נאַציאָנאַל־דיכטער.

אין ענגלאַנד, ווו די יידן שטעלן מיט זיך נישט פאָר קיין מאַסע, וועלכע איז גאַריש געמאַכט דורך אירע אָנפירער און דורך זייערע צייטונגען, און ווו די אָנפירער היטן אָפּ די אומאָפּהענגי־קייט פון זייער מיינונג, אַקצעפּטירט מען נישט אַזוי לייכט דעם „קבר". לאָמיר דאָ ציטירן עטלעכע אויסצוגן פון די צאָלרייכע בריוו, וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך די „דזשויש קראָניקל" און ווו די לייענער דריקן פריי אויס זייער מיינונג בנוגע דעם ענין:

הרב **א. קאַרלעבאַך**: „דערלויבט מיר אונטערצושטיצן די וואָס האָבן דערהויבן זייער שטימע קעגן דעם מאָנומענט געווידמעט דעם אָנדענק פון יידישע מאַרטירער, אין פּאַריז... פאַרוואָס עפּעס אין פּאַריז?"...

**
*

ד״ר ג. דוד: „ס׳איז פונדעסטוועגן צווייפלהאפט, צי דער פראיעקט האט באקומען א גענוגנדן אינטערעס מצד די פאר־אנטווארטלעכע רעפרעזענטאנטן פון יידישע ישובים אין גלות און אין ישראל... צו פארעפנטלעכן פשוט נעמען פון מענטשן וואס זענען באקאנט' אבער פאריאגט און פארפלייצט מיט ארבעט, און וואס האבן געגעבן זייער הסכם, האט נישט קיין שום באדייטונג. דאס איז קיין שום ארגומענט נישט... אויב דער מאנומענט דארף נישט זיין אין ישראל, איז פאר־וואס נישט אין בערלין? דאס זענען דאך גיכער די דייטשן וואס נויטיקן זיך מען זאל זיי דערמאנען זייערע פארברעכן און נישט די לוסטיקע פאריזער.(...)״

לפנים פון די אויסלענדישע יידן, זענען מיר שטאלץ דערמיט אז מיר האבן באוויזן אפצוהיטן מינדעסטנס א פרייע קריטיק. ביז איצט האט בלויז דער אדוואקאט א. בלומעל, אין זיין בריוו פאר־עפנטלעכט אין „לא טער רעטרוווע״, אפגעזאגט צו געבן זיין הסכמה און אויפגעקלערט עפנטלעך זיין שטעלונג. צום באדויערן, האבן צו פיל פערזאנען, אויפריכטיקע פערזאנען, מיט זייערע חשובע נעמען זיך בייגעשטייערט פאר אן אונטערנעמונג וועלכע זיי האבן נישט געהאט קיין מעגלעכקייט דורכצושטודירן און זיך בא־קענען מיט אירע אמתע אנגעלעגנהייטן.

מיר וועלן זיי ווייטער איבערגעבן זיכערע עלעמענטן פון דעם ענין, כדי זיי זאלן קענען בעסער, ריכטיקער אפשאצן די פארדעכ־טיקע אונטערנעמונג.

(„ליעלאן נוווא״, יאנואר 1952)

בן-זאב

# נייעס וועגן נייעם „קולט"

דער דאָקטאָר מ. ענגעלסמאַן, פון גענף, האָט פאַרעפנטלעכט אַן אָפענעם בריוו קעגן דעם מאָנומענט פאַרן אומבאַקאַנטן מאַרטירער, שטיצנדיק זיך אויף אַרגומענטן פון גייסטלעכן און רעליגיעזן געביט. דער בריוו איז געוואָרן איבערגעדרוקט אין „לאַ טער רעטרוווע" און אין „יידישע רונדשאַו", אין ציריך. דער לעצטער זשורנאַל האָט אויך געגעבן אַן אויסצוג פון אונזער אַרטיקל וועגן דעם ענין און האָט אונטערגעשטראָכן די קעגנערשאַפט, וואָס מאַניפעסטירט זיך אין פראַנקרייך און אויסער פראַנקרייך, צו דעם פּראָיעקט. דער זשורנאַל דערמאָנט ווייטער די שטעלונג פון אדוואָקאַט א. בלומעל און די בריוו פון די לייענער אין „דזשואיש קראָניקל".

זעענדיק די וואַקסנדיקע אָפּאָזיציע, האָבן די, וואָס ווילן דורכזעצן דעם פּראָיעקט, דעצידירט צו רעאַגירן אין דער צייטונג פונעם „דאָקומענטאַציע־צענטער" (און פונעם מאָנומענט), „לע מאָנד זשוויף". פון אָנהויב, קעמפט ה' י. פינק פאַרן פּראָיעקט מיט עטלעכע אָנצוהערענישן וועגן אונזער זשורנאַל. ער וואַגט נישט צו ענטפערן אָפן אויף אונזערע פּרעציזע פראַגן. ער באַמיט זיך הויפּטזעכלעך צו באַאיינפלוסן „לאַ טער רעטרוווע" מיטן טאָטאַליטאַרן אַרגומענט, וועלכער דאַרף פאַרמאַכן דאָס מויל יעדער פערזענלעכער מיינונג און אויסשליסן יעדן אומאָפּהענגיקן געדאַנק: ח. ווייצמאַן און בן־גוריון האָבן געגעבן זייער פּאַטראָנאַזש. דאָס איז גענוג, איר מוזט זיך צופּאַסן.

ערשטנס, וואַרפן מיר ענערגיש אָפּ די באַהויפּטונג אַז די דאָזיקע פערזענלעכקייטן האָבן געגעבן זייער צושטימונג, וויסנדיק גענוי וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. ס׳איז נישט נוצלעך אונז צו דערציילן באָבע־מעשיות; מיר ווייסן זייער גוט ווי אַזוי מען באַקומט

אַזעלכע צושטימונגען. אָבער מיר שטעלן פֿעסט אַז דער ערשטער פּראָיעקט, צו וועלכן זיי האָבן — אַזוי צו זאָגן — געגעבן זייער הסכּמה, איז אינגאַנצן אַנדערש פֿון דעם איצטיקן פּראָיעקט. דאָס איז אויך דער פֿאַל מיט די ראַבינער, וואָס האָבן לייכטזיניק געגעבן זייער אונטערשריפֿט, און הינטער וועלכע ה׳ פּינק פֿאַרבאַהאַלט זיך היינט. און דאָ זעט מען אַ קליינעם מוסטער פֿון די סוקצעסיווע באַצייכנונג וואָס דאַרף דעפֿינירן דעם פּראָיעקט: קבֿר, מעמאָריאַל, מאַוזאָלעאום, מאָנומענט, בוך פֿון אָנדענק, מוזעאום, אַרכיוו, א. א. וו. יעדן טאָג באַרייכערט זיך דער קבֿר מיט נייע צוגאָבן, אַלץ מער און מער צווייפֿלהאַפֿטע. דערפֿאַר טאַקע, זענען די יעניקע, וואָס האָבן געקענט אַקצעפּטירן דעם פּראָיעקט פֿון אַ פּשוטן און בכּבֿודיקן קבֿר, מיט באַגרענעצטע קאָסטן, און לויט יידישער קאָנצעפּציע, נישט מער גרייט אָנצונעמען אַלע שפּעטערדיקע צוגאָבן, וואָס צעשטערן דעם זין־גופֿא פֿונעם פּראָיעקט.

צום באַדויערן, געפֿינט די ישׂראל־אַמבאַסאַדע אין פּאַריז נישט פֿאַר נויטיק צו דערקלערן דעם דאָקומענטאַציע־צענטער, אַז בן־גוריונס אונטערשריפֿט מאָר נישט דינען אַלס אַן אַרגומענט פֿון פּאָלעמיק און פֿון דרוק אויף די ציוניסטן. מיר צווייפֿלען צי בן־גוריון וואָלט געוואָלט אונטערשטיצן דעם פּראָיעקט אין זיין איצטיקער פֿאָרם: זיין רעאַליזירונג פֿאָדערט מערערע הונדערט מיליאָן פֿראַנק, נישט רעדנדיק שוין וועגן די אויסגאַבן פֿאַרבונדן מיטן פּערמאַנענטן אויפֿהאַלטן פֿונעם קבֿר־מוזעאום־מאַוזעלעאום. ה׳ בן־גוריון האָט דען נישט געענטפֿערט. מיט אַ קורצער צייט צוריק אויף די ביטע פֿון ראַבינער נוראַק איבערצופֿירן די אַשן פֿון וואָלפֿזאָן, סאָקאָלאָוו, שלענאָוו און זשאַבאָטינסקי, אַז מען מוז קודם כּל ברענגען צופֿירן די לעבעדיקע? אין דער צייט פֿון טראַגישע פֿינאַנציעלע שוועריקייטן פֿון יידנטום, איז עס אַ פֿאַרברעכן צו פֿאַרשווענדן די נויטווענדיקע סובווענץ פֿאַר לעבעדיקע אין אַ מאַקאַברישע אונטערנעמונג, וועלכע הי שנייערסאָן זשענירט זיך נישט צו באַצייכענען אַלס אַ קאָנסטרוקטיווע.

וואָס שייך די נישט־יידישע וועלט, די פּערזענלעכקייטן וועלכע האָבן געגעבן זייער צושטימונג פֿאַרן פּראָיעקט, דאַרפֿן מיר אָפּ־

געבן דעם פולן כבוד זייער פיינקייט. ספעציעל דעם דענישן פאָלק און זיין קעניג, וואָס האָבן זיך דערוואָרבן, אין אנדערע אָנגעלעגנהייטן, די יידישע אַנערקענונג. אָבער מיר האַלטן אַז מען מיסברויכט מיט זייער סימפאטיע צו אונזער פאָלק, מיט זייער מיטגעפיל מיט אונזער טראַדיציע דורך אַ פּראָפּאַגאַנדע, וואָס וואָלט זיך געפּאַסט פאַר די וויכטיקסטע ענינים, מיינען די נישט־יידן, אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַ יידישע פאָדערונג, — וועגן אַ סימבאָל פון אונזער מאַרטיראָלאָגיע.

מיר ווילן נאָך דאָס לעצטע מאָל אָפּוואַרפן דעם אַרגומענט פאַר נאַראָנים, וואָס ה׳ פינק גיט אונז: דער קבר וועט זיין אַ וואָרענונג פאַר דער נישט־יידישער וועלט. מיר קענען אַלע דעם קבר פון אומבאַקאַנטן זעלנער. אָבער וואָס פאַראַ מלחמה, וואָס פאַראַ קלענסטן בלוטיקן אינצידענט האָט מען אויסגעמיטן דורך אים אין דער וועלט? מען נעמט אונז אָן פאַר אומהיילבאַר נאַיווע מענטשן, אויב מען מיינט אַז מען קען אונז איינרעדן, אַז אפילו איין אַנטיסעמיט וועט זיך פילן פאַרשעמט ווייל ערגעץ, הינטער מויערן, אין דעם יידישן קוואַרטאַל אין פּאַריז, איז פאַראַן אַ מאָנומענט פאַרן יידישן מאַרטירער.

ה׳ שנייערסאָן לאָזט זיך אַליין אין קאַמף כדי אונז צו זאָגן, נאַטירלעך נישט אָנרופנדיק אונזער צייטונג, אַז ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט בדעה אויסצוהאַלטן די אינטעלעקטועלע פון דאָקו־מענטאַציע־צענטער מיט די געלטער פון מאָנומענט. מיר באַזיצן שריפטלעכע עדות־אויסזאָגן וועגן דעם דאָזיקן ענין. (מיר באַמערקן אַז מיר טראָגן נישט ארויס קיין אורטייל וועגן די מיטארבעטער פון צענטער, פון אינטעלעקטועלן שטאַנדפונקט, אַריינמישנדיק זיי אין דער דיסקוסיע).

אָבער ה׳ שנייערסאָן מייד אויס צו ענטפערן אונז אויף אונזערע פּרעציזע פראַגן, וועלכע מיר שטעלן אים רעגולער. מיר פאַרלאַנגען, אַז מען זאָל ענטפערן אָן שטאַמלען אויף די פאָלגענדע פראַגן:

1) וועלכע זענען די אויספירונג־ און קאָנטראָל־אָרגאַנען פון

דעם וועלט־קאָמיטעט ? ווער איז זייער פּרעזידענט, זייער גע־נעראַל־סעקרעטאַר, זייער קאַסירער ?

2) צי עס עקזיסטירט אין יעדן לאַנד אַ לאָקאַלער קאָמיטעט, וועלכער אַדמיניסטרירט און קאָנטראָלירט די געלט־זאַמלונגען?

3) ווו זענען לעת עתה דעפּאָנירט די געזאַמלטע סומעס? ווי־אַזוי מייד מען אויס אַ קאָנפוזיע, בפרט צווישן דעם קבר און דעם צענטער ?

4) וועלכער איז גענוי דער הוצאות־פּראָגראַם (לוי דעווי) פון פּראָיעקט ? וויפל יאָר דאַרף דויערן די געלטזאַמלונג ? וויאַזוי וועט מען אויסנוצן די דאָזיקע געלטער, אויב די נויטיקע סו־מעס וועלן נישט ווערן דערגרייכט ?

5) אויף וואָס פאַראַ אופן וועט די געזעלשאַפטלעכקייט ווערן רעגולער אינפאָרמירט וועגן דעם פינאַנציעלן מצב פון דער אַקציע ?

6) פון וואַנען וועלן ווערן געבראַכט די אַשן פון מאַרטירער? האָט מען דען אָנגעהויבן צו מאַכן די נויטיקע שריט פאַר זייער איבערטראָגן ?

אויף די דאָזיקע פראַגן דאַרף מען ענטפערן. אויב די אידע־אָלאָגישע דיסקוסיע דערלויבט עטלעכע איינשטעלונגען, פאָדערט די פּראַקטישע אויספירונג צו זיין קלאָר און צו אינפאָרמירן די גע־זעלשאַפטלעכקייט אָן קיין שום צווייטייטיקייט. (...) די מוניציפּאַלע געמיינדע פון אַלזשיר האָט נאָר־וואָס אַנערקענט פאַרן קבר אַ סובווענץ פון 150.000 פראַנק. אונזערע קהלות קענען אפשר טון דאָס זעלבע. אויב די איניציאַטיוו פון פּראָיעקט געהערט צום צענ־טער און צום ה' שנייערסאָן, פאַלט אָבער די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די גאַנצע אַפּערע אויף אַלע יידן.

מיר קענען דעריבער נישט צולאָזן, אַז דאָס אַלץ זאָל זיך מאַכן אָן קיין נויטיקע, אָביעקטיווע גאַראַנטיעס. און אויב מען וויל נישט ענטפערן, אָן קיין דרייעכץ, אויף די אַנטשפּרעכנדיקע פראַגן, וועט שוין יעדער וויסן וואָס ער האָט צו טראַכטן וועגן דעם ענין.

(„ליעלאַן נוואָ", נר. 15־16, פעברואַר־מערץ 1952).

זשאָזעף קרוסטיאַן

# פסח־קאַפּיטל

אין אונזער צייטונג איז געוואָרן פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל וועגן דעם מאָנומענט פון אומבאַקאַנטן יידישן מאַרטירער. ס'האָט זיך דאָרט געשטעלט די פראגע וועגן ה' שנייערסאָנס כוונה צו געבן, אַ דאַנק דעם דאָזיקן פּראָיעקט, עקזיסטענץ־מעגלעכקייטן פאַר יידישע אינטעלעקטועלע, וואָס זענען, אין אַלגעמיינעם, ווערט די אויפמערקזאַמקייט. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם דאָזיקן אַרטיקל האָבן מיר באַקומען פון אַ פריינט פון אונזער צייטונג אַ בריוו און מיר ציטירן פון אים אויסצוגן וועלכע האָבן אַ שייכות צו אונזער ענין :

„די גלייכגילטיקייט, איך וויל נישט זאָגן די אָפּוועזנהייט פון יעטוועדן אינטערעס, פון דער מערהייט פון אונזערע פאַר־שטייער, סיי שפּענדער, סיי אַדמיניסטראַטאָרן, לגבי אינטע־לעקטועלע, איז צו קלאָר און צו גוט באַקאַנט, אַז איר זאָלט דערפון נישט אָפּגעבן קיין דין וחשבון.

אויב שנייערסאָן וואָלט אָפן פּראָקלאַמירט — אַז מיט זיין אַקציע — קעמפט ער כדי צו זאַמלען געלטער פאַר אינטעלעק־טועלע, איז זייער מעגלעך, אַז זיין אַקציע וואָלט נישט געגעבן קיין שום רעזולטאַט.

כדי עפּעס אַרויסצובאַקומען פאַר אינטעלעקטועלע פון אונ־זער „עפנטלעכקייט", דאַרף מען זי אָפּנאַרן. דערפאַר קען איך קיין ספּעציעלע טענה צו שנייערסאָנען נישט האָבן פאַר זיין אַרט ווי ער האַנדלט, האָפנדיק אַזוי אַרום אַרויסצורייסן עט־לעכע גראָשן פאַר אונזערע אינטעלעקטועלע".

דער בריוו איז געשריבן געוואָרן פון אַ מענטשן מיט אויפ־ריכטיקן גלויבן, און מיר קענען גאַראַנטירן פאַר זיין מאָראַלישע

ריינקייט; מיר זענען געצוווּנגען צו פאַרשווייגן זיין נאָמען צוליב פּערזענלעכע סיבות.

קודם כל, וואָס שייך דעם צענטער־גופא און זיין פּרעזידענט: דער פאַקט אַליין פון אַרבעטן אין דאָקומענטאַציע־צענטער טײַלט נישט צו נישט קיין אינטעליגענץ און נישט קיין אינטעלעקטועל־קייט, אפילו אויב ביים אויפנעמען צו דער אַרבעט וואָלט מען זיך דאָרט געשטיצט אויף אַ קריטעריע פון צ. ב. אוניווערסיטעט־טיטלען, און עס איז נישט דער פאַל (מיר ווילן דערמיט נישט אורטיילן די מיטאַרבעטער פון צענטער). שנייערסאָן, דער פּרעזידענט פון צענטער, האָט ביז היינט צו טאָג נישט געגעבן קיין פּרווון אַז זיין הויפּט־זאָרג זאָל זיין הילף אָדער מאַטעריעלער אָנשפּאַר פאַר אינ־טעלעקטועלע; אפילו נישט פאַר די וואָס זענען אָנגענומען געוואָרן אין צענטער און דורך דעם אָנגערופן אינטעלעקטועלע פונעם פּרע־זידענט.

דער פּרעזידענט פון צענטער — מיר פאַרלייקענען נישט זיין דינאַמיזם און זיין אויסערגעוויינלעכע וויטאַליטעט, נישט זיינע אי־ניציאַטיוון, וואָס זענען טיילמאָל ריכטיקע — באַזיצט אָבער נישט קיין נויטיקע ווּיסנשאַפטלעכע אָדער היסטאָרישע קאָמפּעטענצן כדי אַליין אָנצונעמען באַשלוסן וועגן זיין אַקטיוויטעט. אפילו אַ מע־צענאָט וואָס צאָלט פון זיין אייגענער קעשענע פאַר אַ וויסנשאַפט־לעכע אַרבעט מוז אָפּטרעטן דעם פּלאַץ פאַר אַ וויסנשאַפטלער, און וואָס ערשט ווען ס'האַנדלט זיך וועגן אַלגעמיינע אינטערעסן. ביי אונז גייט אַלץ אַנדערש: סיאיז גענוג אַז אַ פּערזאָן זאָל קריגן אַ סובווענץ, און זיך שאַפן אַן אָרגאַניזאַציע און זיך אַליין אויס־ ווײַלן אַ קאָמיטעט, און אפשר טון אַזוי ווי זי וויל אַ דאַנק דעם קראַפט און דעם פּרעסטיזש, וואָס עס גיט איר דאָס פרעמדע געלט מיט וועלכן זי דיספּאָנירט.

דער אַלגעמיינער פּראָבלעם איז אָבער דאָסמאָל נאָך ערנסטער: האָט מען דען דאָס רעכט אָפּצונאַרן לעבעדיקע, אויסצונוצן טויטע, אויפצוטרייסלען די גאַנצע וועלט, אפילו אויב ס'וואָלט זיך גע־האַנדלט וועגן אַלע אינטעלעקטועלע, אינטעלעקטועלע אויסגעווײַלט לויט אַן אָביעקטיוון קריטער און מיט אַלע וויסנשאַפטלעכע גאראַנ־

טיעם? מיר אַבסטראַהירן דאָ פון צענטער און פון שנייערסאָנען; דער פּראָבלעם שטעלט זיך פאַר אונז אין אַ ברייטערן מאַסשטאַב: די באַרעכטיקונג פון די מיטלען דורכן ציל.

דאָס קענען אַקצעפּטירן דעם דאָזיקן געדאַנק, אַפילו צייטווייליק, באַווייזט דעם אונטערגאַנג — אָם וויניקסטנס דעם אומבאַוווּסט־זיניקן אונטערגאַנג — פון יידישקייט, ווי משה רבנו האָט עס אונז געלערנט. משה׳ס לעקציע, דאָס פּסח־קאַפּיטל, וואָס מיר פּייערן איצט, איז קלאָר און גיט נישט קיין שום מעגלעכקייט אויף אַנדערע אויסטייטשונגען.

פּסח, דער אָנדענק פון איינציקן אין דער געשיכטע זיגרייכן אויפשטאַנד פון שקלאַפן, האָט דערבראַכט צום שאַפן פון איינהייטלעכן פאָלק און דאָקטרין. אויב איר גלויבט אין גאָט, טאָ פאַרהייליקט זיין גרויסקייט; אויב נישט, באַוווּנדערט דעם מענטש־משה, וועלכער האָט געצווונגען אַ בינטל דעגראַדירטע און טעמפּע שקלאַפן צו ווערן אַן אָרגאַניזירט פאָלק, מיט אַ תורה אָן פאַרגלייך מיט זיין תקופה, און אין אַ גרויסער מאָס, אויך מיט די קומענדיקע עפּאָכעס.

משה האָט זיך אינגאַנצן נישט גערעכנט מיט דער מענטשלעכער נאַרישקייט, ער האָט אָפּגעוואָרפן לייכטע לעזונגען און אַבערגלויבנס, וואָס פאַרלייכטערן די ווירקונג אויף מענטשלעכע נשמות. ער האָט נישט אַקצעפּטירט די מיטלען אַפילו פאַר דעם אויסערגעוויינלעכן ציל. צענדליקער יאָרן איז ער געבליבן מיט דעם „וואַרנדיקן" פאָלק אין מדבר אין נויט כדי אים צו דערהויבן, כדי צו עמאַנציפּירן דעם געדאַנק און דעם גייסט פונעם פאָלק. אַ סך לייכטער וואָלט געקענט זיין זיין אויפגאַבע פון אַ פירער, אַ סך גרינגער וואָלטן די יידן אין מדבר אים געפאָלגט, אויב ער וואָלט אָנגענומען דעם קליינעם עגל הזהב. ניין, משה האָט נישט געוואָלט קיין אויבערפלעכלעכע אָנהענגער; ער האָט געוואָלט באַפרייען דעם שכל און ער האָט עס באַוויזן. ווי אַזוי נישט זיין שטאָלץ פון פּאָמפּעיעס פאָרוואורף ווען ער האָט באַזוכט דעם בית המקדש אין ירושלים, און דעם קודש קדושים, אַז עס איז דאָרט נישט געווען קיין שום געץ, קיין שום בילד, קיין שום קעגנשטאַנד. אין אַ באַרבאַרישער וועלט,

וואָס נויטיקט זיך אין עפּעס קאָנקרעטעס — עס מעג זיין ווי לע־בערלעך — כדי צו גלויבן און צו פאַרגעטערן, דערהויבן זיך די יידן צו אַזאַ מין אַבסטראַקציע, וועלכע באַפרייט דעם מענטשלעכן גייסט. אַבסטראַקציע איז שווער, זי טוט וויי, אָפּטמאָל אפילו דעם גייסט פון דער עליטע. משה רבנו האָט אויסגעלערנט אַ גאַנצן פאָלק גייסטיקע אַבסטראַקציע.

דער דאָזיקער שמריך כאַראַקטעריזירט גרינטלעך אונזער פאָלק, ער קלערט אויף דעם אונטערשיד צווישן יידן און נישט־יידן. אפילו ווען, טראָץ אַלע אָנשטרענגונגען, דער מיסטיציזם פון דער ארומרינגלדיקער וועלט האָט זיך אַריינגעריסן אין יידישן פאָלק אין גלות פאַלשנדיק די אמתע תורת משה, האָט ער פונדעסטוועגן נאָך אַלץ געטראָגן די שפּורן פון שכל. ער האָט נישט געקענט שע־דיקן די באַזע פון אונזער לאָגיק, און ער האָט קיינמאָל נישט אָנגע־נומען דעם אבסורד אַלס אַן עלעמענט פון מיסטיק און אַלס ארגו־מענט פון גלויבן.

אַ קאָנסעקווענץ פון אונזער מאָנאָטעיזם איז דאָס אויסשליסן פון יעטוועדן דואַליזם אין אונזערע מאָראַלע, סאָציאַלע און אינ־טעלעקטועלע קאָנצעפּציעס. ס'איז דאָ נישטאָ פאַראַן קיין שום פאַר־מינערונג פון קלאָרקייט, ווייל אָן איר זענען אומדענקבאַר די גע־רעכטיקייט, דער אמת און די אויפריכטיקייט. ס'איז נישט פאַראַן קיין שום אויסנאַם, אפילו וואָס שייך „קליינע" ענינים; אונזער קאָנצעפּציע איז גראַנדיאָז, זי שטעלט מיט זיך פאָר איין אייניציקן בלאָק אין געטלעכע און מענטשלעכע ענינים. ווען אונזערע חכמים האָבן זיך באַמיט אויפצוהאַלטן אונזער רעליגיעזע סובסטאַנץ אין מאָמענט פון אונזער דיאַספּאָרא, וועלכע האָט אונז געדאַרפט ברענ־גען אין קאָנטאַקט מיט אַ וועלט זייער אַ פאַרשידענע פון אונזער תורה, ווען אונזערע חכמים האָבן אונז געוואָלט פאַרהיטן פון נאָכ־פאָלגן דעם ביישפּיל פון די געצנדינער, אַ לייכטערן אָרט פון לעבן און פון דענקען, האָבן זיי אויפגעשטעלט אַ באַריערע, וואָס איז נעווען נאָך שטרענגער ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט ווענגן נישט קיין גאָר וויכטיקע זאַכן. ווייל אַלץ רעכנט זיך אין דער גאַנצקייט, און אונזערע חכמים האָבן אָפּגעוואָרפן יעדע קאָנצעסיע. דערמיט האָבן

זיי שטרענג פארבאָטן יעטוועדע פאַלשקייט. דאָרט ווו די באַדינגונ־גען האָבן זיי געצוואונגען נאָכצולאָזן פון דער דאָזיקער שטרענג־קייט, האָבן די יידן דאָס געטאָן מיט טרערן אין די אויגן, און אזוי גיך ווי דאָס איז נאָר געווען מעגלעך האָבן זיי צוריקגעשטעלט די כללים. מען דאַרף נישט צוזאמענמישן דאָס שטרענגע אָפּהיטן די רעליגיעזע פּאַראַגראַפן מיט תורת משה. עס האַנדלט זיך נישט בלויז וועגן ריטועלע פאָרשריפטן, די יידישע תורה איז אן אינטע־גראַלע אידעאָלאָגיע און א קאָנצעפּציע פון וועלט אויף אַלע מענטש־לעכע געביטן דווקא דערפאַר, ווייל פאַר איר עקזיסטירט נישט קיין אונטערשיד צווישן דער רעליגיע און דעם רעשט פון לעבן אָדער צווישן גלויבן און שכל.

אזוי לאַנג ווי יידן וועלן אָפּהיטן די דאָזיקע איינציקע און גלייכע קאָנצעפּציע, וועלן זיי בלייבן יידן. יעדעס מאָל וועו זיי האָבן דערלאָזט א דואַליזם, האָבן זיי זיך דערווייטערט פון אונזער פאָלק און האָבן זיך פאַרלוירן.

און, קומענדיק צוריק צו די אינטעלעקטועלע, וואָס האָבן היינט ליידער צופיל פאַרשידענע „שיסעלעך" און פאַרגעסן זייערע גרויסע יידישע אחריות: דער, וועלכער איז אַ אמתער אינטעלעקטועלער אין יידישן זין, זאָל גיכער בעטלען פון הויז צו הויז, איידער צו עסן דאָס ברויט פון פאַלשקייט, וועלכע איז אַ פאַרלייקענונג און אַ פאַראַט פון גייסט, פון יידישן שכל און פון יידישן כבוד. די אנ־דערע קערן זיך אום, פון זייער אייגן ווילן צו דער מצרישער פאַר־שקלאַפונג. די פרייוויליקע שקלאַפן קען מען נישט אויסקויפן אפילו מיט געלט וואָס ווערט דערגרייכט דורך קרומע וועגן.

(„ליעלאָן נוואָ", אַפּריל 1952, נר. 17)

ש. שיינער

# נישט דאס איז די אויפגאבע פון די אייראפעישע יידן!

(ארום דעם א. ג. מאנומענט פאר די יידישע מארטירער)

די יידישע געשיכטע איז נישט ארעם אין אלערליי „פריוואטע" אינציאטיוון, וואס האבן זיך געשטעלט א הויכן צוועק און געדארפט דערפילן א נאציאנאלע אויפגאבע. ווען זיי האבן ארויס־גערוקט זייער אידייע, זענען די אינציאטארן געוועז באוואפנט מיט די שענסטע רייד און זיי האבן געשפילט אויף די איידלסטע געפילן און סענטימענטן פון פאלק. ס'איז גאר קיין געהויבענערס און שענערס פאר זייער געדאנק נישט געווען און קיינער האט זיך אייגענטלעך נישט געדארפט אנטקעגנשטעלן זייערע פלענער, נאר אונטערשטיצן מיטן גאנצן כח.

נאר עפעס איז געשען מיט די דאזיקע אינציאטיוון; אזוי ווי צופעליק האבן זיי אין זינען געהאט נאכצומאכן א געוויסער „זאך" וואס האט שוין עקזיסטירט אין... ירושלים! און דערפאר זענען זיי ארויסגעקומען ווי געפערלעכע קאריקאטורן, וואס האבן פארפירט דאס פאלק, אנגעמאכט א חורבן און די דאזיקע טאטן זייערע זענען ביז היינט געבליבן פארהאסטע אינעם זכרון פון פאלק.

איך בין נישט קיין געשיכטע־פראפעסאר און דערפאר וויל איך זיך נישט אפשטעלן ברייטער אויף די געשעענישן פון יענע עפאכעס. איך וויל זיך נאר דערמאנען צוזאמען מיטן לייענער דאס וואס מיר האבן געלערנט אין אונזער יוגנט אין תנ"ך, אדער אין די געשיכט־לעכע ביכער, וויאזוי האבן מיר דאן אויפגעצארנט, ווען מיר האבן געלייענט (אין מלכים א' קאפיטל י"ב) וועגן קעניג פון דער אפגע־טיילטער מלוכה ישראל, וואס איז נעגאטיוו איינגעקריצט געווארן אין דער יידישער טראדיציע ווי ירבעם בן נבט, וואס האט באשלאסן

זיך צו מאכן אייגענע און לאקאלע הייליקטימער־הגם דאס צענטראלע ארט פון הייליקייט איז געווען די הויפט־שטאט ירושלים.

ירבעם איז נישט געווען אבי ווער; די ביבל אליין דערציילט אז ער איז אויף גאטס־באפעל געזאלבט געווארן פאר א קעניג פון דעם נביא אחיה השלוני — און זיכער האט זיין געדאנק פארמאגט א סך אויסגעהאלטנקייט; און ער אליין איז זיכער געווען א גרויסע אויטאריטעט סיי ווי א רעוואלוציאנער, פריי־הײמס־קעמפער און פון גאט־געקרוינטער קעניג און סיי ווי א געלערנטער, וואס האט צו זיך קיין גלייכן נישט געהאט. דאך האט ער זיך אזוי ווייט ארײנגעטריבן אין דער אמביציע אריין, אז ער האט אוועקגעשטעלט צוויי גאלדענע קעלבער און זיי האבן עס געדארפט ווערן די פארהייליקטע אביעקטן צו וועלכע דאס פאלק זאל אנטקעגן־טראגן זיינע געפילן און זיי דינען ווי געמער! איז דען א וואונדער וואס די געשיכטע האט אים דעם דאזיקן ערזאץ קיינמאל נישט געקענט מוחל זיין?

איך שטעל מיר פאר אין דער פאנטאזיע מיט וויפל „לאגישע״ ארגומענטן ער האט דאן אפעלירט צום פאלק... קיין ירושלים איז ווייט... נישט אלע קענען זיך דארט אנזאפן מיט קדושה אין דעם גרויסן געדראנג... עס איז טאקע גלייכער אז אויף נאך צוויי ערטער זאלן שיין הייליקייטן און דאס פאלק זאל האבן באקוועמער און נישט דארפן יעדעס מאל ווען עס וויל זען זיינע מאנומענטן, אריבער־גיין גרענעצן צווישן ישראל און יהודה... דער פראפאגאנדע־אפאראט ביי ירבעמן האט זיכער געארבעט זייער קלוג און אויס־גערעכנט און נישט אומזיסט האט ער אפילו געווינען א סך אנהענגער פאר זיין דאזיקן געדאנק; אבער זיין דן און בית אל האבן ירושלים נישט איבערגעשטיגן און נישט אריינגעלעבט אזוי לאנג אין דער אייביקייט אריין. ער האט טאקע געמעגט זיך אויסזוכן אייגענע כהנים, מאכן גרויסע סעודות און צערעמאניעס און ער האט מאקע געמעגט פראקלאמירן גרויסהאלטעריש צו זיינע אנהענגער אז — „איר האט שוין גענוג עולה געווען קיין ירושלים!״

דאס געשיכטלעכע געזעץ האט שוין לאנג ארויסגעטראגן אן אורטייל, אז ווען עס קומט צו הייליקע אייביקייטן פון יידישן פאלק איז קיין ערזאץ פאר ירושלים נישטא...

עס בעט זיך דא נאך א געשיכטלעכערביישפיל פון א לאנגער צייט שפעטער, ווען א געוויסן אמביציעזן מאן האט זיך פארגלוסט צו ווערן א כהן־גדול און ער האט צוליב דעם זיך געווארפן אין קאמף אויסצובויען זיינס אן אייגענעם „בית המקדש" אין א פרעמד גלות־לאנד... נאר איך וויל זיך נישט ארייַנלאזן אין קיין היסטא־רישע דעטאלן, וועלכע זענען אלעמען גוט באקאנט און דערצו וויל איך זיך גיכער אפשטעלן אויפן אקטועלן מאמענט פון דער אנגעווייר־טיקטער פראגע. מחמת דעם וויל איך בלויז אויספירן אז חוניוס פ׳עמדער בית המקדש איז שוין לאנג פארגעסן געווארן און עס איז מסתמא אין פופציק יאר ארום נאך זיין אונטערגיין נישט געווען קיין איין ייד וואס זאל פארגיסן א טרער אויף זיין חורבן... דערפאר האט דער ירושלימער בית המקדש נאר געצויגן צו זיך דעם צער פון טויזענטער יארן און יידן הערן נישט אויף צו באוויינען דעם חורבן ביזן היינטיקן טאג. אויב עס איז געבליבן א רעשטל וואנט פון עכטן בית המקדש, האט זי אינספירירט אייביקע בענקשאפטן און אייביקע חלומות; דערפאר אבער איז קיין ייד נישט איינגעפאלן צו גיין זוכן די שפורן פון אמביציעזן חוניוס עפיזאדישן דענקמאל פון יידישער פראכט...

און זיכער האט חוניוס אויך געהאט זיינע „אייזערנע" ארגו־מענטן וואס האבן א טייל גלות־יידן מיטגעריסן: אוודאי האט נישט יעדער ייד געקענט אזוי לייכט אריבערפארן יעדעס מאל פון אלעק־סאנדריען קיין ירושלים כדי זיך אויסצוווינען אדער זיך אנצופרייען ביים צענטראלן פונקט פון יידישן פאלק!... און מסתמא האט חוניוס געהאלפן אין איין מענהן אז אויך „מיר" מעגן זיך האבן אן אייגענעם צענטר, אן אייביקייטס־טעמפל און „היימישן" כהן גדול —

נאר די אייביקייט האט עס נישט געוואלט אנעמען; ווייל דאס מאכן א שפאלטונג אין דעם פאלקס קאנצענטרירטקייט, בשעת עס האט געהאלטן ביי דענקמאלן פאר א סך יידישע דורות שפעטער, האט די פערזענלעכע אמביציע צו בעוויזן בויאונגס־וואונדער בלויז שאדן געברענגט! דערפאר האבן ביידע פאלן שרעקלעך פארפירט דאס פאלק און געזייעט כ א א ס אין דער מחנה פון ישראל. עס האבן נישט געהאלפן די מזבחות וואס ירבעם האט געבויט און עס האבן נישט

געמאכט קיין איינדרוק פאר דער געשיכטע די כהנים וואס ער — פונקט ווי זיין שפעטערדיקער נאכמאכער חוניוס — האט אוועקגע־שטעלט מקטיר זיין אלע מינים קטורתן, וואס זאל פארסמן דעם געזונטן חוש פון פאלק. גרויליק איז געווען דער צייכן וואס דער אומבעקאנטער נביא, וועלכער איז געקומען ווארענען, האט אים געגעבן: דער מזבח איז צוריסן געווארן און דאס גאנצע ביסל פעטס האט זיך אראפגעגאסן אויף דער ערד ווי אן איבעריקע זאך.

לאגיש גענומען; דער גורל פון אזעלכע אונטערנעמונגען האט געמוזט זיין אזעלכער און נישט קיין אנדערער, ניט בלויז דערפאר ווייל זיי האבן אויפן ארט פארפירט דאס פאלק, געזייט צעשפליטע־רונג און עס צוגענומען דעם חוש, פאר דעם וואס עס איז א טפל און וואס עס איז אן עיקר, אויסער אלעם איז עס געווען א פארברעכן דערפאר ווייל א פאלק, ארומגערינגלט מיט שונאים, האט אלע זיינע כוחות — האבן זיי געמעגט זיין ווי ווייט פון צענטער — געמוזט ווידמען פארן דערהאלטן זיין איינציקן פונקט גלייך ווי יעדער נאר־מאל פאלק. דאס זוכן אים צו צורייסן אויף שטיקלעך דורך „הייליקע" צילן האט געמוזט אמאל דעמאסקירט ווערן, הגם עס האט געקאסט גענוג בלוט און טרערן ביז מען האט עס פארשטאנען.

עס פרעגט זיך נאך א פראגע: זאלן מיר נאך דעם גרויסן חורבן ווידער ווערן אוועק־געשטעלט פארן דאזיקן נסיון? אייגענטלעך האט זיך מיר אויסגעוויזן אז וועגן דעם קען גאר קיין פראגע נישט זיין און אז מען וועט גאר קיין דיסקוסיעס נישט דארפן פירן. די ווירק־לעכקייט האט אונז אבער אוועקגעשטעלט, אן אונזער ווילן, פארן דאזיקן פראבלעם — און ווידער נאר א דאנק א שטרענג־פריוואטער איניציאטיוו, געהילט נאך א מאל אין הייליקע כוונות. ווען איך זאג געטראפן במשך אונזער לאנגער געשיכטע. עס איז דערפאר פשוט „הייליקע" כוונות, מיין איך עס חס וחלילה נישט מיט קיין שום איראניע. איך דארף איצט נישט איבערחזרן וויפל ווייטיק מיר טראגן אין אונזערע הערצער, נאך דעם גרויסן חורבן וואס שטייגט איבער מיט זיין פארנעם אלע אומגליקן וואס האבן אונזער פאלק אונזער ערשטער חוב אייביק צו געדענקען וואס אונז האט געטרא־פן — און זיכער דארפן מיר אוועקשטעלן אזעלכע דענקמעלער וואס

זאלן אנהאלטן אייביק. עס קען דען עמעצער זיין קעגן דעם? עס האנדלט זיך אבער אין א געוויסע צאל פשוטע פראגן: ווו זאל מען אוועקשטעלן דעם דאזיקן אייביקייטס־דענקמאל וואס זאל זיין דער העכסטער אויסדרוק פון אונזער זכרון? ווער זאל עס זיין דער בויער און געשטאלטער? ווי אזוי דארף דאס געמאכט ווערן? מעג זיך דא צורירן א פריוואטער יחיד און אליין מאכן, אליין באשטימען, אליין אויסוויילן דאס ארט — זיין ארט ווו ער געפונט זיך אין דער פרעמד־אליין זיך מאכן פלענער ווי אזוי ער וויל עס מאכן, אליין קרוינען „כהנים", אליין אנווארפן דעם גאנצן אנגעווייטיקטן יידישן פאלק, זיין ווילן און זיין געשמאק?

שוין בלויז פארמעל קענען מיר מאכן אונזערע אויספירן: ווי נאר מיר האבן צוריקגעפונען אונזער זעלבשטענדיקייט—און ירוש־לים איז אונזער — קען גאר קיין צווייט ארט פאר א צענטראלן דענק־מאל נישט זיין! עס איז אונז אויך קלאר אז דער פראיעקטירער און ארגאניזאטאר פון אזא גראנדיעזן פלאן מוז נאר זיין דאס גרויסע יידישע פאלק, וואס יעדער איינער פון אים האט צוגעטראגן זיין חלק משפחה צו דער צאל פון קדושים, וואס מען וויל פאראייביקן — נאר דאס גאנצע פאלק און די פארשטייער פון אלע מיילן וועלט קענען באשטימען און זיין די בויער. אונזערע זעקס מיליאן קדושים קענען נישט ארונטערפאלן דעם מאנאפאל פון א יחיד, וואס האט פריער ביי קיינעם נישט געפרעגט, בלויז דערפאר וויל ער האט געהאט דעם איינפאל אזא דענקמאל צו שטעלן! און דאס אויספלאנירן דעם פלאן ווי אזוי אזא גיגאנטיש בנין צו שטעלן און וויאזוי פאקטיש צו פאראייביקן דאס פארשניטענע פאלקס־דריטל — קען נישט גע־מאכט ווערן ביי היימישע טישן פון א קליינע גרופע מקרובים, וואס איינער האט באוויליקט איינצולאדן צו זיך. און ביי זיי געווינען די מילדע הסכמה.

די זעקס מיליאן מענשן זענען ניט אפגעגעבן געווארן קיינעם אין ארענדע; נישט קיין פליסיקע דאקומענטן־זאמלער און נישט קיין פאר משולחים פון נאענט און פון ווייט, וואס זענען זיך „מטריח" צו זאמלען געלט אין ציריך, בריסל אדער לאנדאן! דאס איז דער ענין פון קערפערשאפטן ווען דאס גאנצע פאלק האט שוין לאנג אנגע־

טרויט זיין גורל אין זייערע הענט אריין. אויך דאס ארט איז שוין לאנג אויסגעוויילט געווארן און די געשיכטע האט עם אונז צוריק איבערגעגעבן דווקא אַ פּאָר יאָר נאָכן חורבן, ווען דער געדאנק פון פאראייביקן אונזערע פארשניטענע האט געקענט אויפקומען... און וויאזוי צו געבן א געשטאלט דעם בלוטיקן עבר קענען נאר אויס־פלאנירן די זעלבע, וועלכע האבן מיט זייער מח און מי איבערגענומען דאָס געשטאַלטיקן אונזער עתיד. קיין פּאַריזער גרופּקע, ווען זי זאָל אפילו האבן די בעסטע כוונות, קען נישט און מאר נישט אזא ענין נעמען אין די הענט אריין... און וויאזוי זאל מען באצייכענען די, וואס האבן אונז שוין געוואלט שטעלן פאר א געשעענעם פאקט, שוין אויסגעזוכט א פלאץ, שוין געזאמלט געלט, שוין אויסגעמייסטערט אלץ מיט אלעמען — אזוי, ווי זיי וואלטן געהאט דעם באפולמעכטי־קונגס — אקט פון די זעקס מיליאן קדושים אין דער טאש?

עס וואלט מיר געקלעקט בימערע רייד און קריטיק פאר דער דאזיקער אונטערנעמונג פאר א גאנץ בוך, הגם איך צייל זיך נישט צו די פראפעסיאנעלע שרייבער. איך וויל אבער צוימען מיינע געפילן בכדי צו אנאליזירן לאגיש א ריי זאכן, אין שייכות מיט דער ריזיקער רעקלאַמע וואָס די אינדיווידועלע איניציאַטאָרן האָבן אַנטוויקלט.

איך וויל אונטערשטרייכן, אז איך בין נישט פּרינציפּיעל קעגן דעם, אז יירן אין די גלות־לענדער זאלן אוועקשטעלן ביי זיך מצבות לזכרון די אומגעקומענע. עס וואלט געווען טרויעריק, ווען דאס זאל חלילה נישט געטאן ווערן. אבער דערויף האט קיין שום לאנדסמאנ־שאַפט געוואָרט, ביז די איניציאַטיוו פון אַ געוויסן יחיד וועט קומען און זיי דערמאנען וועגן דעם. שוין אין פאריז גופא זענען עטלעכע אזעלכע פיעטעט־דענקמעלער אויפגעשטעלט געווארן אן רעש און טומעל; אזעלכע וועלן מסתמא אויך ווייטער אויפגעשטעלט ווערן בתפוצות ישראל. ס'איז די הייליקסטע אויפגאַבע וואָס אַ רעשטל פון א לעבנגעבליבענער עדה קען טאן פאר אירע דערמארדעטע ברידער. נאך מער הייליקע אויפגאבע פאר די לעבעדיקע איז זיכער דאס געדענקען אויך דעם גייסט פון די אומגעברענגטע און דאס דערציען זייערע קינדער ווי שטאָלצע יידן וואָס קענען ממלא מקום זיין יענע, וועלכע די מערדער־האנט האט נישט דערלאזט זיין אויף ווייטער. דאס

יוצא זיין מיט א בלוֹיז מאַרמאָר־שטיין פאַר דער קאַטאַסטראָפע איז א טעות. ווען דאָס ווערט נאָר געמאַכט אויף א לאָקאַלן אַפּשניט. די קדושים אַליין וואָלטן זיכער קעגן־דעם פּראָטעסטירט.

אַנדערש איז אָבער מיט דער אַליין־געקרוינטער איניציאַטיוו פון אַזאַ דענקמאָל פאַרן גאַנצן טייל פון אויסגעקוילעטן פאָלק. זיי ווילן ווייט פון ישראל אוועקשטעלן דעם צענטער; זיי ווילן עס אפילו נישט מאַכן לכל הפחות אין לאַנד, ווו עס לעבן נאָך מיליאָנען יידן, ווי אַמעריקאַ, נאָר אין דעם שיינעם פראַנקרייך, ווו אַזוי ווייניק יידן זענען פאַרהאַן, און ווו — אין רעזולטאַט פון דער „נאַטירלעכער" אַסימילאַציע־קען קיינער נישט וויסן ווער עס וועט בלייבן און פאַר וועמען מען שטעלט אַזאַ מעכטיקן בנין. זיי ווילן נישט די ריזיקע סכומים געלט, וואָס אַזאַ מין אונטערנעמונג דאַרף פאַרשלינגען, ווידמען פאַר קיין דערציִונגס־שולן פאַר דער יידישער יוגנט אין פראַנקרייך, נאָר פאַר עפּעס אַ טויטן דאָקומענט־דענקמאָל, אויף וועלכן עס איז נאָך נישט באַוווּסט ווער פון די איצט וואַקסנדיקע יוגנט וועט קוקן. יידישע שולן ווערן געשלאָסן אָדער קומען באַלד נישט אויף צוליבן מאַנגל פון די עלעמענטאַרסטע מיטלען; פאַר קיין נייעם און לעבעדיקן דור זאָל נישט געזאָרגט ווערן — אָבער דערפאַר זאָל מען נעמען פאַנטאַסטישע סכומים און פאַר זיי שטעלן פּאַוויליאָנען, ליידיקע אָדער דאָקומענטן אָנגעשטאָפּטע פּאַלאַצן פון מאַרמאָר און צינק... דאָס זאָל זיין דיין ירושה פאַר דער צוקונפט, יידיש פראַנקרייך?

און נאָך עפּעס: אונזער פאָלק גייט איצט אָפּ אין שוויים ביים פיבער פון בויען די אייגענע היים, דאָס אייגענע הויז... דאַרף מען דען הייגט דערציילן ווי אַזוי יעדע פּרוטה איז נויטיק פאַרן גיין פאָרויס און ווי אַזוי יעדער ציגל אין ירושלים אָדער נהריה קומט אָן מיט אָנשטרענגונג? דאַרף מען דען דערציילן ווי שווער עס קומט אָן צונויפצוזאַמלען די ריזיקע סכומים און מען מוז זיך ווענדן צו יידן און נישט יידישע פּריינט אַז זיי זאָלן קומען צוהילף... און דערביי קומען עטלעכע יידן, פון קיינעם נישט געשיקט און דורך קיינעם נישט מאַנדאַטירט — און זיי ווילן עס אין די היינטיקע טעג אַריינלייגן שווערע מיליאָנען אין עפּעס א מין „מאָנומענט" וואָס

אליין האבן זיי, צוליב דער אדער יענער סיבה אויספאַנטאַזירט...
דאַרף מען נאָך מער מסביר זיין דעם אבסורד דערפון? דעם חוזק
איבער די רעאַל־יידישע פאָלקס־גויטן? עס איז אַ טראַגישער שפּאַס
איבער וועלכן מיר קענען מער נישט ביטער שמייכלען, נאָר ענערגיש
פּראָטעסטירן מיטן גאַנצן כח!

עס וואָלט געווען איבעריק, אז איך זאָל זיך אָפּווערן קעגן דער
צינישער טענה וואָס א געוויסער טייל פון דער קליינער גרופּע דענק־
מאָל־אַנהענגער באַנוצט זיך קעגן די פּרינציפּיעלע קעגנער: איר ווילט
פאַרגעסן... איר ווילט אַז אַזאַ דענקמאָל זאָל שטיין אין ישראל,
בכדי איר זאָלט אים נישט האָבן נאָענט פון זיך — און דאָס זאָל
אייך נישט דערמאָנען אין יענע טראַגישע טעג. קעגן אַזעלכע רייד קען
מען נישט ענטפערן; ווייל מער ווי זיי באַליידיקן טיף, זענען זיי א
רעזולטאַט פון דער אייגענער ניט־ערנסטקייט; אַזאַ געראַנק קען נאָר
אויפקומען ביי אַזעלכע, וואָס האָבן שוין אַליין פאַרלוירן אָדער
קיינמאָל נישט געפילט דעם ווייטיק פון דעם חורבן. אַנדערש וואָלטן
זיי גאָרנישט מסוגל געווען חושד צו זיין אַנדערע אין דעם זעלבן;
טאָר מען נישט פּאָלעמיזירן מיט אַזעלכע.

אַנדערש איז אָבער מיט די, וואָס קומען מיט א טענה, אַז מען
טאָר נישט אויסליידיקן דעם גלות פון אַלדאָס וועקנדיקע און טייערע;
אַז מען קען נישט דעם גלות לגמרי מבטל מאַכן און דאָס לעצטע
ביסל הייליקייט אַוועקטראָגן קיין ישראל. דערויף וויל איך זאָגן:
חלילה! דער גלות, כל זמן יידן זענען אין אים פאַרהאַן, נויטיקט
זיך אין מער קדושה און אין יידישקייטס־פעסטיגונגען ווי ישראל —
אויב מען וויל דאָס יידנטום אין די לענדער באמת דערהאַלטן ביים
לעבן! אָבער מיר דאַרפן דאָ אַקטיוויזירן לעבעדיקע זאַכן. עס וועט
מיר קיינמאָל נישט איינפאַלן צו פּראָטעסטירן פאַרוואָס אין ניו־יאָרק
בויט מען א יידישן אוניווערזיטעט פאַר צענדליקער מיליאָנען דאָלאַר
און פאַרוואָס אין בוענאָס איירעס אָדער מעקסיקע בויט מען פּרעכ־
טיקע שולגעביידעס וווּ די יידישע קינדערלעך לערנען זיך טאָג־
טעגלעך יידיש און העברעאיש. דערויף איז גאָר נישט שייך קיין
דיסקוסיע און אין טיפערן זין קאָנקורירט עס נישט בלויז מיט מדינת
ישראל, נאָר העלפט אויסשמידן ישראלס צוקונפט!

עס גייט אין דעם, וואס אין פראנקרייך האבן זיך די זעלבע אינ־ציאטארן נישט פארטראכט ווי געהעריק, און דווקא צוליב גרויס זארג פארן גלות מוז מען זיך אריין ווארפן מיטן גאנצן אימפעט נישט צו לאזן פאלן די לעצטע פעסטונגען פון יידישע דערציונג און אז אויב עס זענען שוין פארהאן מעגלעכקייטן צו מאביליזירן מיליאנען פארן גלות פראנקרייך — דארפן זיי נוצן ברענגען דער באלדיקער און וויכטיקסטער נויט! און פארוואס האבן זיי אנגעהויבן אזוי שטיל צווישן זיך און פארזיכטיק און דערנאך זיך געווארפן מיט אזא אייפער צו זאמלען מיליאנען און דווקא נאר און בלויז פאר יענעם פראבלעמאטישן דענקמאל וואס קיינער ווייסט נאך נישט ווי אזוי ער וועט אויסזען, וועמען און וואס פאר א נוצן ער וועט ברענגען!? פארוואס בלויז דא און דווקא דא אזא גרויסער פארמעסט און אזא שוונג? פארוואס אזוי פיל כח און אימפעט פאר זאכן וואס קיינער זעט נאך נישט מיטן אויג און פארוואס אזוי ווייניק ברען פאר רעאלע נויט, וואס יעדער זעט, ביי די זעלבע.

עס פרעגט זיך בלויז: וואס וואלט געווען, ווען די דאזיקע ענערגיע און די שוין דערגרייכטע געלט־מיטלען זאלן באמת פארווענדעט ווערן צו א קאנסטרוקטיווער גלות־ארבעט, ווי אזוי וואלטן מיר אויסגעזען אין יידישן פראנקרייך און אויב דאס איז נישט געשען, — טא ווי אזוי קען מען זיך נישט וואנדערן דערויף.

און נאך א טענה פון די אנהענגער: דער דענקמאל דארף נישט אזוי ווייט געשטעלט ווערן פאר יידן, ווי פאר דער נישט יידישער וועלט. זאלן אויך זיי האבן עפעס וואס זאל זיי דערמאנען, וואס זאל אין זיי וועקן חרטה און ווארענען אז ווייטער זאל אזעלכעס נישט געשען.

וויל איך דא זאגן: אויב די קאטאסטראפע גופא קען נישט דינען פאר קיין ווארנונג; אויב די אויסגעליידיקטע יידישע שטעט פון אייראפע קענען נישט זיין גענוג דערמאנונג; און אויב די פארגאסענע טייכן בלוט קענען נישט דערוועקן מער קיין געוויסן — ווי אזוי זאל עס טאן דער פרעכטיקסטער דענקמאל אויף א פאריזער פלאץ? מיר ווייסן אויך אז די ערלעכסטע פריינט אונזערע קענען פון א נישט צופיל קאסטבארן דענקמאל פון א פאסייטי אויך אינספירירט ווערן;

מיר זען אז די אמתע פריינט אונזערע האבן סיי ווי מיט מעשים באוויזן אז זיי געדענקן, אבער נאך ווי אזוי געדענקן זיי? און די וואס האבן א געוויסן, וועלן זיכער טרעפן צו אונז אויך קיין ישראל, זיך פרייען מיט אונזער פרייד און נישט מיד ווערן ארויפצוקלעטערן צום הר ציון און זיך אנזאפן מיטן צער פון אונזערע אמאליקע צייטן.

עס איז פאר מיר אויך קלאר: דאס דערמאנען די פעלקער פון דער וועלט אין דעם געשעענעם איז גארנישט אונזער ארבעט — אויב עס דארף זיין אזעלכעס מוזן זיי אליין אויפבויען פאר זיך! מיר קענען זיך נישט לאזן צופרידן מיט דער הסכמה פון טשערטשיל, מאדאם רוזוועלט און אנדערע חסידי אומות העולם צו א דענקמאל וואס זאל געבויט ווערן דורך יידישער אינציאטיוו און מיט יידיש געלט! עפעס איז דא צו ווייניק אנשטרענגונג און אביסל צופיל רעקלאמע־פרייד פון די ארגאניזאטארן מיט אזא הסכמה. צו איז עס דערפאר ווייל די נעמען קענען צוגעבן וואג די זאמלונגען ביי יידן.

אז דער געדאנק וועגן א דענקמאל וואס די נישט יידישע וועלט דארף אויפשטעלן פון זיך אליין — איז א ריכטיקער באוויזן די פאלן, ווו אזעלכעס איז יא געשען אין קלענערן מאסשטאב. למען האמת דארף געזאגט ווערן אז אויך אין ניו־יארק איז געשאפן געווארן אן אינציאטיוו אויפצושטעלן א מאנומענט פאר די זעקס מיליאן קדושים. אבער ראשית כל האט דאס פילמיליאניקע יידישע אמעריקא מער רעכט צו אזא געדאנק און דארט זענען דא מער אזעלכע וואס וועלן קאנטראלירן די גאנצע אונטערנעמונג — אויב זי וועט אמאל פארווירקלעכט ווערן, והשנית, ווערט פארן פראיעקטירטן ניו־יארקער דענקמאל נישט געמאכט קיין אקציעס, מיט קיין פריוואט־סעפעראטע געלט זאמלונגען. עס ווערן דארט נישט גענומען קיין הסכמות ביי טויט און לעבעדיק און מען פראוועט נישט קיין אגיטאציע ארגיעס קעגן די געפילן פונעם גרעסטן טייל יידן. דארט ווערט דער פראיעקט אויסגעארבעט פון דעם ניו־יארקער שטאט־ראט און אויב ער וועט אמאל געשטעלט ווערן (אויך דארט זענען פארהאן קעגנער) וועט ער געבויט ווערן לגמרי אויף די קאסטן פון דער רעגירונג. טא וואס פארא דעות האבן מיר צו זאגן א נישט־יידישער פארוואלטונג, וועלכע וויל אויף אזא אדער אנדער אופן פאראייביקן

דעם אָנדענק פון אונזערע קדושים? מיר קענען דאָרט העכסטנס אַרויסזאָגן אונזערס אַ מיינונג און דערנאָך בלויז באַטראַכטן דעם דאָזיקן דענקמאָל ווי אַן אויסדרוק פון גוטן ווילן מצד די ניו־יאָרקער שטאָטפירער.

אַנדערש איז אָבער ווען אַ פּאָר איינצלנע עסקנים האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט פון דערגרייכן דאָס „ערשטע אָרט" און איבערנעמען די פאַרוואַלטונג איבערן „דענקמאָל איבער אַלע דענקמעלער פאַר די קדושים", זיי נעמען דערוויייל געלט ביי יידישע פאָלקס־יידן, ביי שמריקער און סוחרים, ביי ווייטע יידן וואָס ווייסן נישט און מיינען אַז אונטער דעם שטייט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק — און ביי אסימילירטע וואָס האָבן מיט דעם באַשטייערן זיך געוואָלט דערפילן אַן ערן־חוב צו די וואָס מ'האָט זיך פון זיי דערווייטערט און דאָס געוויסן פּלאָגט...

וואָס וועט ווערן פון דעם אַלעמען ווילן מיר דאָ נישט פאַרויס־זאָגן. וועט טאַקע געשטעלט ווערן אַזאַ מין גראַנדיעזער מאָנומענט אויפן פּאַריזער פּלעצל, ווי די זאַמלער פאַרזיכערן, אָדער נישט? מיר האַלטן זיך אָפּ פון נביאותן. איינס ווייסן מיר שוין אויף זיכער: די דאָזיקע געזאַמלטע און אפשר שוין פאַרטוענע סומעס פעלן גאָר שטאַרק שוין איצט פאַר די וויכטיקסטע קולטור־נויטן פון יידישן ישוב אין פראַנקרייך, פאַר די עלעמענטאַרסטע דערציונגס־אינסטי־טוציעס און על אחת כמה וכמה: פאַר דעם וואונדערלעכסטן אויפבוי־ווערק פון יידישן פאָלק — פאַר מדינת ישראל.

דאָס זענען די ערשטע סך־הכלען, וואָס זאָגן אונז צו גאָר אַסך... אפּראָפּאָ דעם גאַנצן ענין דענקמאָלן בכלל: אויסער אַלע אַרגומענטן האָט זיך געשאַפן אַ טראַגיש־פּאַראַדאָקסאַלע לאַגע, אומעטום זענען אַזעלכע איניציאַטיוון אויפגעקומען — און אומעטום אַן דער הסכמה פון דער יידישער מערהייט וואָס לעבט דאָרט. מיר ווייסן פון דעם סקאַנדאַל וואָס איז פאָרגעקומען למשל אין קאַנאַדע, בעת אַ פּיפּיקער איניציאַטאָר האָט לויט זיין אייגענעם געשמאַק אָוועקגעשטעלט אַ מאָנומענט פאַר די 6 מיליאָן קדושים — און ס'איז דערנאָך געוואָרן אַ רעש: מיט וועלכער רעכט?

און ווירקלעך: אויב מען ווארפט אפ אומבארעכנט דעם געדאנק אז דער צענטראלער קדושים מאנומענט דארף שטיין אין ישראל, פארוואסזשע דווקא אין פאריז? פארווס זאל דער לאנדאנער ייד נישט פארלאנגען אז ער זאל שטיין אין לאנדאן, דער שווייצער ייד — אין ציריך, דער קאנאדישער ייד — אין מאנטרעאל אדער וויניפעג, דער שוועדישער ייד — אין שטאקהאלם און דער אויסטראלישער ייד — אין סידנעי? אויב עס איז צו ווייט צו ישראל — האט דער אויס־טראלישער אדער נייזעעלאנדישער ייד א סך מער רעכט דערצו ווי דער ייד אין פאריז...

די פאריזער איניציאטארן — גרופע האט טאקע באוויזן אנצו־מאכן מער רעש, מער רעקלאמע, און מער ווינט — אבער אויך די אנדערע האבן נישט גערוט; אויך זיי האבן באקומען הסכמות און אויך זיי וועלן האבן, פונקט ווי יענער ייד פון קאנאדע, אונטערשטיצער און... געלט! ביי פאריז אליין וועט עס זיכער נישט בלייבן, אויב „צענטראלע" מאנומענטן — וועלן בוענאסאיירעסער יידן זיכער פרע־טענדירן דערויף פונקט ווי „פאריזער" (און זיי האבן די לעצטע יארן זיכער מער אויפגעטאן פאר ישראל און יידישקייט אויפן ארט, ווו די עומדים בראש פון פאריזער דענקמאל־אויפטו...) און דער אומגעזונטער טומל פון דענקמאל־קאנקורענץ און דאס מאכן א וועטלויף אויפן חשבון פון בלוט, פון פארפייניקטע מיליאנען אייגענע ברידער מאכט אונז שוין טרויעריק. דער ריח פון א זעלכע פאר־מעסטן — און אנהייבן דערצו זענען שוין גאר היפש געמאכט גע־ווארן — שלאגט שוין איצט צו דער נאז — אדאנק די ספעציפישע מעטאדן פון יענער ספעציפישער „אונטערנעמונגס" רעקלאמע אופן אש פון קדושים וועלכער אונזער געניאלער ח. נ. ביאליק האט ארי־בערגעשיקט נאך אמאל זיין צארן און זיין קללה.

ווען מיר טיילן אפ דאס צענטראליזירן פון די לאקאלע אנדענקס־בנינים וועלכע יעדער יידישער קיבוץ מוז און דארף מאכן — מוזן מיר שוין דערמאנען אן ענלעכע איניציאטיוו מיט עטלעכע יאר צוריק; מיר מיינען דא דעם דענקמאל פאר די ווארשעווער געטא — אויפ־שטענדלער וואס שטייט טאקע אין ווארשע. מיר דערמאנען זיך מיט וויפל הארץ יידן האבן געשענקט געלט דערויף און וויפל שווערע

געלטער עס זענען דערויף געזאמלט געווארן ביי יידן פון פאריז, ניו־יארק און ריא דע זשאנעירא! דא איז שוין געווען א מאראלישע און בארעכטיקטע סיבה פארוואס דווקא ווארשע, וואס קיינער האט זי נישט געקענט אפפרעגן. וואס איז אבער געווארן אט פון דעם קאסטבארן שטיין, וועלכן דאס גאנצע יידישע פאלק האט געבויט?

מיר דארפן היינט קיינעם נישט דערציילן, אז אכט און ניינציק פראצענט פון די יידן אין דער וועלט קענען אפילו צו אים נישט צוקומען, צוליב אלערליי סיבות, דא מיינען מיר נישט בלויז די יידן פון דעם מערב־טייל וועלט — נאר אויך די מזרח־יידן! עס איז זיכער אז אפילו דער דורכשניטס־ייד פון אונגארן אדער רומעניע קען דעם געטא־דענקמאל פאר די אויגן נישט זען — אבער דער טראגישסטער פאראדאקס פון א יידישן דענקמאל אין דער פרעמד קומט צום אויס־דרוק דורך דעם וואס קיין איין סאוויעטישער ייד האט נאך נישט זוכה געווען צו שטיין ביים דענקמאל פון יידישע גבורה אין ווארשע — דערפאר האבן אבער „זוכה" געווען דערצו אומצייליקע גרופעס פון עכטע דייטשן, וועלכע האבן געוואגט צו שענדן דעם דענקמאל לעיני השמש מיטן לייגן אויף אים א דייטשן קראנץ...

עס פאלט מיר נישט איין אויף א מינוט צו טראכטן אז אין דעם באמת פרייעם און דעמאקראטישן פראנקרייך זאל חלילה געשען אן ענלעכער פרעצעדענט. איך האב נאר באוויזן דעם גורל פון דענקמעלער אין אונזערע טעג. בעל כרחינו זעען מיר וואס פארא סיטואציעס עס קומען ארויס בעת מיר שטעלן אונזערע מצבות אויף מקומות ווו נישט מיר זענען די בעלי הבתים. צו דארף מען נאך דערציילן וויפל פרעכטיקע בנינים, טעמפלען, וויסנשאפטס־זיילן מיר האבן אויפגעשטעלט אין אלערליי ערטער פון אייראפע און דערנאך זענען זיי געבליבן פוסט און פארלאזט, ווייל דער לעצטער ייד האט זיי פארלאזט? אלע מיליאנען וואס אונזערע היגע איניציאטארן וועלן זאמלען קענען נישט דערגרענצן דעם פארלוסט און נישט איבער־שטייגן די פראכט פון איין סינאגאגע אין ווירצבורג למשל... און אזעלכע דענקמעלער זענען געשטאנען ממש אין די הונדערטער אי־בער דער „פארברענטער ערד" פון יידישן פאלק אין גאנץ אייראפע. לערנט עס אונז גארנישט? מוזן מיר נישט טראכטן וועגן דעם אויב

אפילו דער דענקמאל דארף געשטעלט ווערן אין ליכטיקן, געליבטן פאריז?

ווער עס האט אין דעם אנדערע אינטערעסן, מעג זיך ווידער מאכן פארגעסן אין אלץ דווקא אוטער דער לאזונג פון „געדענקען" ... ווער עס האט אבער נאציאנאלע אחריות — מוז זיך אנטקעגנשטעלן דעם דאזיקן ווינט מיט דער גאנצער קאטעגארישקייט!

עיקר שכחתי: צום סאמע שלום מוז איך נאך ווידמען א פאר ווערטער צו א דערשיינונג וואס רופט ארויס שטוינען און נוצט ווי א גוט געווער פאר די פראיעקטירער פונם דענקמאל: די הסכמות פון גרויסע לייט! עס קען מיר ווער פרעגן אזא מין פשוטע שאלה: אויב דו ביסט גערעכט מיט דיינע אלע ארגומענטן — טא ווי אזוי האט יענער איינצעלער יחיד געקענט צונויפשטעלן אונטערשריפטן פון ווייצמאן און שפרינצאק, בן גוריון און שזר? ווי אזוי האבן זיי געקענט געבן אן הסכמה אויף אזא אומגערעכטער זאך? איך וואלט דא געקענט ענטפערן מיט א פראגע אויף א פראגע: און די נישט יידישע מיניסטארן, דיפלאמאטן און אנדערע פון דעם מין — צו וויסן זיי קלאר אויף וואס זיי האבן געגעבן זייערע אונטערשריפטן? צו וועט טאקע טשערטשיל, כ'וויל איצט נישט אריינגיין אין דער פראגע ווי אזוי מען האט גענומען אפעלירן צו יידן וועגן א בלוטיק־יידישן ענין דווקא מיט א גרויסער צאל נעמען פון נישט־יידן... און אויב זיי אלע האבן טאקע געדארפט זיין די איניציאטארן־פענער אדער ענלעכע צו אים צוליינן א פינגער צו דער גאנצער זאך? דער ענטפער איז דא א קלארער:

— קיין שום נישט־יידישע פערזענלעכקייט קען זיך אין פרינציפ נישט אפזאגן פון צו פיגורירן אויף אזא מין פראיעקט, אויב ער איז נישט קיין אויסגעשפראכענער אנטיסעמיט. ווען מען קומט מיט אזא פארשלאג צו פאראייביקן די יידישע אומגעקומענע פון היטלערס האנט — וועט יעדער ערלעכע פערזענלעכקייט פון די נישט־יידן תיכף אונטערשרייבן מיט ביידע הענט. דער ציל אליין איז אזוי גרויס און הייליק, אז דער בלויזער טאקט פארלאנגט ער זאל אונטערשרייבן אן דעם מינדעסטן ווארט און עס וואלט דערביי געווען העכסט אומ־טאקטיש פון אזעלכנס זייט צו פרעגן קשיות, בעת מען שטעלט אים

פארן פנים דעם זכר פון זעקס מיליאן אויסגעראָטענע... מען האָט דערביי געקענט געווינען די פרינציפיעלע הסכּמה פון אַלע ערלעבסטע נישט־יידן אין דער וועלט. פאַרוואָס נישט אויך פאַנדיט נערו? און פאַרוואָס ניט דער דערמאָרדעטער גאַנדי אָדער זיין לעבנגעבליבענער זון? און פאַרוואָס ניט דער פאַרוואָרפנסטער דענקער אויף אַן אינזל? אַלע וואָלטן געגעבן — און זיי וואָלטן פולשטענדיק גערעכט געווען. דאָס דיסקוטירן אויב די אָדער יענע פערזאָנען זענען פּאַסיק דערצו און אויב דאָס אָדער יענץ אָרט איז ווירקלעך דאָס אמתע — געהערט נישט צו זיי, נאָר צו יידן גופא... דאָס האָבן זיי זיכער פאַרשטאַנען, סיי ווען זיי האָבן יוצא געווען מיט אַ בריוו פון זייער סעקרעטאַר און סיי ווען זיי האָבן אַרויסגעוויזן מער לעבעדיקן אינטערעס. דער־פאַר קענען אונז ווייניק־וואָס איבעראַשן די פּאָר פראַנק וואָס דער טאַקטפולער קעניג פון דענעמאַרק למשל האָט געגעבן פאַרן פאַריזער „דענקמאָל”... עס איז ממש אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, אַז דער קעניג פון דענעמאַרק האָט נישט געדאַרפט פרעגן קיין שאלות, ווען מ”איז ביי אים געקומען בעטן אַ שפענדונג פאַר די אויסגעראָטענע יידן — און מיר דאַרפן עס יאָ מאַן... די לאָגיק דערפון קען יעדער פאַרשטיין, אַלס קליינער משל דערצו: בשעת דער לויה פון ענגלישן קעניג האָבן יידן געקענט שיקן אַ פאַרשטייער מיט אַ קראַנץ בלומען. קיין איין ייד וואָלט אָבער נישט איינגעפאַלן צו זאָגן דעות און צו פרעגן שאלות, פאַרוואָס מען מאַכט אַזאַ צערמאָניע און נישט קיין אַנדערע! פאַרוואָס ליגט מען אים דאָ און נישט דאָרט? פאַרוואָס האָט מען גענומען יענעם גלח פאַר צערעמאָניע־מייסטער און נישט קיין צווייטן?

דאָס זענען זאַכן, וואָס בלויז מיטגלידער פון דער פאַמיליע מעגן וועגן זיי רעדן און דער אויסנדיקער קען זיך בלויז באַטייליקן, מיטפילן און שווייגן...

אַנטקעגן וואָס איך זאָג עס: אַנטקעגן דעם וואָס די היגע איני־ציאַטאָרן פון דענקמאָל האָבן אונז כּסדר אָפּגעשראַקן מיט גרויסע נעמען פון דער אויסערלעכער וועלט... און דאָ קומען מיר ביז צום סאַמע הויכפּונקט: צו די פערזענלעכקייטן אין ישׂראל האָט מען זיך אָפּטמאָל באַנוצט מיט די נעמען פון נישט־יידישע פערזענלעכקייטן,

וועלכע א ישראל־דיפלאמאט קען אפטמאל צוליב טאקטישע טעמים — און פארשטענדלעכע — נישט אפזאגן. שטעלט אייך פאר אזא מין לאגע: ווי אזוי דער כנסת־פרעזידענט יוסף שפרינצאק ביי אזא פאל קען אפזאגן זיין אונטערשריפט זשיסטאן גאדאר? ווי אזוי באווייזן דעם נאבעלן קריסט אז כאטש ער איז פארן פאראייביקן דעם אנדענק פון די אומגעקומענע יידן — איז דער יידישער שטעלפארטרעטנדיקער פרעזידענט פון דער מדינה קעגן?

מלוכה־מענער פון ישראל האבן טאקע נישט מער פאר אנדערע ביי די פעלקער. עס איז דערפאר בלויז לאגיש אז בן גוריון למשל, קען נישט אפיציעל אפווארפן א גוט־יידישן פראיעקט (אין פרינציפ) און באווייזן, אז מאדאם רוזוועלט האט געטאן שלעכט מיטן אויס־דרוקן אירם אן הסכמה צו פאראייביקן יידן... דערויף איז ער מלוכה־פירער און נישט פריוואט־מאן ווי איך און איר, מיינע לייענער. דאס קענען נאר באקעמפן די נאענטע אבלים און יידן פון פאריז, וועלכע עס פארפליכטן נישט קיין דיפלאמאטיש־טאקטישע כללים. מיר זענען אויך זיכער אז דווקא אט די זעלבע פערזענלעכקייטן פון ישראל, וואס האבן געמוזט געבן זייער אונטערשריפט בעת זיי זענען געשטעלט געווארן אין אזא מין דעליקאטער לאגע (פאר די וואס האבן זיך אזוי ראפינירט באנוצט מיט אזעלכע אומשטענדן וואלט געלוינט צו געבן נאך א ווארט) — וועלן פולשטענדיק מסכים זיין צו אונזערע אויספירן וויבאלד עס וועט זיך האנדלען אינעם „פאראייביקן״ די דאזיקע אונטערנעמונג...

(„אונזער ווארט" דעם 25־טן, 27־טן יוני, 2־טן, 4־טן און 5־טן יולי 1952)

## הרב ד״ר שמעון פעדערבוש

# ווי צו פאראייניקן דעם אנדענק פון אונזערע קדושים

### א.

מיט עטלעכע חדשים צוריק, ווען איך בין געווען אין פאריז, האבן זיך אייניקע יידישע כלל־טוער מיט מיר באראטן, אויב זיי זאָלן זיך באַטייליקן אין אַ קאָמיטעט, וואָס איז געגרינדעט געווארן, כדי אויפצושטעלן אין פאריז א מאנומענט פאר די מיליאָ־נען קדושים פון איירָאָפּע. אויך אין ניו־יאָרק האָט זיך מיט אַ צייט צוריק געשאפן אן ענלעכער קאמיטעט, אויפצושטעלן אזא מאנומענט אין ריווערסייד־פארק. די עסקנים אין פאריז האבן בפירוש באטאנט, אז די איניציאַטיווע פון ניו־יאָרק האָט „אינספירירט״ דעם קאָמיטעט אין פאַריז. און באמת, פאַרוואָס ניו־יאָרק יאָ און פאַריז ניִשט? ס׳איז נישט שווער פארויסצוזען, אז אויך אין אנדערע לענדער וועלן זיך געפינען געזעלשאפטלעכע טוער, וואס וועלן זיך מתקנא זיין אין ניו־יארק און פאריז און וועלן שאפן קאמיטעטן און אנפאנגען קאמפיינס פאר דעם צוועק, און אין אלע גלות־לענדער וועלן אויפ־געשטעלט ווערן געדענקמעלער פאר דער נאצישער פארניכטונג פון אייראפעאישן יידנטום.

ס׳איז א גרויסער ספק, אויב די איבערצייגנדיקסטע ארגומענטן זענען בכח אפצושטעלן די שוין געגרינדעטע קאמיטעטן פון ניו־יארק און פאריז. די באוועגונג הויבט זיך אבער אן צו פארשפרייטן אויך אין אנדערע יידישע קיבוצים. ס׳איז דעריבער א חוב דעם ענין צו דיסקוטירן אין דער עפנטלעכקייט, כדי די יידישע קהלות אין די תפוצות הגולה זאלן זיך נאך אמאל פארטראכטן איידער זיי דערלויבן יחידים אויסצופירן אינם נאמען פון כלל ישראל א פלאן, וואס איז א צווייפלהאפטער כבוד פאר אונזערע קדושים.

## ב.

די עצם אידייע אויפצושטעלן א מאנומענט פאר קדושים איז א־נישט יידישע. מיר האבן קיינמאל נישט אויפגעשטעלט קיין שטיינערנע אדער מעטאלענע דענקמעלער נישט פאר אונזערע גדולים און נישט פאר אונזערע מארטירער, וואס זענען אומגעקומען אויף קידוש השם. מיר האבן זיי פאראייביקט אויף א יידישן אופן מיט דעם וואס מיר האבן זיי אויפגעשטעלט א גייסטיקן מאנומענט אין יידנטום. אונזערע גרויסע און פארהייליקטע לעבן און ווירקן נאך עד היום אין אונזער פאלק, ווייל מיר האבן זייער גדלות און קדושה פאראייביקט אין אונזער ליטעראטור און איבערגעגעבן צו אונזערע קינדער.

דער אנדענק פון משה רבנו און רבי משה בן מימון איז פאר אונז נישט קיין ענין פון א פארערונג ביי א מאנומענט אין א טאג פון א יארצייט. זיי ווירקן און שאפן אין יידנטום טאג־איין טאג־אויס, ווי זיי וואלטן געלעבט. זייערע מעשים, זייערע לערעס און אידעאלן ווערן טאג־טעגלעך געלערנט אין יידישע לערן הייזער. היינע, אין איינעם פון זיינע מאמענטן, ווען ער האט זיך פארבענקט צו יידיש־קייט, האט באמערקט, אז משה רבנו האט נישט קיין שטיינערנע אדער בראנזענע מצבה; ער האט זיך אבער אויפגעשטעלט אן אומ־צושטערבארן מאנומענט, מיט דעם וואס ער האט געשאפן דעם אייביקן ישראל.

אט די אויפפאסונג איז א גאר אלטע אין יידנטום און איז אפגעהיטן געווארן אין אלע תקופות פון אונזער לאנגער געשיכטע.

די חכמי התלמוד האבן שוין געלערנט, אז „אין עושים נפשות לצדיקים, מעשיהם הם זכרונם”, מען מאכט נישט קיין דענקמעלער פאר צדיקים, זייערע מעשים זענען זייער אנדענק.

ס׳איז צו שטוינען, ווי אזוי מיר דערלויבן זיך היינט עובר צו זיין אויף אזא אלטער נאבעלער טראדיציע, וואס איז א פועל־יוצא פון גאנצן באנעם פון יהדות וועגן נישטיקן השארת־הנפש.

און אפשר איז דאס געשען, ווייל די שאפער פון די מאנומענטן, וואס האבן זיכער געהאט א גוטע כוונה, האבן פארזען, אז דאס איז

א יידיש פּראָבלעם, וועגן וועלכן אויטאָריטעטן דאַרפֿן זיך אַרויס־זאָגן. דוכט זיך, אַז די קאָמיטעטן זענען נישט צוזאַמענגעשטעלט פֿון די רעפּרעזענטאַנטן פֿון יידישן פֿאָלק. נישט די רבנישע קערפּערשאַפֿטן, נישט באַקאַנטע קולטור־אינסטיטוציעס פֿון **מדינת ישראל און** פֿון חוץ לארץ, נישט די גרויסע יידישע און ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך געשטעלט בראָש פֿון די קאָמיטעטן. איז דאָס א יושר, אַז א גרופּע יחידים, אַפֿילו פֿון די חשובסטע, זאָלן אויף אונדז אַרויפֿוואַרפֿן א נישט־יידישע פֿאָרם פֿון פֿאַראייביקן דעם גרעסטן יידישן חורבן, וואָס איז די טראַגעדיע פֿון גאַנצן פֿאָלק? איז דען דאָס נישט אַן אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער און רעליגיעזער יידישער ענין, וואָס דאַרף באַשלאָסן ווערן דורך אָנערקענטע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע אינסטאַנצן?

## ג.

דער געדאַנק פֿון א חורבן־מאָנומענט איז אָפּגעפֿרעגט נישט נאָר פֿון ריין־יידישן שטאַנד־פּונקט. אַפֿילו אין דער נישט־יידישער וועלט שטעלט א פֿאָלק נישט אויף דענקמעלער פֿאַר זייערע טראַגישע געשעענישן. דורך מאָנומענטן ווילן פֿעלקער מאַניפֿעסטירן פֿאַר דער אייגענער יוגנט און פֿאַר פֿרעמדע זייער היסטאָרישע גלאָריע, זייערע נאַציאָנאַלע נצחונות קעגן שונאים און זייערע גרויסע גייסטער, וואָס האָבן באַרימט געמאַכט זייער קולטור. איר וועט אָבער נישט געפֿינען ביי קיין שום אומה ולשון א מאָנומענט אויף די גאַסן פֿון די גרויסע שטעט פֿאַר א נאַציאָנאַלער מפּלה. דער צער און טרויער איבער א נאַציאָנאַלן אומגליק ווערט פֿון א קולטור־פֿאָלק אויסגעדריקט אין שטילן, אין דער בחינה פֿון „במסתרים תבכה נפשי", דורך זכרונות פֿון עבר און מחשבות וועגן עתיד, וואָס זענען מעורר צו חשבון הנפש פֿון יחיד און פֿון פֿאָלק, דורך מעשים פֿון צדקה.

אַמאָל האָט מען עס ביי אונדז גוט פֿאַרשטאַנען. היינט פֿאַרשטייט מען נישט אַזאַ פּשוטע זאַך, אַז מאָנומענטן פֿאַר חורבן אייראָפּע אין די גרויסע שטעט פֿון גלות־לענדער קענען פּסיכאָלאָגיש ווערן א סכנה פֿאַר דער זיכערקייט פֿון די יידישע קיבוצים. מיר זענען אי־בע־אַל א מינדערהייט אַרומגערינגלט פֿון אַנטי־סעמיטישע שטרע־

מונגען און ראסן־פאראורטיילן. איז דאס אין אונזער אינטערעס אויפצושטעלן מאנומענטן, וואס דערמאנען פאר דער אומפריינט־לעכער סביבה, אז ס׳איז מעגלעך אומצוברענגען זעקס מיליאן יידן אן א שטראף? וועט אזא דענקמאל נישט ארויסרופן א געפיל פון מאראלישער בארעכטיקונג פאר אלערליי רדיפות אויף יידן ביי יעדן שונא ישראל? איז דאס ווירדיק און קלוג פון אונז צו פאראייביקן בראש כל חוצות דעם פאקט, אז יידיש לעבן אין גלות איז הפקר?

נישט דעם וואונדערלעכן זיג פון א הייפל יידישע גבורים אין ארץ ישראל קעגן זיבן אראבישע מלוכות ווילן די קאמיטעטן פאראייביקן, נאר גראד די שרעקלעכסטע תקופה פון אונזער הילפלאזיקייט, ווען נאציישע אפטיילונגען האבן מיליאנען יידן געפירט כצאן לטבח. גראד דאס ווילן מיר דערמאנען דער וועלט. ווייל וואס דער קינסט־לערישער מאטיוו און די אויספירונג פון אזא מאנומענט זאל נישט זיין, ער וועט דאך ראשית כל דערמאנען די אוממענטשלעכע דער־נידערונג און אויסמארדונג פון מיליאנען פארפייניקטע יידן.

קען נישט אמאל פארקומען, אז גראד פאר אזא מאנומענט אין איינעם פון די גלות־לענדער זאלן זיך פארזאמלען אנטיסעמיטישע הפקר־יונגען, כדי פון דארט צו פארשפרייטן גיפט, פארופנדיק זיך אויף אט דעם מאנומענט, וואס ווייזט א וועג צו א „ראדיקאלער לייזונג פון דער יידישער פראגע?

ד.

צום שבח פון ארץ־ישראל מוז באטאנט ווערן, אז דארט איז קיינעם נישט איינגעפאלן אויפצושטעלן א דענקמאל פארן חורבן אייראפע, הגם דארט איז נישט פארהאן די געפאר פון אויפוועקן אנטיסעמיטישע אינסטינקטן אין דער נישט יידישער סביבה. אין ישראל ווערט געשטאלט א ווירדיקער און לעבעדיקער דענקמאל פארן חורבן דורכן בוי פון דער יידישע מלוכה. דארט ווערן אויך אונזערע גלאררייכע צעשטערטע קהלות און אונזערע אומגעקומענע גדולים פאראייביקט אויף א יידישן אופן. דאס נאבעלע און דערהויבענע פון אייראפעאישן יידנטום ווערט ליטעראריש צונויפגעזאמלט און אפגע־

היטן פאַר די שפּעטערדיקע דורות. דער פאַרדינסטפולער מוסד הרב קוק האָט אונטער דער אויסגעפּרוּווטער רעדאַקציע פון הרב מימון אַרויסגעגעבן שוין פינף בענדער פון אַ מאָנומענטאַל ווערק „עירים ואמהות בישראל", וואָס שילדערן די באַרימטע אייראָפּעאישע קהלות, וואָס זענען חרוב געוואָרן. דאָרט דערמאָנט מען אונז אין דעם אומדערזעצלעכן פאַרלוסט פון קדושה און תורה, פון גייסטיקן שאַפן און געלויטערטן לעבן, וואָס זענען פאַרלוירן געגאַנגען מיט דעם אומקום פון דער יידישער אייראָפּע. דער פינפטער באַנד, וואָס איז דערשינען איבער דער קהלה סטאַניסלאַוואָוו אין גאַליציע איז אַן אויסגעצייכנטע אַרבעט. זי וויקלט פונאַנדער אַ הערלעכע גאַלעריע פון לומדים, סופרים און עסקנים, און בפרט די מנהיגים רוחניים פון דער באַרימטער פאַמיליע האַראָוויץ, וואָס האָבן זייט דורות אַרויפגעלייגט דעם חותם פון גייסטיקן יחוס אויפן כסא הרבנות פון סטאַניסלאַוואָוו און עס באַקומט זיך אַ בולט בילד פון דעם רעליגיעזן, קולטורעלן און פּאָליטישן לעבן פון דער חשובער קהלה.

לעצטנס ווערט אין ארץ ישראל געפּלאַנט אַרויסצוגעבן אַ גרויסע גלות־ענציקלאָפּעדיע, וואָס זאָל אַרומנעמען די געשיכטע און שאַפונגען פון די צעשטערטע גלותן, אונטער דער רעדאַקציע פון יצחק גרינבוים וועט וואַרשיינלעך מער באַטאָנען דעם סעקולאַרן און פּאָליטישן לעבן פון די קהלות און וועט פאַרנאַכלעסיקן דעם עיקר פון תורה און אמונה, וואָס איז געווען דער וועזנטלעכסטער יסוד פון אַט דעם געדאַנק אַרויסצוגעבן אַן אייגענער גלות־ענציקלאָפּעדיע, וואָס זאָל אָפּשפּיגלען די גייסטיקע ווערטן פון דער גרויסער טראַדיציע פון די תפוצות ישראל.

אויך אין אַמעריקע זענען אין די לעצטע יאָרן דערשינען אַ ריי באַדייטנדע ביכער וועגן היסטאָריש־וויכטיקע געמיינדעס און קיבוצים וואָס זענען חרוב געוואָרן. פון זיי איז באַזונדערס כדאי צו דערמאָנען דעם וויכטיקן ספר „לובלין" פון נ. שמן. ער שטעלט זיך מיט רעכט ווייניקער אָפּ אויף די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע געשיכטע פון יידישן לובלין, ווייל ווי וויכטיק זיי זאָלן נישט זיין פאַר זיך, זענען זיי דאָך נישט כאַראַקטעריסטיש פאַר דער ראָל וואָס לובלין האָט געשפּילט אין יידישן לעבן. שמן גיט אָבער אַ פאַרכאַפּנדיקע

שילדערונג פון דעם גייסטיקן לעבן פון לובלינער יידנטום און דעם באזונדערן ביישטייער, וואס די לובלינער קהלה האט געגעבן צום יהדות פון די לעצטע דורות. לובלין האט זיך זיין בכבודיקן פלאץ אין דער יידישער היסטאריע דערווארבן, הויפטזעכלעך א דאנק זיינע גדולי התורה, וואס האבן אויסגעאיבט א גרויסן איינפלוס ווייט איבער די גרענעצן פון דער קהלה. דארט האבן געלערנט און געלעבט די זיילן פון לומדישן יידנטום ווי ר' שלום שכנא, דער רמ"א, מהרש"ל, מהר"ם און אנדערע. פון דארט האט אויך אויסגעשטראלט די חסידות פון „חוזה" און זיינע תלמידים, וואס האט פארטיפט און באריייכערט דעם שווערן גלות־לעבן.

שמן, אליין א לובלינער, האט מיט גרויס ליבשאפט, מיט טא־לאנט און פיל קענטעניש געגעבן אונז א פיינעם און ביז גאר אינטערעסאנטן ספר, און האט דערמיט געשאפן א בלייבנדיקן דענק־מאל פאר דער לובלינער עיר ואם בישראל.

די אלע ליטעראַרישע ארבעטן וועגן די צעשטערטע קהילות, זענען די נויטיקע ציגל צו דעם גרויסן בנין פון דער גלות־ענציקלאַ־פעדיע. דאָס וועט זיין דער אמתער יידישער מאָנומענט צו פאראיי־ביקן דאס מענטשלעך אזוי גרויסע און יידיש אזוי נאבעלע, וואס איז אזוי אומרחמנותדיק פארלענדט געווארן אין חורבן אייראפע.

(„אונזער וועג" פון פרייטיק דעם 22־טן אויגוסט 1952)

## י. ליליענשטיין

# ארום דעם דענקמאל פארן „אומבאקאנטן יידישן מארטירער"

איך בין צו דער צערעמאָניע פון אָפדעקן א דענקמאָל פאַרן אומבאַקאַנטן יידישן מאַרטירער נישט געגאנגען דערפאַר, ווייל איך האב פיינט פאראדן בכלל און פאראדן פאר די אומגעקומענע אוודאי און אוודאי.

אין דער לעצטער מלחמה, וואס היטלער האט אנגעצונדן, האב איך פון מיינע גאַר נאָנטסטע פאַרלוירן אין די גאַז־אויוונס, אין קרעמאטאריעם מיין טייערע, הארציקע אלטע מאמע, מיין פרוי, צוויי ברידער און 4 שוועסטער. חוץ זיי נאך אנדערע נאענטע און ווייטע משפחה־מיטגלידער, צוזאמען ביי א 50 מענטשן.

טאָ ווי קען מען אין אָנבליק פון גרענעצלאָזן צער זיך צוקוקן צו א פון פארוים גוט ארגאניזירטע און גוט דיריגירטע יום־טובדיקע צערעמאניע, מיט רעדעס און מוזיק? וואס טויג און וואס נוצט דאס באוויינען און באקרעכצן אונז פון מענטשן, פארטרעטערס פון רעגי־רונגען, וואס האבן געקענט כאטש עפעס טאן, אז אונזער אומגליק זאל נישט זיין אזוי גרויס און אזוי גרויזאם און זיי האבן פונדעסט־וועגן גארנישט צו דעם געטאן.

די וועלט האט די נאצישע פארברעכנס אזוי שנעל פארגעסן, מען איז די מערדערס מוחל זייערע פארברעכנס, ווייל מען דארף זיי אפשר האבן צו א צווייטער מלחמה און דערפאר באהאנדלט מען זיי, די אלע באנדיטן פון יידישע אומשולדיקע מענער, פרויען און קינדער, שיעור נישט ווי פריווילעגירטע.

נאך דער באפרייאונג, ווען ס'איז נאר לעבן געבליבן א קליינער טייל פון אונזער פאלק, האט זיך ענגלאנד, צום ביישפיל, באצויגן צו אונז אויף א בעסטיאלישן אופן און אן אביסעלע רחמנות. כדאי

זיך צו דערמאנען בלויז דעם קאפיטל „עקזאדוס", דאס באשיסן די שארית הפליטה און דאס נישט אריינלאזן זיי אין דעמאלטיקן פא־לעסטינע, כדאי צו וויסן, אז צו די דאזיקע מלוכות קען מען קיין צוטרו נישט האבן, אז זייערע טרערן אויפן אש פון די אומגעקומענע זענען פאלשע טרערן.

מיר פארגעסן אויך נישט די האנדלונג פון די ענגלאנדס, אמע־ריקעס און אנדערע קאפיטאליסטישע מלוכות אינעם פעריאד פון דער אנטשטייאונג פון מדינת ישראל. זיי האבן נישט דערלאזט צו יידישער זעלבסטשטענדיקייט, זיי האבן געהאמעוועט אונז אונזער קאמף קעגן די אראבער בשעת דער מלחמה מיט זיי און דערפאר זאלן זיי אונז איצט נישט אויסדריקן קיין רחמנות. מיר פארלאנגען דאס נישט פון זיי.

כדי אזעלכע טראגעדיעס זאלן מער נישט פארקומען, כדי מען זאל נישט דארפן אויפשטעלן קיין דענקמעלער לזכרון אומשולדיק אומגעבראכטע יידן, איז נויטיק צו דערציען אונזערע קינדער און יוגנט אין גייסט פון נאציאנאלער זעלבסט־פארטיידיקונג, אין גייסט פון די געטא־קעמפער און הגנה־סאלדאטן.

פון חינוך, וואס וועט געגעבן ווערן אונזערע קינדער און אייניק־לעך הענגט אפ דער ווייטערדיקער גורל פון יידישן פאלק.

90 פראצענט יידן, וואס היטלערס באנדיטן האבן אומגעבראכט, האבן גערעדט יידיש. אויף דער דאזיקער שפראך האבן זיי אויסגע־קרעכצט זייערע לעצטע קרעכצן, איידער מ'האט זיי אריינגעשטופט אין די גאז־קאמערן. מיט יידיש־לשון זענען זיי אומגעקומען.

ביי דער צערעמאניע איז קיין איין יידישע רעדע נישט געהאלטן געווארן, קיין איין יידיש ווארט איז נישט ארויס גערעד געווארן לזכרון די מיליאנען, אין וועמענס נאמען די מאניפעסטאציע איז פארגעקומען. מען האט זיך פשוט געשעמט מיט יידיש. שוין ביים לייגן דעם גרונדשטיין איז דער אנדענק פון די קדושים פארשוועכט געווארן.

ענדלעך האט מען זיך אין ישראל ארומגעזען, אז דארט איז דאס לאנד און דאס ארט, וווּ אזא מצבה דארף אויפגעשטעלט ווערן און אין דעם זין האט טאקע די כנסת אפגעשטימט א געזעץ,

דאס הייסט, אז ישראל גרייט צו א פּלאַן ווי אזוי אויף א ווירדיקן אופן צו פאַראייביקן דעם אנדענק פון די אומגעקומענע יידן אונטער היטלערס הערשאַפט און מיר, פון „ארבעטער־וואָרט", זענען צו־פרידן מיטן דאָזיקן פּלאַן פון דער ישראל־רעגירונג.

אונזערע אויגן זענען אבער געווענדעט קיין ישראל, ווייל נאר אויף דער דארטיקער ערד דאַרף זיך געפינען דער סימבאלישער מאסן־קבר פון די זעקס מיליאָן קדושים. דארט וועט דער מאנומענט שטיין אייביק, קיין שום פּאָליטישע וועטער־ענדערונג וועט אים נישט קענען אומוואַרפן.

דארט אהין וועלן יידן פון דער גאנצער וועלט עולה רגל זיין, כדי צו באוויינען די קרבנות פון דעם חיהשן, מערדערישן היטלעריזם, וואס האט געבושעוועט אין אייראָפּע אין די יארן צווישן 1939 און 1945.

פון דארט אויס, פון דעם ארט, וו ס'וועט זיך געפונען די מיליאָנען־מצבה, וועלן די יידן שיקן זייער קללה דעם פאלק, וואס האט באוויזן צו באגיין אזעלכע אכזריות איבער אומשולדיקע מענטשן.

(„ארבעטער ווארט" פון דעם 29־טן מאי 1953)

אברהם רודי

# א גרויסע עוולה!

**א**ין דער יידישער פרעסע איז געווען לעצטנס א קליינע מודעה, אז דער קאמיטעט פאר אויפשטעלן אין פאריז א מאנומענט פארן אומבעקאנטן יידישן מארטירער, האט צו דעם צוועק באקומען 300,000 דאלאר, אויסגעצאלט דורך דער קליימס־קאנפערענץ.

נישט קוקנדיק דערויף, וואס די נאטיץ איז געווען גאר א קליינע, איז זי אבער פון אזא גרויסע וויכטיקייט, אז זי דארף זיכער אויפברויזן יעדן יידן.

וועגן דער נויטווענדיקייט פון אזא מאנומענט אין פאריז, האט דער שרייבער פון די שורות נישט בדעה צו דיסקוטירן, צוליב פאלגענדע סיבות:

אין דער פראפאגאנדע, וואס איז געמאכט געווארן פאר דעם דאזיקן פראיעקט, איז געפויקט געווארן אויף אלע פויקן, אז דאס פראנצויזישע יידנטום בכלל און דאס פאריזער יידנטום בפרט, וויל אומבאדינגט האבן אזא מאנומענט. נאכמער: אז דאס פראנצויזישע יידנטום האלט עס פאר זיין הייליקן חוב לגבי די קדושים, אז אזא מאנומענט זאל אויפגעשטעלט ווערן — און דווקא אין פאריז. די מענטשן, וואס האבן געהאט ספקות אין דער נויטווענדיקייט פון אזא מאנומענט, און וואס האבן געצווייפלט צי ס'איז נויטיק אויס־צוהאלטן, אז ס'זענען פאראן א סך צענדליקער וויכטיקערע אויפ־גאבן ווי די, האבן זיך פונדעסטוועגן געזאגט: סוף כל סוף, האט מען נישט קיין רעכט קיינעם צו שטערן צו פאראייביקן דורך זיינע אייגענע מיטלען, אן איינפאל וואס ער שטרעבט צו פאראייביקן.

הגם מיר האבן תמיד געהאט א ספק בנוגע דער נויטווענדיקייט פון דעם אויבנדערמאנטן דענקמאל, ווי אויך בנוגע דער גרויסקייט פון די יידן אין פראנקרייך צו פינאנסירן אזא פראיעקט; האבן מיר פונדעסטוועגן אפגעווארט די וויטערדיקע רעזולטאטן.

אַט האָבן מיר זיך דערוואָרט: ס׳ווייזט זיך אַרויס, אַז נישט די פּאַריזער און נישט די פּראָווינציאַלישע יידן, האָבן געזאַמלט וועלכע נישט איז סומע פאַר דעם צוועק, נאָר די „קליימס־קאָנפערענץ" דעקט עס — דווקא מיט יענע געלטער, וואָס זענען באַשטימט פאַר קולטור־רעהאַביליטאַציע, דאָס הייסט, פאַר אויפבויען און העלפן אויפבויען דאָס יידישע קולטורעלע לעבן אין די לענדער, וואָס זענען באַזעצט געווען דורך די נאַציס — אַט דאָס געלט האַלט ביי ווערן פאַרשווענ־דעט (דער אויסדרוק אין דעם פאַל איז נישט קיין איבערגעטריבענער) אויף בויען מאָנומענטן. דאָ האַנדלט זיך נישט אין קיין גאַנץ אומ־באַדייטנדיקע סומע, נאָר גרויסע סומעס. נישט ווייניקער פון 300 טויזנט דאָלאַר.

זאָלן אַלע געזעלשאַפטלעכע און קולטור — טוער אין פראַנקרייך וואָס ראַנגלען זיך טאָג־איין טאָג־אויס פאַר קענען צונויפברענגען כאָטש אַ מאָגערן בודזשעט פאַר דעקן די סאַמע נויטווענדיקסטע באַדערפענישן, זיך פאָרטראַכטן וואָס אַזאַ סומע ווי 300,000 דאָלאַר קאָן באַדייטן פאַר דעקן די ברענענדיקסטע קולטור־נויטן.

מיר האָבן אין פראַנקרייך יידישע שרייבער, יידישע אַקטיאָרן, מאָלער און סקולפּטאָרן, ווי אויך אַסך יידישע סטודענטן, וואָס געפינען זיך אין אַ שווערע עקאָנאָמישע לאַגע און קענען נישט פאָרזעצן זייער טעטיקייט אויס מאַנגל אין מיטלען. עס איז באַזונדערס וויכטיק צו שאַפן פאַר זיי אַ מעגלעכקייט פאַר קאָנסטרוקטיווער אַרבעט, וואָס וואָלט זיי גלייכצייטיק דערמעגלעכט אויסצופירן זייער קולטור־שליחות. סיי זיי, סיי די יידישע געזעלשאַפט וואָלט געקענט פּראָפּיטירן פון די קינסטלערישע שאַפונגען — ווען מען וואָלט די קליימס־געלטער נישט פאַרווענדט אויף אַנדערע צוועקן, וואָס קענען העכסטנס האָבן בלויז אַ פּרעסטיזש באַדייטונג.

דאָס יידישע שול־וועזן אין פראַנקרייך גייט אונטער. אפילו די שוין עקזיסטירנדיקע שול־אַנשטאַלטן, ראַנגלען זיך מיט די גרעסטע שוועריקייטן, זייערע מאַטעריעלע נויטן זענען אַ שטערונג פאַר פאַר־בעסערן די מעכנישע באַדינגונגען. עס זענען פאַרהאַן אין פּאַריז אַ געוויסע צאָל יידישע ביבליאָטעקן, צווישן זיי — רייכע און ווערט־פולע, קאָנען זיי אָבער נישט אַנטוויקלען זייער טעטיקייט צוליב מאַנגל

אין א געהעריקן בודזשעט. מען קאן נישט איינאָרדנען קיין עפנטלעכן לייען־זאַל, קיין ביבליאָטעק פאַר פאָרש־צוועקן, וואָס איז אַזוי נויטיק, ווייל די געלטער, וואָס וואָלטן געדאַרפט דינען פאַר אַזאַ צוועק, ווערן פאַרווענדט פאַר נישט פּראָדוקטיווע צוועקן. מיר וואָלטן געקענט ברענגען נאָך א סך אַנדערע ביישפּילן צו אילוסטרירן די גרויסע אומיושרדיקייט, אָבער לאָמיר דערמאָנען אַן ענין, וואָס ער אַליין סימבאָליזירט שוין, אין א געוויסן זין די פּאַראַדאָקסאַלע לאַגע פון אונזער ישוב: דאָס איז די קהלה.

עס איז א פאַקט, אַז די לעצטע עקזיסטירט, אַז זי רעפּרעזענטירט ברייטע שיכטן פון דער איינגעוואַנדערטער ייד. באַפעלקערונג אין פאַריז. די פירער פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע האָבן אויסגעאַרבעט א ברייטן און גוט דורכגעטראַכטן אַרבעטס־פּלאַן. ליידער איז דאָס אַלץ געבליבן שטיין אויף א טויטן פּונקט. יידן פרעגן זיך — ווער מיט אַנגעוויייטיקטקייט און ווער מיט שאַדנפרייד : „וואָס האָט די קהלה אויפגעטון"? אַזעלכע אַנטוישונגען זענען נישט בלויז א געפאַר פאַר דעם פּרעסטיזש פון דער קהלה, נאָר א סכנה וואָס קאָן אַנטמוטיקן יעדע ווייטערדיקע איניציאַטיוו. עס איז פאַר קיינעם קיין סוד נישט, אַז מיר האָבן דאָ צו טון מיט א פאַרבשופטן ראָד, היות אויף רעאַליזירן דעם מינדסטן פּראָגראַם זענען נויטיק געוויסע פאָנדן און די דאָזיקע פאָנדן וועט מען פון דער היגער באַפעלקערונג נישט באַקומען אַזוי לאַנג ווי מען וועט נישט באַווייזן מיט מעשים אַז מען פירט אויס א ריי אַנגעצייכנטע פּלענער. עס דראָט דעריבער די געפאַר, אַז צוליבן מאַנגל אין אַן אַנהויב־בודזשעט, וועט מען פּאַראַליזירן נישט בלויז די נויטיקסטע אַקטיוויטעט פון איצטיקן מאָמענט, נאָר אויך די פון להבא. אין דער זעלבער צייט גיט מען אויס מיט א ברייטער האַנט די קליימס־געלטער, מערערע הונדערטער טויזנטער דאָלאַרן אויף א זאַך, וואָס האָט צו טון מיטן טויט און נישט מיטן לעבן.

די קהלה מיט אירע פּרנסים איז א פאַרשטייערשאַפט, וואָס איז אויסגעוויילט געוואָרן אויפן יסוד פון דעמאָקראַטישע וואַלן. זי האָט דאָס רעכט און די פליכט צו זאָגן איר וואָרט וועגן דעם אויבנדערמאָנטן סקאַנדאַל. עס איז איר פליכט צו פּראָטעסטירן ווי אַמשאַרפ־

סטן קענן אויסגעבן אזעלכע גיגאַנטישע סומעס פאַר צוועקן וואס האָבן גאָרנישט צו טאָן מיט די רעאַלע באַדערפעניש[ן] און נויטן פאַר דעם ווייטערדיקן קיום פון יידישן ישוב אין פראַנקרייך.

לאָמיר אָננעמען, אַז עס איז יאָ געוואונטשן אויפצושטעלן אַזאַ מאָנומענט אין פּאַריז — און טאַקע אין דער גאַנצער גרויס, ווי זיין איניציאַטאָר וויל אים זען, טאָרן מיר נישט פאַרגעסן, אַז אַ מאָנומענט איז אַן אפּפּערוויליקייט מצד די לעבנגעבליבענע, צום אָנדענק פון די אומגעקומענע. און צו אַזאַ צוועק דאַרף מען אַליין שאַפן די נויטיקע פאָנדן אָבער נישט „אַדמיניסטרירן", באַלעבאַטעווען מיט גרייט באַקומענע געלטער, וואָס זענען באַשטימט פאַר אַנדערע צוועקן. דאָס הייסט לחלוטין נישט באַערן די קדושים, נאָר להיפוך, אויסנוצן זייער הייליקן אָנדענק פאַר אויפשטעלן אַ מאָנומענט קעגן וועלכן ס'איז די מערהייט יידן אין פראַנקרייך.

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז מיט אונזער שווייגן, האָבן מיר נישט ווילנדיק צוגעהאָלפן צו אַן עוולה. דער, וואָס שווייגט, זאָגט די וועלט אַ ווערטל, דער איז מסכים. שווייגנדיקע, זענען מיר געוואָרן שטילע שותפים צו דעם אומרעכט.

מיר טאָרן נישט לענגער שווייגן. מיר מוזן זיך צוהערן צו דער שטים פון אונזערע רבנים, וואָס ווייסן יאָ וואָס פאַר אַ מאָנומענט מיר האָבן געשטעלט די עשרה הרוגי מלכות. ווו איז די ציוניסטישע פעדעראַציע און די פעדעראַציע פון יידישע געזעלשאַפטן, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געגעבן זייער הסכמה. זיי מוזן דאָס מאָל מאַכן אַ סוף צו דעם שפּיל פון שווייגן — און צוזאַמען מיט אונזערע שרייבער, מאָלער, אַרטיסטן און דעם גאַנצן ישוב לאָמיר זיך אַנשליסן אינם פּראָטעסט־בריוו פון ראָטשילדן און פאָדערן, אַז די דריי הונדערט טויזנט דאָלאַר זאָלן אויסגעגעבן ווערן נאָר אויף איין צוועק — פאַר דערציִונג און קולטור, פאַרפעסטיקן די יסודות פון אונזער קיום. עס איז אַ גרויסע עוולה און זי קאָן און מוז פאַרריכט ווערן.

(„אונזער וואָרט" פון 18־טן אָקטאָבער 1954)

א. רוס

# נישט חילול השם נאר קידוש השם

צווישן די פראנצויזישע יידן, איינגעזעסענע און איינגעוואנדערטע הערשט א גרויסע אומצופרידנקייט פון דעם באשלוס פון דעם קליימס-קאמיטעט צו אסיגנירן 300 טויזנט דאלאר פאר אויפשטעלן אין פאריז א דענקמאל לכבוד דעם אומבעקאנטן יידישן מארטירער. די דאזיקע אומצופרידנקייט האט לעצטנס אנגענומען א מער ארגאניזירטע פארם און פארשידענע ארגאניזאציעס (פועלי ציון התאחדות, די קהילה־פארוואלטונג, דער בריוו פון גי דע ראטשילד, פרעזידענט פון דער קאנסיסטאריע א. אנד.) האבן אומצווייטיק אויסגעדריקט זייער קעגנערשאפט קעגן אט דעם באשלוס. אויך אין דער פרעסע („אונזער ווארט", „עווידאנס") האבן זיך באוויזן ארטיקלען וועלכע זאגן זיך ארויס אין דעם זין.

קיינער קאן נישט אפנעמען דאס רעכט ביי די דאזיקע ארג. צו רעאגירן אויף א געזעלשאפטלעכן ענין אזוי ווי זיי פארשטייען דאס און קיינער וועט נישט געפינען אין די פארעפנטלעכטע ארטיקלען אפילו א שמץ פון בייזוויליקייט, פון צולהכעים און אוודאי נישט פון גרינגשעצונג. שוין אפגערעדט פון חילול השם פון אנדענק פון דעם אומבעקאנטן יידישן מארטירער. סוף כל סוף איז דער „אומבעקאנטער קרבן עולה אין כמעט יעדער יידישער משפחה און קיינער, בוכשטעבלעך, קיינער, האט נישט קיין מאנאפאל אויף זיין אנדענק און כבוד.

ח' י. פינק איז אליין מודה, „אז דער דאקומענטאציע־צענטער (לייען: דענקמאל — א. ר.) האט פון דעם פראנצויזישן יידנטום קיין אונטערשטיצונג נישט באקומען און האט ביי אים ארויסגערופן ווייניק התלהבות". די פראטעסט־באוועגונג איז דעריבער, נישט אויסגעבראכן „פלוצעם". דער קאמף קעגן אויפשטעלן א דענקמאל אין פאריז פירט זיך פון דעם טאג אן אין וועלכן דער פלאן איז עפנטלעך באקאנט געווארן. די טעמים פון די קעגנער זענען געווען

פארשידן. איינע האבן געהאלטן אז אויב אויפשטעלן א דענקמאל, דארף דאס געמאכט ווערן אין ירושלים, אין מדינת ישראל, וועלכע איז די אייציקע פארגיטיקונג (אויב עס איז בכלל דא א פארגיטיקונג) פאר דעם אומקום פון די 6 מיליאן יידן, און די איינציקע האפנונג, אז מער וועט זיך אזא גרויל נישט איבערחזרן. אנדערע ווידער האבן בכלל נעגירט דעם געדאנק פון א דענקמאל און געהאלטן אז יעדער גראשן דארף פארוועדנט ווערן אויף קאנסטרוקטיווע ווערק סיי אין ישראל און הן אין גלות, א דאנק וועלכע ס'וועט געזיכערט ווערן די פארפעסטיקונג פון מדינת ישראל און דער המשך פון יידישן קיום אין די גלות־לענדער. ווייל וואס פאר א טעם און ווערט וועט האבן א דענקמאל אין פאריז (און זאל ער זיין ווי טייער און דערהויבן) ווען אין נאך א דור־צוויי, וועלן שוין אפשר בכלל נישט זיין קיין יידן אין פראנקרייך, אויב מען זאל נישט מאכן קאלאסאלע אָנשטרענגונגען אויפן געביט פון יידישער דערציונג און קולטור? און ווען דער דענקמאל וועט שטיין פאריתומט און פאראיינזאמט, פארגעסן און באשטיינערט פונקט למשל ווי ער שטייט אין ווארשע? וועט אזא מאנומענט באערן דעם אנדענק פון דעם יידישן מארטירער? דווקא ווען אזא דענקמאל האבן געטראכט די אומגעקומענע? ווו איז דער חילול השם?

וויסנדיק אז דאס איז די מיינונג פון דעם רוב מנין ורוב בנין פון דעם פראנצויזישן יידנטום האָבן פונדעסטוועגן די דענקמאָל־אנהענגער נישט מותר געווען אויף זייער ווילן און געשאפן א קאָמיטעט און געזאמלט אונטערשריפטן פון גרויסע יידישע און נישט־יידישע פערזענלעכקייטן און אַלץ געטון, כדי אדורכצופירן זייער פלאַן.

איין זאך איז אבער געווען קלאר: אויב דער דענקמאל וועט אויפגעשטעלט ווערן וועלן די געלטער פאר אים געזאמלט ווערן צווישן יידן אין פראנקרייך און אין דער וועלט און אויך צווישן גויים אין פראנקרייך און אין דער וועלט.

אין דער ריכטונג האט מאקע ה' שניאורסאן געמאכט זיינע אנשטרענגונגען אבער אן דערפאלג. סיי די יידן אין פראנקרייך און סיי אין אמעריקע האבן געענטפערט לא מיט אן אלף. אונטער־

שריפטן — מילא, אבער געלט פאר א דענקמאל אין פאריז דאס נישט, דערצו איז נישט געווען קיין הארץ, קיין התלהבות און א חוץ די דענער האט אויך די גויאישע וועלט געענטפערט מיט א ניין;

דאן איז ה׳ שניאורסאן אוועק קיין ישראל כדי צו פארהאנדלען מיט דעם קאמיטעט פון יד ושם. מיר ווייסן, אז אין די געשפרעכן מיט ה׳ שניאורסאן זענען אלע אן אויסנאם מיטגלידער מיט דעם בילדונגס-מיניסטער בן־ציון דינור בראש ארויסגעטרעטן קעגן דער אסיגנירונג פון וועלכן נישט איז סכום פאר א דענקמאל אין פאריז. נאר ה׳ שניאורסאן האט געסטראשעט מיט א קאמפראמיטאציע ביי די חסידי אומות העולם רחמנא לצלן און יד ושם האט זיך געלאזט באאיינפלוסן און עס איז געשלאסן געווארן דער הסכם צווישן יד ושם און דעם דאקומענטאציע־צענטער אין פאריז וועגן א ריי ארבעטן ווי אויך וועגן דעם, אז אויף דער קליימס־קאנפערענץ זאל יד ושם אונטערשטיצן א פארשלאג וועגן אסיגנירן א באשטימטן סכום פאר דעם דענקמאל אין פאריז, עס איז ווירקלעך צו באדויערן, וואס יד ושם האט קעגן זיין ווילן געשלאסן דעם אפמאך. אבער דאס איז בשום אופן נישט מחייב קיין שום ייד אין פראנקרייך און אין דער וועלט. פארקערט: די מענטשן פון יד ושם וועלן זיין גאנץ צופרידן ווען די יידן אין פראנקרייך און ערגעץ אנדערשוווּ וועלן אויפהייבן זייער שטים קעגן דעם באנוצן זיך מיט די קליימס־געלטער פאר אויפשטעלן א דענקמאל אין פאריז און פאדערן, אז די געלטער זאלן זיין הייליק פאר דער־ציונג און קולטור־צוועקן אומעטום, ווו נאר יידן נויטיקן זיך דערין.

דער מאטיוו, אז די 300 טויזנט דאלאר ווערן נישט אראפגענו־מען פון די געלטער, וועלכע זענען באשטימט פאר פראנקרייך איז לחלוטין נישט וויכטיק. עס גייט וועגן פרינציפ: קיין איין גראשן פון די רעפאראציע־געלטער טאר נישט אויסגעגעבן ווערן פאר דעם דענקמאל אין פאריז. עס איז דער גרעסטער חילול־השם פון דעם אנדענק פון די קדושים, ווען דווקא פון די דאזיקע געלטער זאל אויפ־געשטעלט ווערן דער דענקמאל! און נאך וואס פאר א געלטער. 120 מיליאן פראנק און דאס איז נישט אלץ, גלייך ווי אין דער טייערקייט, קינסטלערישקייט, „שיינקייט" פון דענקמאל וואלט געקומען צום

אויסדרוק די פארערונג און יראת הכבוד פאר דעם יידישן מארטירער. ניין! דאס פאסט נישט, נישט פאר דעם יידישן געמיט, נישט פאר דעם יידישן וועזן, נישט פאר דער יידישער טראדיציע און ממילא נישט פאר דעם גרויל‏פולן־אָנדענק פון דעם יידישן מאַרטירערטום.

און זאָל מען אונז נישט דראָען מיט קאָמפּראָמיטירט ווערן אין די אויגן פון די נאָבעלע און גרויסמוטיקע פערזענלעכקייטן, וועלכע האבן באוויליקט צו געבן זייער נאמען אין דעם קאמיטעט פאר דעם דענקמאל. זיי וועלן פארשטיין די זאך א סך לייכטער און פשוטער ווי די מענטשן פון דעם דאקומענטאציע־צענטער און קיינער האט זיי נישט פארזיכערט אדער האט נישט געטארט פארזיכערן אז עס וועט דווקא אויפגעשטעלט ווערן א מאנומענט פאר 300 טויזנט דאלאר. אויך דער טעם אז דער דענקמאל איז אן אונטערנאציאנאלע אונטערנעמונג איז נישט ריכטיק, דאָס געלט איז יידיש געלט און נאָך וואָס פאַרא געלט!

אויב עס מוז שוין יא אויפגעשטעלט ווערן א דענקמאל פאר דעם יידישן מארטירער אין פאריז זאל ער זיין ווי אמפשוטסטן און ווי באשיידנסטן און אויפן בית־עולם, דאס איז זיין ארט.

און בשום אופן נישט פון די קליימס געלטער!

דער קדוש השם פון דעם יידישן מארטירער פארלאנגט דאס.

(„אונזער ווארט" פון 26־טן אקטאבער 1954)

# לייענער האבן דאס ווארט

(א רובריק אין „אונזער וואָרט")

חשובער ה' רעדאקטאר,

אזוי ווי עס האט זיך לעצטנס אנטוויקלט א שטארקע דיסקוסיע אויף די שפאלטן פון אייער צייטונג איבער דעם מאַטירער־דענקמאל, בעט איך אייך צו פארעפנטלעכן אויך מיין בריוו — ער דריקט אוים גלויב איך, די מיינונג פון אגעוויסע צאל לייענער איבער דעם דאזיקן פראבלעם.

ערשטנס א פאר ווערטער וועגן דעם געדאנק גופא פונם דענק־מאל. אין דער יידישער געשיכטע — מוז געזאגט ווערן — געפונען מיר נישט קיין ביישפיל פון א מארטירער־דענקמאל. די אידייע אליין איז פרעמד דעם יידישן גייסט און דער יידישער טראדיציע. ווען מען פלעגט וועלן ביי יידן פאראייביקן א פאקט, האט מען עס געוויינלעך געטון דורך צדקה מיט א פראקטישן הוש. אין מערסטן טייל פלעגט עס געמאכט ווערן אונטער דער פארם פון אונטערשטיצן א תלמוד־תורה, רבנים־הויז אָדער א בית־המדרש.

מען מוז ווייט בלעטערן די יידישע געשיכטע און צוריקגיין אזש צו די צייטן פונם בית שני בכדי צו געפינען א ביישפיל, ווי למשל ביי הורדוס, פון אויפשטעלן עפנטלעכע דענקמעלער אזוי ווי ביי אנדערע פעלקער. און הורדוס גופא איז טאקע צוליב אט די דאזיקע מנהגים זיינע ניט באליבט געווען ביים יידישן פאלק.

דעריבער גלויב איך, אז דער פריינט אברהם רודי, האָט פולע רעכט ווען ער זאגט זיך ארוים קעגן דעם פארוועגדן פאר דעם צוועק א סומע פון 300,000 דאלאר און דערצו נאך פון די שילומים־געלטער.

איך, און א סך יידן ווי איך האלטן, אז אויב שוין יא פארווענדן אזא סומע פון די שילומים־געלטער אין חוץ־לארץ איז שוין א סך גלייכער זי צו פארווענדן אויף אויסהאלטן און אונטערשטיצן יידישע

שולן און אנדערע קולטור־אנשטאלטן, און אזוי ארום פארהיטן יידישע יוגנט פון דער אסימילאציע־געפאר.

כאראקטעריסטיש איז אויך דער אופן ווי אזוי די גאנצע אקציע איז בכלל ארגאניזירט געווארן.

דאָ מוז לײַדער געזאָגט ווערן, אַז די אָנהענגער פונם דענקמאָל האבן געוווסט ווי אזוי אויסצונוצן דעם הפקרות, וועם הערשט אויף דער יידישער גאס, ווו יעדער נישט־געבעטענער פארשוין דערלויבט זיך צו רעדן אין נאמען פונם יידישן פאלק, ארגאניזירט ביי זיך אין דער היים קאָמיטעטן פון קיינעם נישט אויסגעוויילטע, פאסט בא - שלוסן בסוד, אונטערהאנדלט מיט נישט־יידישע פאָרשטייער און שטעלט דערנאך די יידישע עפנטלעכע מיינונג פאר א געשעענעם פאקט.

איר ווילט האָבן אַ דענקמאָל ? געזונטערהייט, אָבער מיט געל־טער, וועלכע איר דענקמאל־אנהענגער וועט אויף דעם צוועק אליין צונויפזאמלען — איר טארט אויף דעם צוועק נישט באנוצן די שילומים־געלטער, ווייל זיי זענען באשטימט פאר ישראל. דארט וועלן זיי פארנוצט ווערן אויף צו באפרוכפערן וויסט לאנד, אויף צו פארזיכערן ס'לעבן פון די נאצי־קרבנות, אין אנדערע ווערטער : זיי וועלן פארנוצט ווערן אויף דעם ציל צו וועלכן זיי זענען פון אָנהויב באשטימט געווארן.

## יעקב בראד

("אונזערווארט" פון 28־טן אקטאבער 1954)

## יחזקאל קארנהענדלער

# א חילול השם

**ד**י לעצטע טעג איז ווידער ארויסגעשווומען אויף דער טאג־אָרדנונג דער ענין מיט אַ כלומרשטן מאָנומענט, וואָס דארף זיין דער „וועלט" מאנומענט פון „גאנצן יידישן פאלק" פאר זיינע מארטירער.

און געשעען איז עס אין שייכות מיטן דערוויסן זיך אז דער קליימס־קאמיטעט האט אסיגנירט אויף דעם צוועק, אזא גראנדיעזע סומע. די 300,000 טויזנט דאלאר!

עס קומט לויט מיין מיינונג א יישר־כח דעם פריינט רודי פאר זיין ארטיקל, אין וועלכן ער האט אויף אזא לאגישן אופן, אנגעוויזן די אומדערהערטקייט פון אזא געלט פארשווענדונג וואס דא גייט ווערן אפגעטאן.

אוודאי האב איך געלייענט די פאר ווערטער פון פריינט י. יאַקובאָוויטש וואָס וואונדערט זיך, הלמאי מען הויבט פונדאָסניי אויף די פראגע, יא אדער נישט מאנומענט, בעת עס איז שוין אויף אזא פאמפאסטישן אופן פארגעקומען דאס לייגן פון ערשטן שטיין, און מען טוט שוין... און מען מאכט שוין... איז ווי מעג מען איצט, לויט זיינע רייד, קומען און שטעלן די סקאנדאליעזע אונטער־נעמונג, אונטער א פראגע־צייכן?

וועגן דעם ענין איז פאר־האן א סך צו רעדן, און עס וואלט געוועץ וויכטיק צו באלויכטן די הינטער־קוליסן פאליטיק ארום דעם מאנומענט וואס איז א קראנקהאפטע דערשיינונג אין אונזער לעבן, און אויך אן אומדערהערטער נאציאנאלער סקאנדאל.

וואס פון דעם אוועקגעלייגטן שטיין וועט ווערן, איז איין זאך, אָבער די מיטגלידער פון דעם קליימס־קאָמיטעט וויסן זיכער נישט די נישט־געזונטע אַטמאָספערע פון דעם שטיין, און זיי האָבן אויף קיין פאל נישט געטארט צוטיילן און דערצו נאך אזא אומגעהויערע

סומע פאר דעם דענקמאל, וואס וועט לויט מיין טיפע זיכערקייט, קיינמאל נישט ווערן דער וועלט־מאנומענט פון יידישן פאלק פאר זיינע מארטירער.

און ער וועט עס נישט ווערן דערפאר ווייל קיין שום פאלק שטעלט נישט זיין גרויסן נאציאנאלן מאנומענט אינם לאנד פון א צווייט פאלק. קיינמאל וועלן די ענגלענדער נישט שטעלן אזא מאנו־מענט אין פאריז, די איטאליענער אויך נישט, די טערקן אויך נישט, כאטש פאריז איז א וועלט־צענטער, (דער נעבעכדיקער פוילער תירוץ פון ה׳ שנייאורסאן). יעדעס פאלק וועט זיין גרויסן נאציאנאלן מאנומענט שטעלן ביי זיך אין דער היים, אין אייגענעם לאנד, אויף זיין אייגענע ערד, און מיר יידן וועלן נישט און קענען נישט זיין קיין אויסנאם, דער גרויסער יידישער מאנומענט געווידמעט אונזערע קדושים קען נאר געשטעלט ווערן אין יידישן לאנד, און ישראל! מחוץ ישראל איז עס א חילול השם.

אויסגעבן אויף אזא חילול השם אזא ריזן־סומע, בעת עס פעלן געלט־מיטלען אויף יידישער דערציונג, אויף אויפהאלטן ייד־יש לעבן און יידישן קיום איז די סאמע גרעסטע עוולה וואס קען געטון ווערן אונזער פאלק.

אויף דערויף האבן מיר געדארפן ארויסרייסן פון די דייטשע הענט א חלק פון אנגערויבטן יידישן פארמעגן כדי עס צו פארשווענ־דן אויף א קאפריז ווי עס איז אין דער אמתן דער א. ג. דענקמאל?

ניין! קיינמאל נישט! דער סקאנדאל פון ארויסווארפן די דריי הונדערט טויזנט דאלאר, טאר נישט דערלאזט ווערן.

(„אונזער ווארט, דעם 28 .10 .1954)

נ. ב.
שעף־רעדאַקטאָר פון „עווידאַנס"

# די געזעלשאַפט מיט באַגרענעצטע אחריות

מען האָט אומגעבראַכט מענטשן. מיר זענען געווען עדות פון זייער לעבן. זיי זענען געווען אונזערע נאָענטע. מיר האָבן געקענט אומקומען אויף זייער אָרט, אָדער צוזאַמען מיט זיי, עס האָט זיך אָפט געוועגט בלויז אין אַ אומוויכטיקן צופאַל, אַ פראַגע פון סעקונדן, עס איז געווען בלויז אַ צופאַל וואָס מיר זענען ניצול געוואָרן פון טיילן זייער גורל.

מיר טראָגן אין זיך דאָס אַלטע באַדערפעניש פון מצרף זיין די דאָזיקע טויטע צו אונזער לעבן. אין אמתן זין פון וואָרט, הייסט עס, אַז מיר ווילן זיי מזכיר זיין — אויפהאַלטן זייער אָנדענק צו־זאַמען מיט אונזערן, פאַר די לעבעדיקע פון היינט און פון מאָרגן.

אויף דעם געביט זענען פאָרגעקומען איניציאַטיוון, עס האָבן זיך אויסגעפאָרעמט פּראָיעקטן. אַ טייל פון די פּראָיעקטן האָט מען זיך גענומען אויסצופירן.

די מערהייט פון די וואָס די נאַצים האָבן אויסגעראָטן, זענען געווען יידן. סיי אין זייער דאָקטרין, סיי אין פאַקטן, איז דער ייד געווען דער געצילטער קרבן דורכן נאַציזם.

צי דאַרף מען די דאָזיקע יידישע ליידן פאַראייביקן אַלס אַזעלכע, אָדער צוזאַמען מיט די איבעריקע ? עס שטעלט זיך די פראַגע : צו זאָל עס זיין דורך אַ שטיין ?, אַ וואַנט ?, אַ סימבאָל ? עס איז נישטאָ אַזעלכער וואָס זאָל קענען באַצייכענען די גרויס־קייט פון דעם חורבן, פון די ליידן, פון די אוממענטשלעכע באַ־דינגונגען וואָס עס זענען אויסגעשטאַנען די קרבנות, די גרויזאַמ־קייטן, די משוגעתן פון די הענקער — דער גייסט קען דאָס נישט אויפפאַסן.

מען דאַרף אָנהאַלטן דעם אָנדענק. מען דאַרף פאַראייביקן די

פאקטן — פולשטענדיק, געטריי; ערנסט. די פארשידענע געזאמל־טע ארכיוון, אין באצוג צו דער תקופה פון דער נאצישער מאַ־סאַקרע, איז אַ באַגלייטונג, אָדער אפילו אַ פאַרויסגייענדיקער פאַקט פון דעם סימבאָלישן אָנדענק. די איינגעשאַפֿן, די מעמאָרן־גופא פון די דאָזיקע פאַרשונגען און דאָס קלייבן פון דאָקומענטן, באַצייכנט די עטנישע און משפחה׳דיקע סאָלידאַריטעט, ווי אַ יידי־שע אזכרה.

אָבער ווו מזכיר זיין? אויפן אָרט פון פאַברעכן? דאָרט ווו עס געפונען זיך די ניצול־געוואָרענע אין אייראָפּע? אין ישראל? און אין וואָסערע פאָרם? צי דאַרף עס זיין אין אַ גרויסן פאַרנעם? און אין דעם פאַל: פון וועלכע פאָנדן?

אין ישראל זענען פאַרפלאַנצט געוואָרן ביימער, גאַנצע וועל־דער זענען פאַרפלאַנצט געוואָרן צום אָנדענק פון די קדושים. דורך אַן אָרגאַניזאַציע וואָס רופט זיך „יד ושם", וועמענס אויפגאַבע עס איז צו זאַמלען אַלע דאָקומענטן וואָס האָבן אַ שייכות צו די יידישע קרבנות פון נאַציזם — אויפצושטעלן אַ פולשטענדיקע ליסטע פון זייערע נעמען.

אויסערן „יד ושם", האָבן זיך נאָך אַ געוויסע צאָל אינסטיטו־ציעס געווידמעט דער דאָזיקער היסטאָרישער און מאָראַלישער אויפגאַבע פון זאַמלען די אַרכיוון פון דעם גרויסן חורבן. צווישן די לעצטע, איז דער „ייוואָ", די ווינער ליבראַרי אין לאָנדאָן, וועל־כע איז געגרינדעט אין אַמסטערדאַם נאָך אין יאָר 1943; דער אויפזוך־ביוראָביים יידישן וועלט־קאָנגרעס און דער היינטצייטיקער יידישער דאָקומענטאַציע־צענטער אין פּאַריז. עס ווערן געמאַכט געוויסע אָנשטרענגונגען, אַז די אַלע אויבנדערמאָנטע אַרכיוון, זאָלן קאָאָרדינירט און פאַרגלייכט ווערן. עס איז צו דעם צוועק גע־גרינדעט געוואָרן אַ קאָמיטעט פון היסטאָריקער; עס זענען צו־שטאַנד געקומען אָפּמאַכן, עס איז פאָרויסגעזען דער אויסטויש פון דאָקומענטן און אַרכיוון. דאָס אַלץ ווערט געמאַכט אונטער דער השגחה פון דער „קליימס־קאָנפערענץ" וואָס באַזיצט די גע־העריקע פאָנדן צו דעם צוועק. די זעלבע אָרגאַניזאַציע האָט אויך באַשטימט — דורך אַן אייליקן באַשלוס — אַ סומע פון 300.000

דאָלאַר פאַר אויפשטעלן א מאָנומענט „פאַרן אומבאַקאַנטן יידישן מאַרטירער" אין פאַריז. דער דאָזיקער פּראָיעקט איז שוין א וועלט־באַקאַנטער ענין און ווערט באַצייכנט אַלס דער „שנייאורסאָן־פּראָיעקט" — אויפן נאָמען פון זיין איניציאַטאָר און דעם אומ־דערמידלעכן פּראָפּאַגאַנדיסט פאַר דעם דאָזיקן מאָנומענט.

שנייערסאָנס־דאָקומענטאַציע־צענטער האָט זיך געפונען אין געלט־שוועריקייטן. ער האָט געמוזט פאַרקלענערן די צאָל אָנגע־שטעלטע און איינשרענקען די אַקטיוויטעט. ער האָט דעריבער געמוזט אָנקומען צו געלט־זאַמלונגען.

אין אָט דעם דאָזיקן מאָמענט, האָט שנייערסאָן געפונען פאַר נויטיק צו וואַרפן דעם געדאַנק פון א מאָנומענט. ער האָט דערביי אויסגערעכנט אויף א מיטל וואָס האָט זיך שוין אָפט אַרויסגעוויזן פאַר א ווירקזאַמען — אין אונזער וועלט וואָס ווערט אָרקעסטרירט דורך פּובליציטעט: „אויב איך קען נישט געפונען קיין נויטיקע 4 אָדער 5 מיליאָן אויף אויסצוהאַלטן דעם דאָקומענטאַציע־צענ־טער, וועל איך זיכער געפונען לייכטער 100 מיליאָן אויף א מאָנו־מענט"

ער האָט אויסגעאַרבעט א נייעם פּלאַן — פּונקט ווי איינער וואָס לאַנסירט א נייעם פּראָדוקט אויפן מאַרק — און האָט גע־וואָרפן די לאָזונג, אַז: „זעקס מיליאָן טויטע האָבן נישט קיין קבר", באַגלייט מיט אַן אַנטשפּרעכנדיקער פּובליציטעט.

פּונקט ווי פאַרמאַצעווטישע פּראָדוקטן ווערן אָנגעוואָנדן מיט דער הסכמה פון גרויסע דאָקטוירים; פּונקט ווי שיינהייטס־פּראָדוקטן ווערן אָנגעבאָטן מיט דער רעקאָמענדאַציע פון פילם־סטאַרן, אַזוי האָט שנייאורסאָן באַוויזן אַרויסצובאַקומען הסכמות פון מלכים, מיניסטאָרן, פון שרייבער, וויסנשאַפטלער, פּאָליטי־קער, וואָס האָבן געשטיצט זיין קאַמפּאַניע; ער האָט זיי אַריינבאַ־קומען אין זיין נעץ — אַלע די פּערזענלעכקייטן וואָס קענען האָבן אַן איינפלוס אויף דער עפנטלעכער מיינונג.

„זענט איר דערפאַר אַז מען זאָל באַערן און פאַראייביקן דעם אָנדענק פון די נאַצישע קרבנות" — האָט ער געפרעגט ביי משער־טשילן, אָדער ביי דער האָלענדישער קעניגין.

געווים איז געווען דער ענטפער, וואָס איז געשריבן גע־וואָרן דורך אַ דריטראַנגיקן סעקרעטאַר פון דער באַטרעפנדער פערזענלעכקייט.

און באַלד זענען געדרוקט געוואָרן בריוו־בויגנס, מיט די אַלע גרויסע נעמען, וואָס האָבן געמאַכט אַ געהעריקן איינדרוק און מען האָט די זעלבע פּרעזענטירט פאַר יידישע פערזענלעכקייטן, מיט דער באַמערקונג: איר זעט? די און די נישט־יידישע פּער־זענלעכקייטן אָדער מלוכה־מענער זענען דערפאַר אַז מען זאָל באַ־ערן די קדושים, וועט איר, אַלס ייד, זיין קעגן? איר מוזט אויך געבן אייער הסכמה"!

עס זענען פונאַנדערגעשיקט געוואָרן אַגענטן אין אַלע לענ־דער. עס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן דורך זיי פאַרזאַמלונגען און זאַמלונגען, אַלע שליחים האָבן באַקומען פאַר די הוצאות, אחוץ פּראָצענטער פון די געזאַמלטע סומעס.

איינער פון די שליחים־רעדנער, האָט אויף אַ פאַרזאַמלונג אין אלזשיר דערקלערט:

„אויב עס איז אמת, אַז מוטע שליסן זיך אָן אינם קאַמף
פון די לעבעדיקע, אַזוי פאָדערן פון אייך די זעקס מיליאָן
טויטע, אַז איר זאָלט אייך באַשטייערן פאַרן מאָנומענט"...

עס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ בריוו וואָס עס האָט צו־געשיקט אַ פּראָטעסטאַנטישער פּאַסטאָר, אין וועלכן ער שרייבט, אַז ער גיט זיין הסכמה אַריינצוגיין אינם קאָמיטעט, אָבער עס וואָלט אים אַ סך ליבער געווען אַז די קריסטן זאָלן אַליין אויפ־שטעלן דעם דאָזיקן מאָנומענט, אַלס אַ באַלוינונג פאַר די אַלע רדיפות וואָס דאָס קריסטנטום איז באַגאַנגען קעגן זיינע יידישע ברידער.

שנייאורסאָן האָט אונטערגעשטראָכן די וויכטיקייט, וואָס יעדער ייד וועט קענען גיין וויינען אויפן דאָזיקן סימבאָלישן קבר. אָבער וואָס שייך דער סימבאָלישקייט, איז ער זייער אַ ספקותדי־קער. און דער דאָזיקער פּראָיעקט — אויב מיר שטעלן זיך אפילו

נישט אָפּ אויף דעם וואָס די רעליגיע פאַרבאַט עס אונז, איז די אײ־דעע אַלס אַ זעלכע, פון אַ קולט פאַר טויטע, אַ קעגנזאַץ פון יידישן גייסט. נאָכן חורבן בית השני, האָבן יידן נישט אויפגעשטעלט קיין מאָנומענטן, נאָר געגרינדעט ישיבות, שולן — און דאָס האָט דערמעגלעכט דעם המשך פון קיום פון יידישן פאָלק.

אויב דער גרויסער חורבן אין דער געשיכטע פון פעלקער — און אין דער יידישער געשיכטע — האָט נישט באַוויזן אָנצו־רעגן צו אַן אייגענעם סימבאָל, צו אַן אייגנאַרטיקן פאָרם פון פאַר־אייביקן דעם אָנדענק, צו וואָס נאָכמאַכן אַנדערע פעלקער ? אפשר איז גאָר דער יער הקדושים די דאָזיקע געהעריקע פאָרם ?

ווען בן־גוריון האָט זיך געכאַפּט ווי אַזוי מען האָט אויס־גענוצט זיין בריוו, איז עס שוין געווען צו שפּעט צו געבן אַן עפנטלעכע אָפּלייקונג. וואָס וואָלט דערצו געזאָגט די האָלענדישע קעניגין ?

אַזוי אַרום האָט מען מיסברויכט מיט די כוונות פון אַ סך פּערזענלעכקייטן, שפּעטער, איז עס שוין געגאַנגען אַזוי ווי אַ קויל שניי וואָס ווערט אַלעמאָל גרעסער און גרעסער ביים קאָלערן זי.

געוויסע יידישע פאָרשטייער פון ישראל אין פראַנקרייך, ווי אויך פאָרשטייער פון אונזער ישוב, האָבן זיך אָפּגעזאָגט אָנטייל צו נעמען אין דער צערעמאָניע פון לייגן דעם גרונטשטיין צום מאָנומענט. אָבער דאָ האָט מען צו זיי געטענהט : „מיינע פריינט, ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך, אַז איר זאָלט אייך אָפּהאַלטן, ווען די פאָרשטייער פון פראַנצויזישן יידנטום האַלטן רעדעס — אפילו די וואָס זענען תמיד געווען קעגנער פון אַזאַ מאָנומענט. איינע אַזאַ פּערזענלעכקייט האָט פונדעסטוועגן טראַצדעם דעמיסיאָנירט פון דעם קאָמיטעט.

איצט גייט מען פאַרווירקלעכן דעם פּלאַן פון אויפשטעלן דעם מאָנומענט, וואָס דאַרף קאָסטן 300.000 דאָלאַר... צי וועט עס שוין טאַקע אַזוי בלייבן ?

„עווידאַנס" נר. 42 (סעפּטעמבער ־ אָקטאָבער 1954)

## מ. סמבטיון

# אז עם נוצט נישט, שאדט עם...

לעצטנס טומלט זיך שטארק אין דער פאריזער פרעסע, א מעשה מיט א מצבה, א דענקמאל־מאנומענט... אייניקע זאגן, אז דא האט זיך גענומען דאס ווארט א יחיד, דארט ווו עס האט צו זאגן א רבים; אנדערע זאגן, אז דאס איז קמין שנטל גדולה לעצמו; נאך אנדערע ווידער זאגן, אז דווקא נישט קיין קטן, דער איניציאטאר פון דער אונטערנעמונג — כבודו במקומו מונח, אבער אזא זאך קען, נישט געמאכט ווערן אויף דער אייגענער האנט ער איז א מולך מעצמו און דאס וועט מען נישט דולדן! אין אזא ענין נכבד ונורא קען נישט אנגיין דער סיסטעם פון „ידו בכל״, נאר גראד דער פארקערטער סיסטעם פון „יד כל בו״. מיט איין ווארט — חדשים לבקרים! מיט דעם דאזיקן ענין וויגט זיך די צייטונג, עס איז כמעט נישטא דער פרימארגן, אז מיר זאלן נישט הערן קיין פרישן מאן דאמר. ווילט זיך מיר בנידון דידן זאגן עטלעכע ווערטער. ווי איך בין תופס דעם ענין, דיסקוטירן זיך דא צוויי הויפט־פראגן: ערשטנס צי דארף מען בכלל האבן א מאנומענט, צי אפשר קען מען זיך גאר אין גאנצן באגיין אן אים? צווייטנס, אויב אזעלכער מוז אויפגעשטעלט ווערן, איז — איה מקום כבודו? ווו איז דער פאסיקער ארט פאר אים?

קודם כל וראשית חכמה זאגט אייד אין אזא פאל: אשא עיני אל ההרים... ווו ווערט דערמאנט אין אונזער לאנגער געשיכטע, אז מען זאל ווען עס איז אמאל האבן געשטעלט מאנומענטן? אין די צייטן פון שלמה המלך — דערציילט זיך אין תנ״ך — האט זיך גאלד און זילבער ממש געוואלגערט אין די גאסן. דוד המלך איז געווען דער, וואס האט דער ערשטער אין דער געשיכטע געגעבן זיין פאלק זעלבסטשטענדיקייט, און דאך האט אים דאס פאלק קיין מאנומענט נישט געשטעלט! שלמה המלך האט פארזיכערט דעם פאלק

דעם העכסטן ווײַלשטאנד, און דאך האט אים דאס פאלק קיין מאנו־מענט נישט געשטעלט! שמואל הנביא — וואס איז לויטן אויסדרוק פון חז״ל: שקול כנגד משה ואהרון — האט מען קיין מאנומענט נישט אויפגעשטעלט! דאקעגן איז אין יענע צייטן געווען א בן סורר ומורה, וואס האט געוואלט אומברענגען זיין אייגענעם פאטער; דעם פון גאט געזאלבטן מלך, ער האט זיך דווקא יא געשטעלט א מצבה — יד אבשלום! פאר וואס האט דאס יידישע פאלק, נאך בנין בית שני, נישט אויפגעשטעלט קיין דענקמאל די אומגעקומענע בשעת חורבן בית ראשון? פארוואס האבן די שפעטערדיקע דורות נים אויפגע־שטעלט קיין דענקמעלער נאך די אומגעבראכטע בשעת חורבן בית שני?

דער אמתער און איינציקער תירוץ דערויף איז, אז זינט דאס יידישע פאלק איז געשמאנען במעמד הר סיני, איז אים פרעמד דער קולט פון פסל ותמונה; דעם יידישן גייסט איז ממש אומדער־טרעגלעך דאס אנמאנען דעם ברענעדיקן זכרון פון טייבן בלוט און צעטראטענע געהירן אין א לבוש פון גראניט און בראנזע...

עס פרעגט זיך: פארוואס האבן די יידן אין שפאניע, אין דער גאלדענער עפאכע, נישט געשטעלט קיין דענקמאלער די אומגעקומע־נע בשעת די טרויעריק בארימטע קרייצצוגן? פאר וואס האט מען נישט געבויט קיין מאנומענטן נאך די אומגעבראכטע אין די יארן פון ת״ח ות״ט דורך כמיעלניצקין ימח שמו? צי למשל נאך די הרוגים פון קעשעניעווער, קיעווער און אנדערע פאגראמען? עס שטייט דען ערגעץ געשריבן אז מיט א גרעסערער מצבה מוז מען ווארטן אויף א קיילעכדיקן ציפער פון זעקס מיליאן? און בלויז פאר עטלעכע הונדערט טויזנט יידן איז אזא דענקמאל נישט כשר געווען? און אזוי פיל יידן זענען דאך געפאלן פון יעדן איינעם „לייטישן" פאגראם! וואס דען, וועלן די סניגורים טענהן, אז יענע אלע מקומות זענען געווען גלות־לענדער און פראנקרייך איז שוין ברוך־השם נישט קיין גלות? נישט אמת! פראנקרייך מיט אלע אירע גרויסע מעלות: מיט איר באמת פולער פרייהייט און דעמאקראטיע, איז זי פאר די ברייטערע יידישע מאסן פון דעסטוועגן פארבליבן די זעלבע „פרע־מדע" פונקט ווי אלע לענדער בשעתם... און א ראיה, אז אזוי איז

דאס: פאר די כמעט צען יאר פון נאך דער מלחמה, זענען דורך פראנקרייך דורכגעפארן פיל, פיל הונדערטער טויזנטער יידן — וויפל פון זיי האבן פאראנקערט? וויפל פון זיי האבן זיך דא איינגעארדנט? כאטש איך האב נישט צו דער האנט קיין סטאטיסטישע ציפערן, דאך בין איך זיכער, אז פיל ווייניקער פון צען פראצענט, רעדט דען נישט אט דער פאקט פאר זיך אליין? ווען דא וואלט באמת געווען א היים, אן איינקומעניש, וואלט דאך אט די פיל הונדערטער טויזנטער יידן נישט אוועקגעפארן! ווער פארלאזט עס א„היים" און פארט זוכן א„פרעמד"? און אויב דא איז נישט קיין היים — צו וואס זשע און פאר וועמנס וועגן האט מען דא צו שטעלן א זעלכע הימלקראצנדיקע דענקמעלער? ווי זאגט דער נביא ישעיה: „מה לך פה ומי לך פה, כי חצבת לך פה קבר?" ווען עס זאל אפילו ארויסגיין א בת־קול: „איך היים אייך אנטון אייער טיפן צער אין א שטיינערן העמד" בין איך שטארק מסופק צי דאס אנגעוויזענע ארט וואלט געווען פאריז, נישט ארץ ישראל, דער לעצטער ברעג פון אלע גלותן, וועלכער וועט שוין מיט גאטס הילף אויף אייביק פארבלייבן א יידישער! אבער, אין פרינציפ, זענען אזעלכע אויסברענגערישע דענקמעלער נישט באַרעכטיקט אפילו אין ישראל.

איי, וועלן די „נפשות העושות" טענהן, הלמאי מאכט מען מאנומענטן ביי אלע אומות העולם? למא נגרע? איז דער תירוץ א שטארק אלטער: „אל תשמח ישראל אל גיל בעמים!" מיר האבן אויף זיי נישט וואס צו קוקן. ביי יענע אומות־העולם איז דאס לאנד אויפן פלאץ; די יוגנט שטייט גרייט צו דינסטן; די תורה זייערע, זייער קולטור — אלץ, אלץ אלץ איז כדבעי למהוי, כל עיר על תלה בנויה! און ביי אונז איז — תוהו ובוהו וחושך... ישראל איז ארומגערינגלט מיט דינאמיט פון אלע זייטן, ווי נישט קיין שום לאנד אין דער וועלט; די יוגנט אין די תפוצות — דאס מארגנדיקע פאלק אונזערס — איז צו אונזער גרויסן ווייטיק אין גאנצן נישט מיט אונז. אונזער תורה, אונזער קולטור — מאן דכר שמם! אין באזונדערס, באזונדערס שטייט אט די מפולת אן אנטפלעקטע אין פאריז. צוריק מיט עטלעכע חדשים איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין אנטווערפן. אנטווערפן איז א קליין שטעטל, (לגבי פאריז) דער

דער דאזיקער קיבוץ יידן — א זשמענקעלע! קיין צענט חלק נישט; וויפל אין פאריז קיין עין הרע. און וואס זעט מען דארט? אין יענעם בעלגיש שטעטל פונקציאנירן צוויי יידישע אינסטיטוטן. יידישע בחו־רימלעך און מיידלעך לערנען יידיש מיטן פולן מויל, מען לערנט תנ"ך, יידישע געשיכטע... מיר איז אויסגעקומען צו רעדן מיט גאר יונגע קינדער און זיי ווייסן : ווער עס איז געווען סעדיה גאון און ווער דער רמב"ם; זיי קענען די שירים פון אד"ם הכהן לעווענזאן, פון יהודה לייב גארדאן און פון ח. נ. ביאליק; זיי ווייסן ווער ס'איז געווען אברהם מאפו און ווער ס'איז איצט שמואל עגנון... און ווי האלט עס אין פאריז? דא איז גלייכער צו שווייגן, ווייל רעדן איז א בושה און א חרפה... און פאר דריי הונדערט טויזנט דאלאר, אדער — אויף פראסט יידיש גערעדט —פאר העכער הונדערט מיל־יאן פראנק וואלט מען געקענט ראדיקאל ענדערן דעם נעבעכדיקן מצב.

און אויב די זאגערס וועלן זאגן: א יידישע שול אין פאריז איז טאקע א דבר העומד ברומו של עולם, אבער דאס איז א ענין בלויז פאר די פאריזער איינוווינער! עס פעלט זיי אויס א שול? — זאלן זיי גרינדן! עס פעלט זיי נישט אויס? איז דאס זייער זאך! און דאס דאזיקע געלט איז באשטימט פאר א כלל־ישראלדיקן ענ־ין... איז דער תירוץ אויף אזעלכע ווערטער: כלל־ישראלדיקע ענינים זענען פארהאן אזעלכע, וואס זענען אן ערך נייטיקער פון איבער־ראשנדיקע מצבה־שטיבלעך. און דאס איז — הצלת נפשות! על פי דין איז קיין שום זאך אויף דער וועלט נישט חשובער און נישט הייליקער פון א לעבעדיקן יידן. ווען מען קען רעטן פון א שרפה איין לעבעדיקן מענטשן, אדער פיל ספרי־תורות, זאגט די תורה: דער מענטש האט א דין קדימה! און אויב דער דין שטעלט דאס לעבן פון א יידן העכער פון א ספר־תורה, על אחת כמה וכמה, אז יידישע לעבנס שטיין פיל העכער פון מאנומענטן. פיל אומגליקלעכע יידן אין די אריענטאלישע לענדער און אין אנדערע לענדער ווארטן נאך אויף זייער אויסלייזונג וועלכע שפעטיקט זיך איבער געלט. ס'איז שווער צו גלייבן, אז פיל מענטשן האלטן, אז דאס יידישע פאלק האלט שוין ביי פרשת-דענקמעלער... מען קען זאגן בלי

גוזמא, אז פאר דער אנגערופענער סומע, וועלכע מען האט געשטעלט צו דער דיספאזיציע פון די מאנומענט־מאכערס, וואלט מען אין ישראל געקענט אויפשטעלן א גרויס דארף! מען קען פאר אט דעם געלט באקליידן און באשוכן א גוטע העלפט פון אלע ישראלדיקע קינדערלעך! איז ווילט זיך מיר פרעגן ביי די „אנשי המעשה” א נאאיווע פראגע פון א פשוטן יידן — ווען מען קען פרעגן ביי די קדושים אליין: וואס איז אייך ליבער, מיינע ליבע יידן: מען זאל אין אייער אנדענק אויפשטעלן אין פאריז א שטיינערנער ביידל, וואס וועט מן הסתם גיכער מאכן פארגעסן אין אייך, איידער דער־מאנען; צי זאל מען בעסער אין ישראל אויפשטעלן הייזער פאר די תימנער און מאראקאנער יידן — די פארוואגלטע יידישע קינדער פון דורי־דורות — אז זיי זאלן האבן ווו דעם קאפ אוועקצוליין?

ווו מיינט איר, וואס וואלטן זיי, די הופט־דעה־זאגערס, דערויף געענטפערט ?

(„אונזער ווארט” פון 3־טן נאוו. 1954)

## שמואל שיטנבערג

# זאל מען נישט האבן קיין טעות

דער ענין מאנומענט איז ענדלעך ארויס פון ענגן קרייז און אריבער אין דער עפנטלעכקייט. יידן האבן אנגעהויבן זיך צו אינטערעסירן מיט דעם פּלאַן און אופן פון וועלן אויפשטעלן אין פאריז א מאנומענט פארן אומבעקאנטן יידישן מארטירער.

דאס מאל איז עס געווען חבר אברהם רודי, וואס האט מאנטיק דעם 18טן אָקטאָבער פאַרעפנטלעכט אַ זייער אינטערעסאַנטן אַרטיקל אונטערן באשיידענעם קעפל: „א גרויסע עוולה", און וואס דארף דינען ווי אן אלארם געשריי קעגן דער ריזיקער סומע פון 300 טויזנט דאלאר, וואס די קליימס קאנפערענץ האט אסיגנירט פארן מאנומענט פון דעם טייל שילומים־געלטער וואס איז באשטימט געווארן פאר קולטור־רעהאבילימאציע אין די לענדער וועלכע זענען באזעצט גע־ווען דורך די נאצים י"ש און בכלל קעגן דעם ענין פון שטעלן דעם מאנומענט אין פאריז.

דער טומל ארום דעם מאנומענט איז נישט פון היינט און נישט פון נעכטן. ער ציט זיך שוין פון יארן; פארהאנדלונגען אויף פארהאנדלונגען ביז מען איז באין ברירה געקומען ווי עס איז צו א הסכם מיט דעם דאקומענטאציע צענטער. עס איז נישט דא דער פלאץ און די צייט ארומצורעדן פרטים פון דעם הסכם. איין זאך איז קלאר, און דאס דארפן יידן וויסן, אז עס האנדלט זיך דא נישט וועגן יא, אדער וועגן נישט אויפשטעלן אין פאריז א דענקמאל פאר אונזערע קדושים. האבן דאך יידן, כמעט אין אלע גרעסערע ישובים אין פראנקרייך, תכף נאך דער באפרייונג, ווי נאר זיי האבן די חרובע היימען צוריק אויפגעבויט, באלד, אן רעש, אן טומל, מיט אייגענע מיטלען; יעדער ישוב לויט זיין יכולת, אויפגעשטעלט ביי זיך א דענקמאל לזכרון פאר זייערע קרובים וואס זענען אומגעקומען אין דער דעפארטאציע.

האט דאך דאס יידישע פאריז אוודאי דעם חוב אזא מאנומענט אויפצושטעלן און אז די פאריזער יידן זאלן אויך האבן די מעג־לעכקייט צו גיין אויף קבר אבות, צום קבר אין וועלכן עס רוט דאס קעסטל אש, צונויפגעקליבן פון די בערגער אש פון אוישוויץ, מאי־דאנעק, בערגן־בעלזען א. א. דאס איז א זעלבסטפארשטענדלעכקייט. ווען אבער א גרופע יידן פארמעסטן זיך אויפצושטעלן אין פאריז א ריזיקן מאנומענט, וואס זאל טראגן דעם אלגעמיין־נאציאנאל־יידישן כאראקטער, דאס איז שוין גאר נישט אזוי פשוט, און יידן שטעלן זיך די פראגע: היתכן? ווי לייגט זיך דאס אויפן שכל, אז דאס יידישע פאלק, אלס אזעלכעס, זאל מסכים זיין צו שטעלן א מצבה דווקא אין דעם פארהעלטנישמעסיק קליינעם ישוב אין פאריז, אין דער צייט וואס מיר פארמאגן ב"ה א יידישע מדינה, צו וועלכער עס זענען געווענדעט די אויגן פון דער גאנצער יידישער וועלט.

ווילן אייניקע דאס דערקלערן דערמיט, וואס פאריז איז דאס הארץ פון פראנקרייך און דאס געוויסן פון דער וועלט. וועט דאס הארץ פילן און דאס הארץ און דאס געוויסן בייטן זיך לויט די צייט און אומשטענדן... אנדערע ווייטער מיינען, אז פאריז, ווי א צענטער פון טוריסטיק, ווו הונדערטער טויזנטער טוריסטן פון דער גארער וועלט קומען יעדעס יאר, וועלן זיי דאך באשטימט קומען אויפן פלעצל, אין דער געגנט ווו עס וועט שטיין דער מאנומענט און הערן פון דער טיפעניש פון קבר, דאס געשריי פון די אומגעקומענע מיליאנען. און דאס וועט שטורמען דאס געוויסן פון דער וועלט... ווייסן מיר אבער, לײדער, אז די וועלט אנטלויפט פון אונזער יאמער, זוכט זיך צו פארשטעקן, נישט צו הערן אונזער וויי־געשריי, וויל נישט פאר־שטיין אונזער פחד פאר דער צוקונפט. מאכט זיך נישט זען די געפאר וואס לויערט אויף אונזער מדינה, און אין דעם מאמענט ווען צענ־דליקער מיליאנען אראבער שארפן דאס כלי־זין אונז צו פארניכטן, הערט די וועלט נישט אונזער אלארם-געשריי נאר מען באוואפנט נאך אונזערע שונאים, ניין, נישט פאר פרעמדע טוריסטן דארפן מיר מאנומענטן, נאר מיר לעבנגעבליבענע פון גרויסן חורבן, ווילן אויפשטעלן א מצבה לזכרון לדורות לזכר פון אונזערע שוועסטער און ברידער, און דאס קאן נאר זיין דער יער הקדושים ווו 6 מיליאן

ביימער וועלן געפלאנצט ווערן אין ישראל און פארוואַרצלט ווערן אין אונזער באדן פאר א זכר לעולם ועד. ווו יידן פון דער גאנצער וועלט וועלן יאר איין יאר אויס קומען אויף קבר אבות וואס איז אזוי פאַרהייליקט ביי יידן. דאס איז דער דענקמאל וואס יידן ווילן האבן. מיר האבן א צייט לאנד דעם ענין פארשוויגן. ווייל מיר האבן זיך געטראַכט, אז ווען יידן ווילן פריוויליק זיך באשטייערן און ווילן, מיט רעכט אדער נישט, אזא מאנומענט דווקא אין פאריז האבן, דארפן מיר זיך נישט קעגנשטעלן, ובפרט ווען מענטשן מיינען צו טוען א הייליקע זאך. מיט דעם מאמענט אבער, ווען יידן האבן זיך דערוווסט, אז געלט אויף דעם מיינט מען צו נעמען פון די שילומים געלטער, פון די געלטער וואס האבן אין זיינער צייט, אויפ־געשטורעמט דאס געוויסן פון א גרויסן טייל פון יידישן פאלק, וואס האבן געהאלטן דאס פאר טריף און אומווירדיק, און האבן לסוף דערמיט מסכים געווען נאר דערפאר, ווייל מען האט נישט געטארט איבערלאזן די גזלה אויך ביי דעם רוצח און אז די געלטער זענען אומבאדינגט נויטיק אויף צו בויען אונזער לאנד. אבער בשום אופן נישט דאס צו פארווענדן אויפצושטעלן מאנומענטן פאר אונזערע מארטירער, אזא געלט דאס איז אן אומכבוד פאר די קדושים און דערצו טאר נישט דערלאזט ווערן.

(„אונזער ווארט" פון דעם 11־טן נאוו. 1954)

## ד"ר יצחק מאלקין

# אונזער שטעלונג איז א גערעכטע

א פריוואטע פערזאן האט פארטראכט אויפשטעלן אין פאריז א גרויסע זאך: „א דענקמאל פארן יידישן מארטירער".

כדי צו פארווירקלעכן דעם געדאנק האט די פערזאן געשאפן קאמיטעטן, געקליבן אונטערשריפטן פון פעלקער און לענדער, פשוטע מענטשן און פערזענלעכקייטן, פרעזידענטן און הויכע לייט. פאר דעם צוועק האט ער ענדלעך געזאמלט געלטער. איך דריק אוים מיין אנערקענונג פאר דער ארבעטס־קראפט און ענערגיע פון דער פערזאן. פאר זיין אניציאטיוו־פעאיקייט און עקשנות.

יעדער איינער האט רעכט אין דעם פרייען לאנד פון פראנקרייך האבן א געדאנק און אים אדורכפירן אין לעבן. ווער עס וויל שטיצט אים אין דעם — און איז ריכטיק דאן, ווען דער געדאנק רירט נישט אן די טיפע און הייליקע געפילן פון יעדן איינעם פון אונז.

אבער דאס איז נישט דער פאל פון דענקמאל. דער דענקמאל פאר אלע יידישע מארטירער פון דער גארער וועלט איז אונזער אלעמענס ענין.

דאס איז א דענקמאל נאך מיינע עלטערן און דיינע ברידער און שוועסטער.

דאס איז מיין הייליקייט, צו וועלכער איך דארף קענען קומען מיך אויסוויינען, דאס איז דיין הייליקייט צו וועלכער דו דארפסט קענען קומען זאגן קדיש.

און דעריבער איז זעלבסטפארשטענדלעך די שטים פון כלל אין פראנקרייך, וואס האט זיך לעצמנס אויפגעהויבן אין דעם ענין, און די שטים איז: פראטעסט קעגן דעם אויפבוי אין פאריז אן אנדענק פאר אלע אונזערע קדושים.

איך האלט אונטער דעם פראטעסט פון כלל מיט אלץ, וואס

מיר איז הייליק, איך האלט אונטער דעם פראטעסט מיט מיין גאנצן אינערלעכן פלאם פון פיעטעט פאר די געפאלענע ברידער.

א דענקמאל אין פאריז אין לאקאלן מאסשטאב — מסכים. אבער א דענקמאל פאר אלע אומגעקומענע — טויזנט מאל ניין. ווייל ווו איז דאס געהערט געווארן, אז א פאלק זאל אויפבויען א הייליקע זאך אין א פרעמד לאנד? אויף א פרעמדן באדן?

אמת, פראנקרייך איז א פרייע רעפובליק און פאריז אן אינטער־נאציאנאלע שטאט, אבער איצט ווען מיר האבן דערלעבט צו האבן אן אייגענע מדינה, ווו איז דער כעס אויפצושטעלן אזא דענקמאל אויף פאריזער ערד?

אדרבא, ווייזט מיר אן איין פאלק אין דער וועלט וואס האט אויפגעבויט א זייער הייליקע זאך אין א פרעמד לאנד אויף פרעמדע ערד, און נישט ביי זיך?

און ווען גאט וואלט אונז געגעבן די מעגלעכקייט צו קענען פרעגן ביי אונזערע אומגעקומענע — ווו ווילט איר מיר זאלן אייך מזכיר זיין, ווו ווילט איר מיר זאלן נאך אייך קדיש זאגן אין פאריז אדער אין ירושלים?...

אין זייער ענטפער וועט קיינער — אפילו די אנהענגער פון דעם דענקמאל אין פאריז נישט קענען צווייפלען.

א... איך ווייס, מען וועט קומען צו מיר זאגן: פאריז איז אן אינטערנאציאנאלע שטאט. אהער קומער אלע אומות העולם... זיי זאלן זען און נישט פארגעסן.

די יעניקע זאג איך, אז דער דענקמאל איז קודם כל פאר אונז, על פי נס ביים לעבן פארבליבענע. פאר אונז איז דאס א שטיק פארבלוטיקטע הארץ און פאר די אומות העולם, וועט דאס זיין בלויז א קוריאזיטעט ווי דער אייפל־טורעם. און הלוואי זאל איך א טעות האבן, איך מיין אז ביי נישט איינעם פון זיי קען דאס ארויס־רופן גאר א פארקערטן געפיל, וואס מען דערוואַרט פון אים. ער רעדן א טראכט כאן: זעט וואס מען טוט מיט א פאלק, וואס היטלער האט פארטיליקט און פארברענט זעקס מיליאן יידן נאר דערפאר, ווייל זיי זענען געווען יידן.

איך פארשטיי נאך ווען די אומות העולם וואלטן אליין אונטער־גענומען אויפבויען א דענקמאל פארן יידישן מארטירער און טאקע אין פאריז. דאס וואלט אפשר פארלייכטערט אביסל זייער געוויסן וועלכער איז נישט אויף גאנצע הונדערט פראצענט ריין. לגבי דעם אומקום פון אונזערע זעקס מיליאן קדושים. אבער דאס האבן זיי נישט געטאן. דאס איז זייער זאך. נישט דא איז דער ארט און נישט איך בין בארופן זיי מוסר צו זאגן.

עס זענען פארהאן אנדערע יידן, וועלכע קומען אונז זאגן: צו וואס דארף מען פראטעסטירן ווען די זאך איז שוין כמעט געמאכט געווארן. עס איז שוין א געשעענער פאקט.

די יעניקע וויל איך ענטפערן. יא א געשעענער פאקט, מיר וועלן נישט אויפהערן צו פראטעסטירן קעגן דעם. מיר וועלן לאזן הערן אונזער שטים אומעטום וו עס וועט נאר זיין אין אונזערע מעגלעכקייטן, ווייל אונזער שטעלונג איז א גערעכטע.

(„אונזערווארט" פון 12־טן נאוועמבער 1954)

ש. שווייצער

# נישט פון דעם געלט

(צום ענין מאנומענט פארן אומבעקאנטן ייד. מארטירער)

די פראגע וועגן אויפשטעלן אין פאריז א מאנומענט פארן אומבעקאנטן יידישן מארטירער האט לעצטנס ארויסגערופן העפטיקע און ליידנשאפטלעכע דיסקוסיעס אין דער היגער יידישער געזעלשאפטלעכקייט.

קעגנער און אנהענגער פון דעם פראיעקט (וועלכער האט אגב מיט א צייט צוריק באקומען דעם אנהויב פון זיין רעאליזירונג, דורכן לייגן דעם גרונטשטיין, וואס איז אדורכגעפירט געווארן מיט גרויס פאמפע און רעקלאמע), באמיען זיך צו ציען די סימפאטיעס פון דער יידישער עפנטלעכקייט. יעדער צד ברענגט זיינע ארגומענטן און, ווי דער שטייגער איז, ביי אזוינע ענינים און דער עיקר, ביי אונז יידן, באמיט זיך איינער אריינזאגן דעם אנדערן אין טאטן אריין. וכל המרבה... הרי זה משובח.

ווילן מיר דא נישט אריינגיין אין דער פראגע; פאר אדער קעגן א מאנומענט, אין דער דאזיקער פראגע קענען זיין פארשידענע מיינונגען, אפהענגיק פון דער סענטימענטאלער אדער גאר פילאזאפישער איינשטעלונג פון דעם יידן. מ׳קען האלטן, ווי עס טוען עס רעליגיעזע און שטארק טראדיציאנעלע יידן, אז דאס איז נישט אונזער יידישער שטייגער פון באערן קדושים. מ׳קען אויך האלטן פארקערט, אז דער דאזיקער אופן פון פאראייביקן אונזערע מארטירער איז יא דער צוגעפאסטער, מען קען-אויב מ׳נעמט שוין אפילו יא אן דעם צוגאנג — האלטן, אז אויב שוין יא א דענקמאל, איז נישט פאריז. דאס פאסיקע ארט דערויף איז אפילו נישט אייראפע, נאר איינציק און אליין ישראל.

דעם שרייבער פון די שורות פערזענלעך איז דער גאנצער ענין

דענקמאל שטארק נישט צום הארצן, ער האלט, אז אונזערע פאר־פייניקטע קדושים נויטיקן זיך בכלל נישט אין אזא אופן פון פאר־אייביקן. זיי וואלט עס געוועז דערווידער. מעגלעך, אז דער דאזיקער שטאנדפונקט איז א ריין סענטימענטאלער, אן ענין פון געפילן. דערי־בער ווילן מיר בשום אופן אים קיינעם נישט אנוואַרפן, ווייל ווי געזאגט, קענען געמאלט זיין אויך אנדערע שטאנדפונקטן, וועלכע פאַרדינען אין דער גלייכער מאָס רעספעקטירט צו ווערן. אין ענינים פון געפילן, פון סענטימענטן, איז דאך נישט שייך קיינעם צו איבער־ציי גן און שוין אוודאי נישט קיינעם עפעס אויפצוצווינגען.

איז בכן די פראגע וועגן מאנומענט גופא נישט די עיקר־פראגע. זי איז בכל אופן נישט קיין געזעלשאפטלעכער ענין אין איצטיקן מאמענט.

אן אויסגעשפראכן געזעלשאפטלעכע פראגע אין דער ענין, ווי אזוי, דורך וועמען דער דאזיקער מאנומענט קען געשטעלט ווערן און דורך וועלכע קאנאלן די דערצו נויטיקע געלט־סומעס דארפן גע־שאפן ווערן.

עס קענען בשום אופן קיין צוויי מיינונגען נישט זיין וועגן דעם, אז אויב שוין יא א דענקמאל, ווערט דער ענין א ריין געזעל־שאפטלעכע אנגעלעגנהייט. און אין א געזעלשאפטלעכער אנגעלעגנ־הייט — ווער רעדט נאך אין א געזעלשאפטלעכער אנגעלעגנהייט פון דעם פארנעם, אין וועלכער ס'האנדלט זיך בפירוש וועגן גאנצן יידישן כלל, וועגן יידישן אנזען, וועגן יידישן כבוד — קען און טאר נישט דער פוסק אחרון און אוודאי שוין נישט דער דן יחידי זיין אן איינצלנע פערזאָן, ווי חשוב און פראָמינענט זי זאָל נישט זיין. דאָ מוז קומען צום אויסדרוק דער אויטענטישער דעת הקהל, די אומאָב־פרעגבאַרע עפנטלעכע מיינונג, די אויטאָריטאַטיווע יידישע געזעל־שאפטלעכקייט. אינעם געגעבענעם פאל איז עס אזוי נישט געשען. איין מענטש האט דא דעם ענין גענומען אין ארענדע און מיט דער הילף פון א גוט דורכגעפירטער רעקלאמע (נישט צו פארבייטן מיט פראפאגאנדע) דערפירט די זאך ביז צום איצטיקן צושטאנד, מיט אנדערע ווערטער — געשטעלט די יידישע געזעלשאפט פאר כמעט א געשעענעם פאקט. מיר ווילן מיט א כיוון נישט דערמאנען דערביי

די אנגעווענדעטע מיטלען און מעטאדן, ווי די, למשל, צו שאפן אָנהענגער און אפוטרופסים ביי גרויסע פערזענלעכקייטן פון דער נישט־יידישער וועלט. דאס ווייניקסטע, וואס קען וועגן דעם באַמערקט ווערן, איז, אז פון די דאזיקע מעטאדן שלאגט פשוט מיט חלשות און אז בכל אופן זענען זיי ווייט נישט געאייגנט צו דעם כלומרשט הייליקן ציל.

דער צווייטער אספעקט פון דער דאזיקער געזעלשאפטלעכער פראגע, דער, וואס האט א שייכות מיט די געלט־מיטלען און זייערע מקורות, שטייגט אָבער דעם ערשטן אספעקט ווייט אריבער. ער טראגט שוין אלע סימנים פון א פשוטן געזעלשאפטלעכן סקאנדאל.

וואלט דער איניציאטאר פון דער אידעע פונעם דענקמאל און איר רעאליזאטאר זיך פארקאטשעט די ארבל און גענומען זאמלען געלט, אזוי ווי ס'פירט זיך אין ענלעכע פאלן, ביים ברייטן עולם יידן און אפילו נישט־יידן, וואלט אפשר קיינער אים קיין שטארקע פארווורפן נישט געקענט מאכן. ער וואלט אין דער ברייטער וועלט געפונען אנהענגער פאר זיין פלאן, וואס וואלטן זיך געלאזט קאסטן וועדער מער, וועדער ווייניקער. ער וואלט אפשר אפילו געקענט געפינען יידישע ארגאניזאציעס, וואס וואָלטן זיך דערויף באשטייערט. אבער דאס אלץ וואלט געדארפט דורכגעפירט ווערן אויף דער באזע פון פולשטענדיקער פרייוויליקייט. קיין שום עקזיסטירנדיקע יידיש געזעלשאַפטלעכע פאָנדן מיט אַ שוין באַשטימטן צוועק האָבן אין דעם פאל נישט געטארט אנגערירט ווערן.

האט אבער דער איניציאטאר זיך דערשלאגן צו געלטער פון די שילומים און, ווי מען זאגט, זאל ער פון זיי ארויסבאקומען אזש דרייהונדערט מיליאן דאלאר פאר דעם צוועק, ד. ה. א קימא לן פון איבער הונדערט מיליאן פראנצויזישע פראנק.

וועלן מיר איצט לאזן אין א זייט די ליידנשאפטלעכע וויכוחים, וואס דער ענין שילומים האט זיינער צייט ארויסגערופן אין דער גאנצער יידישער וועלט. וואסער שטאנדפונקט מ'זאל אין דעם ענין נישט פארטרעטן און וואסער מיינונג מ'זאל נישט האבן דערוועגן, צי מען האט יא אדער נישט געדארפט זיך זעצן מיט די דייטשן ביי איין טיש, כדי ארויסצובאקומען פון זיי כאטש א טייל פון דעם

צוגערויבטן יידישן פארמעגן (וועגן דעם, אז זיי דארפן עס צוריקגעבן זענען דאך קיין צוויי מיינונגען בכלל נישט געווען און קיינער האט דאך די שילומים נישט באטראכט ווי אמין דייטשע רעפאראציע אדער „גוטמאכונג" פאר זייערע שווידערלעכע פארברעכנס לגבי אונז) און צי מ'האט פון זיי דאס גערויבטע יידישע גוטס נישט געקענט ארויסקריגן אויף אנדערע אופנים, נישט געבנדיק אדענאוערן אונזער יידישן הכשר צו זיין אריינטריט אין דער פעלקער־משפחה, קענען אבער וועגן דער פארווענדונג פון די שילומים־געלטער קיין צוויי מיינונגען ביי אונז נישט זיין. דאס דאזיקע געלט טאר אנדערש ווי אויף ריינע רעקאנסטרוקציע־צוועקן בשום אופן און ביי קיין תנאים נישט פארווענדעט ווערן.

און ס'וועט שוין זיכער זיין נישט קיין פארהערלעכונג, נאר א פארשוועכונג פונעם אנדענק פון אונזערע קדושים, אויב דאס דאזיקע געלט זאל אפילו טיילווייז גיין אויף צו שטעלן מצבות נאך זיי.

דאס איז כלל נישט קיין ענין פון קנאה, אדער וועלן אויסכאפן געוויסע געלטער פאר אנדערע צוועקן, פאר אנדערע קלייזלעך, ווי געוויסע „יא־זאגערס" ווילן איינרעדן דעם עולם. פון אונזער בימערער דערפארונג ביי אונז אין פראנקרייך (אין נישט נאר אין פראנקרייך) ווייסן מיר, אז וויכטיקע יידישע אינסטיטוציעס, דער עיקר חינוך־אנשטאלטן, קענען נישט געעפנט ווערן, אדער גייען אונטער צוליב מאנגל אין געלט מיטלען. מיר ווייסן אלע, אז די יידישע יוגנט אין דער גארער וועלט גייט אוועק פון אונז, מחמת ס'פעלן די געהעריקע מאטעריעלע און פעדאגאגישע מיטלען זיך מטפל צו זיין מיט איר (אויסשולן געניטע לערער און מדריכים פארלאנגט אויך געלט). עס דרייען זיך ארום איבער דער וועלט יידישע קראנקע, יידישע קאליקעס — קרבנות פון דער נאצישער רשעות — און יידישע אינסטיטוציעס זענען נישט בכוח זיי צו העלפן אין דער גענוגנדיקער און געהעריקער מאס, אלץ מחמת די באשרענקטע בודזשעטן זייערע.

ווידעראויפבויען, שטארקן, קאנסאלידירן יידיש לעבן אין די ערטער, ווו היטלער האט עס חרוב געמאכט, העלפן קומען צו זיך, כאטש טיילווייז, די יידישע קרבנות פון נאציזם — נאר דאס זענען,

נאר דאס קענען זיין די צוועקן פון די שילומים־געלטער און בשום אופן נישט עפעס אנדערש.

אויך אונזערע קדושים, וועלכע מ'וויל אויף געוואלט פארערן מיטן דענקמאל וואלטן אין דעם ענין אנדערש נישט געפסקנט. זיי וואָלטן זיך זיכער נישט געוווּנטשן מ'זאָל פון דעם געלט, וואָס איז ארויסבאקומען געווארן פון זייערע רוצחים פאר דעם אנגערויבטן יידישן גוטס, זיי שטעלן מצבות.

דער איניציאטאר פון דעם מאנומענט פארן אומבאקאנטן יידישן מארטירער איז זאגט מען, א מענטש מיט גרויסן אונטערנעמערישן שוווּנג. אייניס אבער פעלט אים זיכער. דאס איז יידישער פאלקס־געפיל, יידישע פאלקס־פאנטאזיע; ווייל, וואלט ער זיי פארמאגט, וואָלט ער איז זיין דמיון געזען, ווי יידן, צונויפגעפרעסטע אין די גאז־קאמערן, ארויסגעבנדיק זייער לעצטן אטעם, מאכן צו אים מיט די אויפגעהויבענע הענט: ניין, ניין! פון דעם געלט זאלסטו אונז קיין מצבות נישט שטעלן!

(„ארבעטער ווארט" פון 12־טן נאוועמבער 1954)

## יחזקאל קאַרנהענדלער

# די אוואַנטורע אַרום די זעקס מיליאָן קדושים

דאָס דאָזיקע אַרטיקל איז אָנגעשריבן געוואָרן מיט אייניקע יאָר צוריק, עס איז אָבער דורך אַ פּאַריזער רעדאַקציע נישט דורכגעלאָזט געוואָרן. דאָס דאָזיקע אַרטיקל באַווייזט גאַנץ קלאָר אַז דער אויפברויז קעגן דעם שנייאורסאָן־מאָנומענט האָט זיך אָנגעהויבן אַ סך פריער, איידער נאָך איז צוגעקומען דער ענין פון פאַרוועגדן די שילומים־געלטער פאַר דעם דאָזיקן צוועק.

אין יידישן פּאַריז, אין דער יידישער פּראָווינץ פון פראַנקרייך, און אויך מחוץ די גרענעצן פון פראַנקרייך, קומען לעצטנס אָן פיל געדרוקטע פּראָספּעקטן פון אַ שפּוגל נייעם „וועלט־קאָמיטעט אויפצושטעלן אַ קבר דעם אומבעקאַנטן יידישן מאַרטירער", וואָס רופט פּאַטעטיש יעדן ייד, ער זאָל גלייך, אָן אָפּהאַלט, אַריינשיקן זיין באַשטייערונג פאַר דעם דאָזיקן צוועק, „כדי יעדער איינער ייד — ווי עס שרייבן די מחברים (אָדער מחבר) — פון לעצט־אַרויסגעלאָזענעם שווידערלעכן רעקלאַמע־פּראָספּעקט — זאָל קענען זיך זאָגן, „אויך איך האָב בייגעטראָגן מיין חלק, כדי ס'זאָל אויפגעשטעלט ווערן דאָס קבר פאַר דעם אומבעקאַנטן יידישן מאַרטירער".

פון דעם גאַנצן רעקלאַמע־מאַטעריאַל, איינלאַדונגען אויף אינפאָרמאַציע־פאַרזאַמלונגען און פּראָפּאַגאַנדע־פּראָספּעקטן, דערוויסן מיר זיך, אַז דאָס האָט דער פּאַריזער „דאָקומענטאַציע־צענטער" פון פּריינט שנייאורסאָן, גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו, אויפצושטעלן אין פּאַריז „אַ מאָנומענט דעם אומבאַקאַנטן יידישן מאַרטירער". און צו דעם צוועק, איז געגרינדעט געוואָרן אַ וועלט־קאָמיטעט פון די סאַמע פּראָמינענטע יידישע און נישט־יידישע פּערזענלעכקייטן,

און... עולם, גיט געלט, א סך געלט, שווער געלט, שווערע מיליאנען, וואָרום אין „דאָקומענטאַציע צענטער" פון פריינט שנייערסאָן מאכט מען זיך נישט נאריש; אויב א מצבה, זאל עס זיין נישט עפעס דארט א שטיינדל... נאָר א וועלט־מצבה... און קאָסטן זאָל עס אויך א וועלט מיט געלט, וואָרום די מצבה דאַרף לויט די מחברים (אָדער מחבר) אויך זיין א מצבה פאַר דער וועלט... וועגן... יידישן אומגליק.

צו מיין גרויסער ווייטאג, האב איך נישט פאר דעם פראיעקט קיין אַנדערן אויסדרוק, ווי אַן אַוואַנטורע.

ווי לאנג נאך וועט מען אזוי שווידערלעך שפעקולירן מיטן פאר־גאסענעם יידישן בלוט?

ווי לאנג נאך וועט מען שמירן גאנצע זייטן מיט פראספעקטן ווו מען חזרט איבער צענדליקער מאל, מיט גרויסע פעטע אותיות „זעקס מיליאן" „זעקס מיליאן" „זעקס מיליאן" „זעקס מיליאן"? כדי וואס?

כדי יעדער זאל וואס גיכער שיקן געלט! זיך באשטייערן, מנדב זיין פארן קבר פון די זעקס מיליאן, וואס זאל, לויטן „געניאלן" פראיעקט פון פר' שנייאורסאן געשטעלט ווערן אין... פאריז, אין פאריז ווו עס דערשיינען שטירמער־צייטונגען, ווו עס דרייען זיך ארום טויזנטער, וואס האבן געהאלפן אומברענגען די זעקס מיליאן, ווו יעדן טאג קען א פארברעכערישע, יידן־פיינטלעכע האנט, שליי־דערן א שטיין, אדער שענדן אויף א וועלכן עס איז אנדערן אופן דעם פראיעקטירטן מאנומענט, אין פאריז ווו פיל פון די מענטשן וואס וועלן זען דעם מאנומענט, אדער אפשר אויך אים בויען (און פארדינען דערביי), זאלן ביי זיך טראכטן „אשאד" וואס נאר זעקס מיליאן זענען אומגעקומען".

לאמיר זיך גוט ארייינטראכטן אין דעם וואס דא געשעט, און גרייט זיך צו געשען:

א מאָנומענט פאַר די מאַרטירער? אומבאַדינגט אַז יאָ, האָבן מיר אין פאריז, אויף פער־לא־שעז אזא מאנומענט, דאס קעסטל אש, אהערגעבראכט פון אשוויענטשים. אין א סך ערטער, אין פארשידענע שטעדט ווו עס לעבן יידן, זענען אזעלכע מאנומענטן, גרעסערע

אָדער קלענערע, וויניקער אָדער מער באַשיידענע, געשטעלט געוואָרן, אין א סך ערטער טאוולען מיט די נעמען פון די קדושים, א.א.וו.

שטעלט דאס דעם פר׳ שנייאורסאן נישט צופרידן; ער וויל דעם גרויסן, דעם גראנדיעזן מאנומענט ממש א פאנטעאן; קען מען מיט אים אויך מסכים זיין.

אזא אומגעהויערע טראגעדיע, האט נאך אונזער פאלק נישט איבערגעלעבט, אזא מיליאנען שחיטה, נישט דורגעמאכט, דארף דער מאנומענט זיין מער ווי א טאוול מיט נעמען, מער אפילו ווי א גרויסער שטיין; איז געקומען דער „וועלט־קאמיטעט" מיט די בארימטע נעמען, און מען טוט, און מעט מאכט;

קוים אבער, דארף דאס זיין א מאנומענט געשטעלט דורך דעם גאנצן יידנטום פאר זיינע קדושים, און דער מאנומענט דארף געשטעלט ווערן אין פאריז, איז ווער האט עס באשלאסן? וועלכע פארטרעטער פון אונדזער פאלק? וועלכע קערפערשאפט? קיין שום באשלוס פון וועלט־יידנטום איז נישט געווען, קיין שום קאָנגרעס אפילו פון פראנצויזישן יידנטום האט זיך וועגן דעם נישט ארויסגעזאגט; דער גאנצער ענין איז אפילו נישט פון קיין קאמיטעט, דאס איז א זאך פון פריינט שנייאורסאן אליין, פון אים אליין, אויך דערפאר איז עס אן אוואנטורע, און דערפאר מוז איך זאגן:

„היט מיך גאט פאר אונדזערע פריינד".

הייסט עס, לויט דעם „סאמאדיערזשאוונעם" באשלוס פון פר׳ שנייאורסאן, זאל דער וועלט־מאנומענט פאר דעם אומבאקאנטן יידישן מארטירער, געשטעלט ווערן אין פאריז!

פארוואס אין פאריז?

פארוואס זאל דער מאנומענט וואס דאס יידישע פאלק גייט שטעלן זיינע קדושים נישט געשטעלט ווערן אין יידישן לאנד, אין ישראל?

פריער, האבן מיר נישט געהאט קיין אייגן לאנד, אבער איצט האבן מיר אן אייגן לאנד; איז פארוואס שטעלן דעם גרויסן מאנומענט מחוץ ישראל?

צו וואלטן די פראנצויזן געשטעלט זייער גרויסן נאציאנאלן פאלקס־מאנומענט פאר זייער אומבאקאנטן זעלנער, אין... לאנדאן?

אדער די ענגלענדער, וואלטן זיי געשטעלט זייער מאָנומענט אין רוים, צו אפילו אין פאריז?

צו קען עס געמאלט זיין אזא זאך ביי א צווייט פאלק?

אויך דערפאר, איז דער וועלט-מאָנומענט פאר די יידישע קדו־שים אין פאריז, אַן אוואנגמורע, און אַ נאַציאָנאַלער סקאַנדאַל!

עס וועלן נישט העלפן די צוגעטראכטע שטיקלעך, אז פאריז איז די שטאט פון דער „דעקלאראציע פון מענטש און בירגער", אז דא האבן מיר יידן צום ערשטן מאל באקומען גלייכע מענטשלעכע רעכט, אז פאריז איז א צענטער ווו מען קומט פון אלע עקן וועלט, אז אזא מאָנומענט וועט ווארענען די וועלט קעגן בארבאריזם א.א.וו. דאס זענען נעבעכדיקע תירוצים צו פארדעקן די אבסורדאַלע נאקעט־קייט פון גאנצן שנייאורסאָן־פראיעקט, וואס באהאלט זיך אונטערן נאמען „וועלט־קאמיטעט".

וועלט־קאמיטעט?

באַרימטע פערזענלעכקייטן, וועלן דעם פריינט שנייאורסאן נישט אפזאגן, און געבן זייער נאמען פאר דעם „קאמיטעט"; מיט דער הילף פון די דאזיקע נעמען, איז שוין לייכטער צו באקומען ווייטער־דיקע נעמען א.א.וו. פאקטיש בלייבט איין פריינט שנייאורסאן, וועל־כער טוט אין נאמען פון דעם „קאמיטעט" וואס אים געפעלט, א טייל מענטשן, נישט־יידן גיבן זייער הסכמה, ווייל זיי זענען אידעלע מענטשן; א מאָנומענט פאר די יידישע מארטירער? אוודאי, אט האט איר מיין נאמען. א טייל, צוליב אנדערע סיבות, אבער פאקטיש, איז דער גאנצער ענין, א זאך פון איין מענטשן.

נישט נאר איז עס א זאך פון איין מענטשן, נאר דער זעלבער פריינט שנייאורסאן, האט שוין אויך באוויזן צו קאמפראמיטירן זיין אייגן ווערק, דאס איז מיטן נאמען פון ענגלישן פרעמיער טשערטשיל, א נאמען וואס האט נישט נאר נישט קיין רעכט צו פיגורירן אין אזא קאמיטעט, נאר איז גאר א פארשוועכונג פאר אונזערע קדושים.

כדי נישט פארשטאנען צו ווערן שלעכט, מוז איך גלייך זאגן, אז איך וועל קיינמאל נישט פארגעסן די גרויסע ראל וואס טשערטשיל האט אויסגעפירט אין קאמף קעגן היטלער־דייטשלאנד, אבער אלע געדענקען מיר די טראגעדיע פון יענער שיף מיט יידן וואס האבן

זיך, אין די מלחמה־טעג, דערשלאגן צו די ברעגן פון ארץ ישראל, און זענען דורך דער טשערטשיל־פאליציי און מיליטער נישט אראפ־געלאזט געווארן אויפן ברעג געהאלטן געווארן אזוי לאנג, ביז זיי זענען אומגעקומען מיט דער שיף אינאיינעם.

און נאך א פאקט:

מיט א גאר קורצער צייט צוריק, האט דער זעלבער טשערטשיל, געגעבן 25 פונט צושטייער צו אן אקציע אויף צו פארטייטיגן א באריטשן נאציאן גענעראל.

יא, א שיינער נאמען פאר אן ערן־קאמיטעט, פארן מאנומענט פאר אונזערע מארטירער.

וואס איך קען מיר אויך נישט שענקען, וואס מיך פארדריסט ביז טרערן, ווייטיקט ווי געשניטן מיט א מעסער, זענען די נעמען פון ציוניסטן, פון די גאר אנגעזעענע, מיטן פרעזידענט חיים וויצמאן ז״ל און פרעמיער בן גוריון, וועלכע איך לייען אין דער ליסטע פון „וועלט־קאמיטעט״.

אויך זיי?

ציוניסטן, וואס האלטן אז דאס ידישע לאנד דארף זיין א צענטער פארן גאנצן פאלק, דארפן מיר זען, ווי די פירער פון ציוניזם, זענען מסכים אז דאס סימבאלישע וועלט־קבר פארן ידישן מארטירער, זאל זיך גאר געפינען מחוץ ישראל.

אויב יעדער ייד, מחוץ לארץ, דארף האבן כאטש א חוב צו באזוכן דאס ידישע לאנד, וועט עס איצט אויסקומען, אויב די אוואנטורע פון פר׳ שנייאורסאן זאל זיך איינגעבן, וועט פון דעם מאמענט אן, יעדער ייד פון ישראל האבן פאר זיין חוב, צו קומען כאטש איין מאל אין זיין לעבן, צו דער טרערן־וואנט, אין פאריז.

ציוניסטן זאלן מיט זייערע אייגענע הענט שמירן דאס פאר־וואנדלען ישראל, אין דעם הויפט־גייסטיקן צענטער פארן פאלק;

דא דארף דערציילט ווערן וועגן אן אומדערהערטער האנדלונג מצד דעם פר׳ שנייאורסאן וואס פארדינט נישט פארגעסן צו ווערן:

ווען דער פר׳ שנייאורסאן איז צוגעטרעטן צו דער פראפאגאנדע פאר זיין קבר־פראיעקט, האט ער נישט אנגעהויבן פון פארש־טענדיקן זיך קודם כל מיט די מלוכה־פירער פון ישראל, מיטן

פרעזידענט חיים ווייצמאן ז"ל און מיטן פרעמיער דוד בן גוריון, נאר אנגעהויבן פון דער קריסטלעכער וועלט, וועלכע האט פארשטייט זיך קיין אנונג נישט געהאט וועגן דעם סאמאדיערזשאוונעם הפקר־שריט פון פריינט שנייאורסאן. ערשט ווען ער האט שוין געהאט אין זיין קעשענע בארימטע נעמען פון פאליטיקער, מיניסטארן, פרעזי־דענטן און קעניגן, איז ער געקומען צו די ישראל מלוכה־פירער און זיי געשטעלט פאר א געשעענעם פאקט.

ישראל נויטיקט זיך אין אלעם, בוכשטעבלעך אין אלעם, כדי צו בויען דאס לאנד און דאס יידישע לעבן; דארף מען האבן קאָ־לאסאלע געלטער, און די געלט־זאמלונגען פארן יידישן אויפבוי, קומען גארנישט אזוי ליכט אן, און פלוצים, א נייע אקציע אויף דער יידישער גאס, פאר דעם פריינט שנייאורסאנס מאנומענט; אומעטום, זענען שוין מסתמא מעטיק די געלט־זאמלער, וואס פאדערן שווערע מיליאנען פארן קבר אין פאריז, (ווען מיר זאלן נאר אויף א מאמענט, א טראכט טון, וואס די זאמלער גופא וועלן אפקאסטן...)

אין אויף וואס זאלן יידן פריער געבן געלט?

וואלט אבער דער מאנומענט געשטעלט געווארן אין ישראל, וואלטן די שווערע מיליאנען, געווען א הילף פארן לאנד, וואס נוי־טיקט זיך אזוי אין אלעם.

און דער מאנומענט גופא, וואלט זיך געפונען ארומגערינגלט מיט יידן, באשיצט פון בייזע אויגן, און פארברעכערישע הענט.

און אז די זאמל־אקציע פארן מאנומענט, וועט ברענגען שאדן די זאמלונגען פאר ישראל, אין דעם בין איך טיף איבערצייגט.

וועגן דער אוואנטורע און נארישקייט וואס הייסט „וועלט־מאָ־נומענט" פאר אונזערע מארטירער אין פאריז, וואלט נאך געווען א סך צו רעדן. עס טוט געוואלדיק ווי, אז אזא שוידערלעך־טראגישע הפקרות זאל אזוי קענען אנגיין אין יידישן לעבן.

פון ערשטן מאמענט אן, ווען איך האב אנגעהויבן לייענען וועגן דעם מאנומענט האב איך בוכשטעבלעך, פארלוירן מיין רו, איך האב צו מיר כסדר נעטענט: אזוי פיל יידישע גדולים געבן זייער צושטימונג צום פראיעקט, ווי מעג איך עס, פשוטער מענטש, פון דער גרויסער מאסע, זאגן לא, ניין. מערערע מאל האב איך גענומען

די פעדער אין האנט, און זי צוריק אוועקגעלייגט, עס האט מיר אויס־געפעלט מוט זיך אנטקעגנצושטעלן אזא וועלט, אבער אלץ אין מיר שרייט קעגן דער עוולה וואס דא גייט ווערן אפגעטאן, און כאטש אין וויים אז מיט מיין ארויסטריט בין איך חייב מיתה, קען איך נישט שווייגן.

א מאנומענט פאר אונדזערע קדושים? א פאנטעאן פאר אונד־זערע מארטירער? אומבאדינגט יא! אבער נאר אין אייגענעם לאנד אין ישראל. נאר דאן וועט מען האבן רעכט זיך צו ווענדן צום פאלק, עס זאל מיט זיינע געלט-שפענדונגען, אים העלפן אויפשטעלן. דאס קען נישט און טאר נישט געשען ערגעץ אנדערש.

# א מאנומענט פאר אונזערע קדושים לויט אונזער באגריף

מיר האבן לעצטנס באקומען א גאנצע ריי ווענדונגען און אנפראגן פון אינסטיטוציעס און פערזענלעכקייטן וועגן אונזער שטאנדפונקט אין דעם ענין פון אויפשטעלן אין פאריז א מאנומענט פאר די יידישע קרבנות, וועלכע זיינען אומגעבראכט געווארן דורך די נאציסבעות דער צווייטער וועלט־מלחמה. מיר מאכן דעריבער אויפמערקזאם, אז שוין מיט העכער צוויי יאר צוריק האבן מיר קלאר און דייטלעך ארויסגעזאגט אונזער מיינונג אין דער דאזיקער פראגע און מיר בלייבן קאנסעקווענט ביי אט דעם שטאנדפונקט. מיר זיינען פון אנהויב אן געווען אנטשלאסן קעגן דעם פראיעקטירטן אופן פון פאראייביקן דעם זכרון פון אונזערע קדושים, ווייל מיר באטראכטן אים פאר נישט יידישלעך און פאר שעדלעך. דאס, וואס מיר האבן פארשטאנען און אויפגעקלערט עפנטלעך באלד נאכן אנטשטיין פונעם פלאן וועגן מאנומענט אין פאריז איז ערשט איצט אריינגעטרעטן אין דער אנטשיידענדיקער פאזע און מיר זיינען צופרידן, אז אונזער שטאנדפונקט האט ענדלעך געפינען מאסן אנהענגער אין דער יידישער געזעלשאפט. מיר גיבן דא אויסצוגן פון א גרעסערן ארטיקל פון אונזערן חשובן מיטארבעטער הרב ד״ר שמעון פעדערבוש „ווי צו פאראייביקן דעם אנדענק פון אונזערע קדושים" געדרוקט אין „אונזער וועג" נר. 8 (277) פון 22־טן אויגוסט 1952 און מיר דרוקן גלייכצייטיק די רעדע פון מזרחי־פירער, און אנזעעענעם געזעלשאפטלעכן עסקן, אונזער רעדאקציע־מיטגליד הרב נתן טשאסקאלא, געהאלטן אויף דער זיצונג פונעם קהילה־ראט, געווידמעט דעם ענין פון מאנומענט.

ס׳פאלגט דער איבערדרוק פונעם ארטיקל פון הרב ד״ר פעדערבוש, וועלכן מיר האבן שוין אפגעדרוקט אויף די פריערדיקע זייטן פון דעם פארליגנדן בוך.

(„אונזער וועג" פון 25־טן נאוועמבער 1954)

מ. קאליקשטיין (אמעריקע)

## די יידישע קהילה פון פראנקרייך קעמפט נאך אלץ קעגן א „קדושים-מאנומענט"

מיט א צייט צוריק האט זיך אין דער יידישער פרעסע פון אמע-ריקע געטומלט מיט גרויסע אנאנסן, אינספירירטע ארטיק-לען און ריזיקע רעקלאמעס וועגן א מאנומענט „פאר די זעקס מיליאן קדושים" וואס מען גייט „פאראייביקן" (ווער טראגט דען היינט נישט ארום קיין אייביקייט אין די קעשענעס פאר זיך און פאר כלל-ישראל?) דווקא אין פאריז. ווי דורך א כישוף האבן זיך כמעט אלע היגע עסקנים געווארפן צום קדושים-מאנומענט — און אפילו דער היגער „וועקער" פון סאציאליזם האט מיט מעסער-לשון פשוט געוואלט עוקר מן השורש זיין א שרייבער פון „קעמפער" פאר זיין קעגנערשאפט צום גאנצן ענין. וואס האט מען פון אים דארט נישט געמאכט אפילו פאר א קאמוניסט, רחמנא לצלן... אז מען טשעפעט זיך מיט קדושה און רביישע משפחות — וועט אפילו דער „וועקער" פון יידישן סאציאליזם אין אמעריקע אויך נישט שווייגן. פארוואס איז פלוצים שטיל געווארן?

דערציילן אונז גרוסן פון פאריז, אז אויסער די געזאמלטע געלטער פארן מאנומענט אין אמעריקע, ענגלאנד, שווייץ, פראנק-רייך, בראזיל... (און ווי מ'זאגט איז אויך א גרעסערע סומע געזאמלט געווארן אין יאהאניסבורג) — האט נאך דער איניציאטאר באקומען טבין ותקילין דריי הונדערט טויזנט דאלאר פון די דייטשע רעפאראציע-געלטער. עס איז אפילו א סברה, אז עס דארפן נאך צוגעגעבן ווערן הונדערט טויזנט דאלאר מיט שאר ירקות. וויפל אייגנטלעך דארף עס קאסטן דער דאזיקער קדושה-שטיין אין פאריז? און צי האט זיך טאקע דערפאר געלוינט צו זיצן און דינגען זיך מיט די דייטשן, פריינטלען זיך צו זיי? אויב עמיצער גלויבט נאך

אז אזא מין דענקמאָל איז אַ גרויסער זכות, אַ מצווה— וועלן דערצו „זוכה זיין" די דייטשן און נישט די נאַאיווע יידן פון אמעריקע, וועלכע האָבן אַוועקגעגעבן זייערע פאַר דאלאר די פאַריזער מענטשן בכדי צו פאראייביקן זייערע נאענטע קדושים. דער דייטש האט דער־מאָרדערט די „זעקס מיליאָן" און ער אליין וועט געבן געלט זיי צו פאראייביקן... שטימט עס נישט?

אבער פאריזער אידן קאכן זיך נישט בלויז צוליב דעם און זיי דיסקוטירן שוין בכלל נישט מער דעם ענין „יא נעמען אדער נישט נעמען". דער געזעלשאפטלעכער עסקן און באראן גי דע ראטשילד (טאקע דער אמתר יורש פון ראטשילדן און אייניקל פון נדיב הידוע!) האט געגעבן דעם ערשטן סיגנאַל צום קאמף: לויט אים איז די סומע פון דריי הונדערט טויזנט דאלאר פארן צווייפלהאפטן מאנומענט צופיל — בפרט נאך ווען דאס איז ארויסגעריסן געווארן פון די פראבלעמאטיש־דייטשע געלטער. באראן ראטשילד האט דערפאר פארגעלייגט, אז מער ווי פופציק־טויזנט דאלאר (אויך א מיליאנען־ציפער אין פראנצויזישע פראנקן!) זאָל מען אויף דעם מאָנומענט נישט אויסגעבן. אָבער באַראָן ראָטשילד האָט אָנגעמראָפן אויף אַ קעגנערשאפט פון א קליינע גרופע יאהודים און — למען האמת — אויך עטלעכע ארטלעך־געזעלשאפטלעכע מוער. דערפאר אבער האט דער ציוניסטישער מאַסן־יידן אין פאַריז גענומען דאָס וואָרט און איז נישט מסכים מיט ביידע: ער האַלט, אַז אויך 50.000 דאָלאַר זיינען צו פיל פאר אזא לוקסוס־שטיין אין דעם מאנומענט־פולן פאריז. בפרט נאך ווען דערצו ווערן באנוצט אזעלכע „קאמפליצירטע" כלל־געלטער.

די פארוואלטונג פון דער יידישער קהילה, וואס ישראל עפ־רויקין ז"ל האט געשאפן איז ארוים מיט א שארפן פראטעסט און די פרנסים האָבן אָנגעוויזן דאָסזעלבע: אויב מען האָט שוין יאָ באשלאסן צו נעמען דייטשע געלטער, זאלן זיי כאטש פארווענדעט ווערן אויף די וויכטיקסטע און לעבעדיקסטע אינטערעסן פון יידיש־קייט, דערווייל אבער גייען אונטער די פאר יידישע שולן פון פראנק־רייך צוליבן מאנגל אינם עלעמענטארסטן בודזשעט, די קולטור־פאזיציעס האבן נישט מיט וואס צו האלטן זיך, שרייבער און קינסט־

לער הונגערן, ביבליאטעקן קענען זיך נישט פארגינען צו קויפן א בוך און עס איז נישט מעגלעך אויפצושטעלן כאטש איין יידישן יוגנט־קלוב... דאס קולטורעל־געזעלשאפטלעכע לעבן אין פראנקרייך גייט פשוט אונטער אויך צוליב מאנגל אין די עלעמענטארסטע פינאנצן — טא ווי אזוי קען מען אוועקגעבן די (פאר פראנקרייך אסטראנאמישע) סומע פון 300 טויזנט דאלאר פאר אזא מין דענקמאל?

אלע פרנסים פון דער יידישער קהילה — ציוניסטן, נישט־ציוניסטן, רעליגיעזע און פרייע — האבן באשלאסן אנצוהויבן א שארפן קאמף קעגן פארוועגדן די דייטשע רעפאראציע־געלטער פאר א זעלכע צוועקן... בלייבט בלויז די שאלה: פארוואס האבן זיי זיך ערשט דערמאנט? פארוואס האבן זיי דעם ענין ביז איצט נישט באקעמפט און געווארט ביז די דאזיקע סומע (און מיר ווייסן — נאך א גרעסערע) איז שוין באשטעטיקט געווארן און אפשר גאר שוין אויסגעצאלט געווארן די דענקמאל־איניציאטארן?

דערווייל האבן מיר געהערט דערויף א קלארע תשובה בלויז פון איין געזעלשאפטלעכן און פועלי־ציוניסטישן עסקן אין פראנקרייך א. רודי, (אין פאריזער „אונזער ווארט״ פון 18טן אקטאבער). עס האט ביז איצט געהייסן אז א גרופע פריוואטע אדער געזעלשאפטלעכע אידן פון אמעריקע ווילן אויפשטעלן פאר זייער אייגן געלט א דענקמאל פאר די קדושים אין פאריז. אויך דאס האט ארויסגערופן א שארפן בייגעשמאק, קענענדיק די הינטערקוליסן פון דעם גאנצן ענין: פארוואס אינטערעסירט נישט די זעלבע נדבנים און באגייסטערטע אונטערשטיצער פונם דענקמאל דאס לעבעדיקע לעבן? פארוואס זיינען זיי עס אזוי פרייגיביק פאר א מאנומענט און פארוואס אזוי גלייכגילטיק צום אונטערגאנג פון לעבעדיקער אידישקייט? אבער דאס איז ביז־איצט געווען זייערס א מין פריוואט־אונטערנעמונג און קיינער האט זיי נישט געקענט זאגן קיין דעה וועגן זייערע פריוואטע „עסקים״... אבער ווען דער דאזיקער ענין האט אויסגעשטרעקט די הענט צו די געלטער וואס מען האט גענומען אינם נאמען פון גאנצן פאלק—האט שוין לכל הדעות דאס פאלק די דעה! און דאס פאלק וויל נישט דאס דאזיקע קאסטשפיליקע דע־

פילירן מיט „מאנומענטן" צופוסנס פון א אונטערגייענדיק יידיש לעבן...

די באריכטן פון דער פאלקסטימלעך־יידישער קהילה אין פראנק־רייך זאגן אן א שארפן קאמף. צי וועלן אבער די פרומע און אויך ציוניסטישע פאלקן־אידן פון פראנקרייך עפעס אויפטון קעגן דער גרופע גבירים און זייערע אמעריקאנער דענקמאליסטן? דערויף זיינען מיר נישט ביכולת צו ענטפערן...

אבער מען בויט...

ווי עס ווערט אונז מיטגעטיילט פון פאריז, איז דער קאמיטעט פארן דענקמאל שוין צוגעטרעטן אים אויסצובויען. נאר דערביי האט אויך די פארטיי „פועלי ציון התאחדות" און דער פארטרעטער פון „איחוד עולמי" אין ישראל אנגעהויבן א שארפע אקציע קעגן דעם דאזיקן דענקמאל — און עס זעט אויס, אז דער קאמף ארום דעם ענין וועט זיך פארשארפן. א טייל פון די, וועלכע זענען קעגן דער אקציע פון דער פועלי ציון פארטיי און דער פאריזער קהילה טענהן, אז איצט איז שוין צו שפעט אנצוהויבן א פראפאגאנדע פארן אנו־לירן דעם דענקמאל. דאקעגן האלטן די באקעמפער, אז מען דארף אוועקלייגן די בושה אין א זייט און נישט לאזן אויסגעבן עטלעכע הונדערט מיליאן פראנק אויף א דענקמאל.

אינטערעסאנט דערביי איז, אז דעם פראיעקט פאר אויפבויען דעם דענקמאל פארטיידיקט בעיקר די בונדישע טאג־צייטונג אין פא־ריז. דאס קוריאזע דערביי איז אויך, וואס דער עכטער „בונד" (און נישט די יידיש־סאציאליסטישע קרייזן אין אמעריקע) איז א שארפער קעגנער פון נעמען די דייטשע רעפאראציע געלטער. זיין קאצעטלער־פארבאנד איז ערשט לעצטנס ארויסגעטראטן קעגן דעם. ווי אזוי די בונדישע שטעלונג אין ניו־יארק פארט זיך מיטן בונדישן פארטיידיקן א דענקמאל פאר הונדערטער טויזנטער דאלארן פון די דייטשע רעפאראציע־געלטער אין פאריז בלייבט פאר אונז א רעטעניש...

(אידישער קעמפער" 10־טער דעצ. 1954)

## ד״ר מיכאל באָרוויטש

# לעגענדעס און ווירקלעכקייט

### פון דער יידישער חורבן דאקומענטאציע אין פראנקרייך

זינט יארן שרייבט מען א סך וועגן די גרויסע אנשטרענגונגען און פארדינסטן אויף דעם געביט פון פאראייביקן די גורלות פון יידן אין פראנקרייך בעת דער דייטשער אקופאציע. שטיצנדיק זיך אויף די צאלרייכע, כסדרדיקע און פארשידנארטיקע שמועות, איז דער יידישער מאסן־מענטש איבערצייגט, אז אויף דעם געגעבענעם געביט האט מען געטאָן אַלץ וואָס איז נאָר מעגלעך געווען צו טאָן. די דאָזיקע איבערצייגונג (באַזירט אויף שמועות), וויגט אין זיין געוויסן: זי גיט אים די סוביעקטיווע זיכערקייט, אז „מען זארגט שוין דערפאר״.

וואס שייך די איינגעוואנדערטע יידן איז זייער איבערצייגונג אין דעם זעלבן פּרט נאך א פעסטערע, הגם אויך אין דעם פאל שטיצט זי זיך בדרך הכלל בלויז אויף געוויסע ווארשיינלעכקייט־מסקנות, ד. ה. אויף א נישט־קאנטראלירטן פארגלייך־אויספיר, און דהינו: זיי געדענקן גוט, אז די יידישע היסטארישע קאמיסיע, וואס איז געווען טעטיק אין פוילן באלד נאך דער מלחמה, האט באוויזן אין משך פון קנאפע צוויי יאר (1945־1947) נישט בלויז צו פארזיכערן די אלע געבליבענע דאקומענטן, נאר אויך צו פארפראטאקאלירן טויזנטער און טויזנטער גבית־עדות פון ניצלגעוואָרענע, און אַרויסגעגעבן אכט און דרייסיק ביכער־פובליקאציעס. אפגערעדט שוין דערפון, וואס אין דער זעלבער צייט האט זי צוגעגרייט די באוויז־מאטעריאלן פאר צאלרייכע פּראצעסן קעגן די קריגס־פארברעכער (סיי אין פוילן גופא און סיי פאר אויסלאנד) און אירע פארשטייער זענען אַרויסגעטרעטן אַלס אָפיציעל אַנערקענטע עקספערטן פארן העכסטן נאציאנאלן טריבונאל, תמיד ווען דער לעצטער האט געמשפט די יידן־הענקער.

האבנדיק דאס אלץ אין זינען, מאכן די דערמאנטע יידן א פשוטן אויספיר — אויב אין פוילן, אין פארלויף פון קנאפע צוויי יאר האט מען אויסגעפירט אזא ריזיקע ארבעט, איז דאך זיכער, אז דא אין פראנקרייך, אין פארלויף פון צען יאר אנגעשטרענגטע באַמיאונגען, האט מען רעאליזירט מינדעסטנס פינף מאל מער. און אויב אזוי איז דאך שוין זיכער „אלץ אין בעסטן ארדנונג".

לײַדער איז די דאָזיקע איבערצייגונג נישט מער ווי אַ לויטער אילוזיע. די עיקרדיקע דאקומענטאציע וועגן יידן אין פראנקרייך בעת דער אקופאציע האט מען אפילו נישט אנגעהויבן.

אין אנבליק פון די אלע, זינט א סך יארן איבערגעחזרטע דעקלאראציעס, באַריכטן, אנערקענונגס־אויסדרוקן און לויבגעזאַנגען, זעט אויס אַזאַ פעסטשטעלונג ווי אַ שרייענדיקער פּאַראַדאָקס. לײַדער איז עס אמת. אַ ביטערער אמת.

די ווירקלעכקייט.

לאזנדיק אויף א וויל אין אזייט די אן א שיעור ניואנסירטע פרטים, קען מען אין דער אזוי גערופענער „חורבן־דאקומענטאציע" אויסטיילן צוויי גרויסע אספעקטן:

1) דאס וואס די דייטשע הענקער האבן געטאָן מיט זייערע קרבנות;

2) דאס וואס די קרבנות גופא האבן איבערגעלעבט, וואס זיי האבן געפילט, געטראכט און געטאן, ווי אזוי זיי האבן רעאגירט.

דעם ערשטן אַספעקט קען מען אין אַ געוויסער מאָס באַשרייבן און דאָקומענטירן מיט דער הילף פון פאַרשידענע אַקטן, וואָס זענען געבליבן אין די דייטשע ארכיוון (זייער אפיציעלע און געהיימע קאראספאנדענץ, זייערע אפיציעלע און געהיימע באריכטן, זייער „בוכהאלטונג" געפירט אין די געמא־פארוואלטונגען, אין די תפיסות, אין די לאגערן, אויף דער פאליציי א.א.וו.) כ'זאג „אין א געוויסער מאס", ווייל אין דער הינזיכט דארף פונדעסטוועגן דער פארשער זיין ביז גאר וואכזאם און חס וחלילה נישט אנטרויען בלויז די דאזיקע אקטן.

גאר אנדערש שטעלט זיך פאר דער פראבלעם בנוגע דעם צווייטן אספעקט. פון די אקטן (מעגן זיי זיין באפוצט אפילו מיט א גאנצן טוץ אריגינעלע דייטשע שטעמפלען!) וועט מען זיך דערוועגן זיכער קיין סך נישט דערוויסן.

צום גליק זענען געבליבן טויזנטער און טויזנטער דירעקטע, לעבעדיקע עדות. יעדער ייד, וואס האט איבערגעלעבט די היטלער-אקופאציע, איז דאך אן עדות וואס האט אן א שיעור צו דערציילן: אומאפהענגיק דערפון ווי אזוי ער האט זי איבערגעלעבט. איז דערי־בער פון דעם ערשטן מאמענט געווען קלאר, אז מען דארף אומבא־דינגט פארפראטאקאלירן זייער עדות־זאגן.

די דאזיקע אויפגאבע האט מען טאקע ארגאניזירט, אין א גרויסן פארמעסט, כמעט אומעטום ווו די ניצול־געווארענע האבן אונטערגענומען די ווידעראויפבוי־טעטיקייט: אין פוילן און אין טשעכאסלאוואקיע, אין אונגארן און אין רומעניע, אין עסטרייך און אין דייטשלאנד, אין סקאנדינאוויען און אין נאך אנדערע לענדער.

דאס כמעט איינציקע באפרייטע לאנד, ווו (אויף דעם יידישן אפשניט) האט מען נישט ארגאניזירט די דערמאנטע היסטארישע שליחות, איז געווען (און עס בלייבט נאך תמיד!) דווקא דאס דאזיקע לאנד, ווו מען האט צום לענגסטן און אויף אלע טענער פארטיילט די סופערלאטיוון פאר די דערגרייכונגען און פאר די פארדינסטן לגבי דער „יידישער דאקומענטאציע": פראנקרייך.

מיט א צייט צוריק האט די קולטור־אפטיילונג ביי דער פאריזער קהלה באשטימט א היסטארישע סעקציע, וועלכע האט אויסגעארבעט א פלאן צו פאריכטן, כאטש אין א געוויסער מאס די צען־יאר־דויערנדיקע פארנאכלעסיקייט. ס'איז אבער געשען דערמיט דאס זעלבע, וואס פאסירט מיטן רוב נוצלעכע פלענער: ס'איז געבליבן ביי דעם פלאן מחמת מאנגל פון מינימאלסטן בודזשעט.

עס באשעפטיקט זיך לעצטנס עקשנותדיק מיט פראטאקאלירן גבית־עדות א פערזאן פון דער פאריזער „יווא"־אפטיילונג, באאויפ־טראגט (ווי איך ווער געוויער א דאנק איר פריינטלעכער אינפאר־מאציע) דורך דער יווא־צענטראלע אין ניו־יארק. מ'דארף באגריסן די דאזיקע איניציאטיוו, ווייל — אין אנבליק פון אן אבסאלוטן

בלויז — איז אלץ וואס ווערט געמאכט אין דער היגזיכט, פארט עפעס א ציגל.

גלויבט דען פונדעסטוועגן עמעצער, אז די צען־יאריקע שטראפ־בארע פארנאכלעסיקייט קען מען דערייאגן מיט א... ווינקל־ארבעט?

דער פאקט אלס אזעלכער רעדט אבער פאר זיך: ער באווייזט אז אפילו אין אמעריקע האט מען שוין פארשטאנען, אז פון די פראנצויזיש־יידישע אינסטיטוציעס (געגרינדעט ספעציעל פאר דער חורבן־דאקומענטאציע) קען מען אויף דעם געביט גאנץ ווייניק דערווארטן.

ווי אזוי איז דערצו געקומען.

דער לייענער וועט מן הסתם פרעגן, פארוואס „שפרינג איך מיט דעם אלעמען ארויס" ערשט איצטער. וויל איך דערויף פעסט־שטעלן אט וואס: אין פראנקרייך האב איך דערוועגן גערעדט אויס־פירלעך שוין אין יאר 1947, און דווקא אויף דער קאנפערענץ צונויפגערופן דורך דעם פאריזער „יידישן דאקומענטאציע־צענטער" (וועלכער האט עס, אגב, לאיאל פארצייכנט אין זיין בוך מיט באריכ־טן פון יענע בעראטונגען, ארויסגעגעבן א. ג. „לע זשוויף אן עוראפ", ז. 93-96). שפעטער האב איך דערוועגן געשריבן אין „אונזער ווארט" און גערעדט עטלעכע מאל אין ספעציעלע רעפע־ראטן. נאך שפעטער (און פרינציפיעל) אין דעם זשורנאל „פראבלע־מען ארגאן פון דעם „פארשונגס־צענטער פאר געשיכטע פון פוילישע יידן".

אויף אלע ווענדונגען, איניציאטיוון און ארגומענטן, פלעג איך אבער באקומען איין ענטפער: — וועגן דער יידישער חורבן־דאקו־מענטאציע פאר פראנקרייך „זארגט שוין א פאראנענע יידיש־פראנצויזישע אינסטיטוציע, געגרינדעט טאקע ספעציעל פאר דעם דאזיקן צוועק. ווען איך האב פרובירט אויפצוקלערן, אז סיי די אנגערופענע און סיי נאך אנדערע אינסטיטוציעס זארגן טאקע באמת (לויט זייערע... פערזענלעך אנגענומענע מעטאדן), נאר אז — צום באדויערן — האט קיין איינאיינציקע פון די דאזיקע אינסטיטוציעס ווייט נישט אויסגעשעפט די באלויכטונג פון דעם פראבלעם לויט

די פון מיר אויבן דערמאנטע אספעקטן, האט מען מיינע רייד באטראכט כמעט ווי א חילול השם.

בלויז מיט „מאכן זיך נישט ווויסנדיק" און בלויז מיט קוקן אויף דעם מאנער ווי אויף א שמחה־שטערער, קאן מען קיין סך נישט אויפטאן. איז דעריבער דער רעזולטאט אזעלכער ווי ער האט געמוזט זיין: נאך צען יאר זעלבסטצופרידנקייט און קאמפלימענטן, האט מען אין פראנקרייך גארנישט וואס וואלט געקענט ווערן באטראכט כאטש פאר אן אנהויב פון דעם מין דאקומענטאציע, אין אן ערנסטן און נישט אין קיין ווינקל־פארנעם.

די לעצטע שאנס.

די אויפגאבע איז דערביי א ריזיקע. מיט יעדן פארלוירענעם יאר און מיט יעדן פארלוירענעם טאג ווערט זי שווערער.

אויב אין די ערשטע יארן נאך דער מלחמה איז געווען פארהעלטניסמעסיק זייער לייכט צו מאביליזירן דאס עדות־זאגן, פאדערט עס איצטער אן א שיעור גרעסערע אנשטרענגונגען. אויב אין יענע יארן האט יעדער עדות געהאט פריש אין זכרון די דורכגעמאכטע נסיונות און די געוועזענע פאקטן, האט ער אין משך פון די לעצטע צען יאר באוויזן א סך דערפון צו פארגעסן. חוץ דעם האט ער געהאט געלייענט א סך געדרוקטע באריכטן און אויסגעהערט א סך דערציילטע מעשיות פון ענלעכן כאראקטער. אין רעזולטאט וועט ער, זייער אפט, שוין אליין נישט קענען אפטיילן זיינע פערזענלעכע איבערלעבענישן פון די פרעמדע, איבערגעלייענטע אדער אויסגעהערטע. בפרט וואס אין אזעלכע באריכטן האנדלט זיך נישט בלויז וועגן פיזישע פאקטן נאר רויך — און אפשר קודם כל — וועגן דעם גאנצן פלאנטער פון גייסטיקע רעאקציעס אין יענע באדינגונגען. אויב דאס אפנעמען פון גבית־עדות וועט נישט ווערן געפירט אונטער א פאכמענישער ליידונג, לויט שטרענג דורכגעטראכטער מעטאדע, צוגעפאסט צו די ספעציעלע עלעמענטן, וואס קומען אין באטראכט, קען מען לייכט צונויפזאמלען א מאסע נישט־געשטויגענע און נישט־געפלוירנענע עדותן; די לעצטע וועלן נישט בלויז שאפן קיין שום

געהעריקע באזע פאר ערנסטע פארשונגען נאר — פארקערט! — זיי וועלן זיי פארוואנדלען אין א טראגישע מיספארשטענדניש.

נישט ווייניקער באוואָרעניש רופן אַרויס די איניציאטיוו רעאַלי־זירט, אין א קליינעם ווינקל מאסשטאב. די צונויפגעזאמלטע מאטע־ריאלן קענען האבן א ווערט בלויז און אויסשליסלעך דעמאלט, ווען זיי זענען אין א גענוגענדיקער צאל בכדי צו דערלויבן די פארגלייך־שטודיעס, און בלויז דעמאלט ווען די פראטאקאלן זענען אקומולירט. כאפן א פאר גבית־עדות דא און עטלעכע דארט, שיקן א בינטל פרא־טאקאלן אין א „צענטראלע" מעבר לים, וועט נאר איין מאל פאר אלע מאל טויטן די לעצטע שאנס צו קענען פארט, כאטש אין א געוויסער מאס, פארריכטן די שווערע זינד.

(„אונזער ווארט" פון 18־טן און 21־טן דעצ. 1954)

# דער ענין „מאנומענט״ אין פאריז

דער פראיעקט אויפצושטעלן אין פאריז א „מאנומענט״ פארן אומבעקאנטן מארטירער״, רופט ארויס היציקע וויכוחים אין יידישן פראנקרייך. ס׳איז קלאר, אז אין א סך יידישע קרייזן הערשט א שטארקע קעגנערשאפט צו דעם פלאן.

די אפאזיציע קומט מצד די קאנסערוואטיווע קרייזן צוליב רע־ליגיעזע טעמים און אין יידיש נאציאנאלע קרייזן האלט מען אויך דעם פראיעקטירן מאנומענט פאר אן אומפאסנדיקן אויסדרוק פון דעם יידישן טרויער.

מ׳קען געפינען א פיל בעסערן און נוצלעכן יידישן דענקמאל ווי א מאנומענט, ווי דאס ווערט פראיעקטירט מצד די לינקע יידישע גרופן.

קעגן דעם געפלאנטן מאנומענט איז ארויסגעטראטן דער פראנ־צויזישער ראבינאט. סוף־כל־סוף איז א „מאנומענט פארן אומבא־קאנטן יידישן מארטירער״ נישט מער ווי ענלעכע נישט־יידישע מא־נומענטן. דער פראנצויזישער ראבינאט שטעלט זיך אפ אויפן טראדיציאנעלן מאמענט, און דערקלערט אין זיין קעגנערשאפט, אז די אש פון די יידישע קדושים דארף קומען צו קבורה נישט ערגעץ אנדערש ווי אויפן בית־עלמין. דער ראבינאט גלויבט, אז בכדי צו האלטן פריש דעם זכר פון די קדושים, דארף מען האבן אנדערע מעטאדן, ווי למשל: אויפשטעלן א וויכטיקע קולטורעלע יידיש אינ־סטיטוציע.

אויך אין אנדערע יידישע קרייזן אין פראנקרייך איז מען אומצופרידן מיט דעם פראיעקטירטן מאנומענט און מיט דער פאלע־מיק ארום דעם ענין, וואס ציט זיך שוין א לענגערע צייט. עס ווערט אנגעוויזן, אז די איניציאטארן פונם פלאן האבן זיך נישט בעראטן מיט די יידישע קערפערשאפטן אין פראנקרייך. דער „בונד״, פון דער אנדער זייט, באשולדיקט די ציוניסטן אין פראנקרייך, אז זיי זיינען דאס פאראנטווארטליך פאר דער קעגנערשאפט צום „מאנומענט״, און

אז זיי ווענדן אן אלע כוחות כדי נישט צו דערלאזן, אז דער פלאן זאל פארווירקלעכט ווערן.

קען זיין, אז די ציוניסטן אין פראנקרייך זיינען טאקע קעגן דעם פראיעקט, אבער אמת איז, אז אויך אלע אנדערע יידישע ארגאני־זאציעס האלטן דעם מאנומענט פאר אומגעוווּנטשן.

די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע, פונקט ווי די פאַריזער יידישע געמיינדע, דער ראט פון טראדיציאנעלן יידנטום, די „בני ברית", די פעדעראציע פון יידישע געזעלשאפטן און אנדערע יידישע ארגאני־זאציעס, שוין נישט רעדנדיק וועגן א ריי פראמינענטע יידישע פער־זענלעכקייטן — זיינען אלע קעגן דעם מאנומענט פראיעקט.

די ציוניסטן זיינען אויך קעגן דעם פלאן, וואס באווייזט, אז די איבערוועגנדיקע מערהייט אין יידישן פראנקרייך האט א נעגאטיווע שטעלונג צו דער זאך. די איניציאטארן אבער רעכענען זיך ניט מיט דעם יידישן דעת הקהל, זיי האבן אפילו צוגעצויגן עטלעכע רבנים אויף זייער זייט.

אין צוזאמענהאנג מיט די רבנים, וואס האבן געפסקנט לטובת דעם מאנומענט, האט הרב שווארץ, א קעגנער פונם פלאן, זיך געווענדעט צום הרב הראשי הרב הערצאג וועגן דעם ענין און האט באקומען דעם פאלקנדיקן ענטפער:

„מען האט מיך בכלל נישט אנגעפרעגט, צי דער פראיעקט איז גוט אדער נישט מען האט מיך נאר בארויקט אין דער פראגע וועגן מענטשלעכע פיגורן אויף דעם מאנומענט.

וואס אנבאלאנגט דעם פראיעקט אלס אזעלכן, האלט איך מיך ווייטער בײַ מיין ערשטער מיינונג: עס איז געוויס מעגלעך צו שאַפן וויכטיקע אינסטיטוציעס, וואָס וואָלטן אויף אַ בעסערן אופן פאַראייביקט דעם אנדענק פון די יידישע קרבנות... עס קען נישט זיין קיין ספק, אז צ.ב. א יתומים־הויז וואלט געהאט א סך א גרעסערן ווערט ווי א מאנומענט פון שטיין..."

(„פאלק און ציון" ד־8 פערטער יארגאנג)

## ד״ר מיכאל באָרוויטש

# אן אפענער בריוו

חשובער פריינט פ. שראגער,

אין דער נייער בראשור, ארויסגעגעבן דורך דעם פריינט י. שנייאורסאן „דאקומענטאציע־צענטער״, מיט דעם צוועק צו דאקומענטירן די נויטווענדיקייט פון „מאנומענט פאר דעם אומבע־קאנטן יידישן מארטירער״ אין פאריז, האב איך מיט דעם גרעסטן אינטערעס איבערגעלייענט עטלעכע וויכטיקע רמזים אין אייער ארטיקל. איר שרייבט דארט: „דא (אין פאריז) וועלן קענען שרייבער און קינסטלער, זשורנאליסטן און וויסנשאפטס־מענטשן זיך פארופן אויפן שטומען דענקמאל און דערציילן פאר דורות, וואס וועלן קומען״... א.א.וו.

געמיינט האט איר עם זעלבסטפארשטענדלעך בלויז מעט־אפאריש (ווארים אך און וויי, ווען — אנשטאט צו פארופן זיך אויף די קדו־שים גופא און אויף זייער אמת, וואלט עס שוין אויסגעקומען צו „פארופן זיך אויף דעם שטומען דענקמאל״!). בלי שום ספק האט איר געטראכט דערביי וועגן די ארכיוון וואס — לויט די פארעפנט־לעכטע פראָספעקטן — דארף דער דענקמאָל אנטהאלטן. איבריקנס דערמאָנט איר אליין, אין אן אנדערן אָפזאץ פון דעם זעלבן ארטיקל וועגן „א ריזיקן מוזיי״ וואס וועט נישט נאָר זיין א זאמלונג פון יידישע צרות נאר אויך אן אוצר פון יידישן אויסדויער, יידישן בט־חון, פון יידישן קיום״...

היות דער דאזיקער ענין אינטערעסירט מיך באמת אויסערגע־וויינלעך, וויל איך אייך פרעגן: האָט איר, שרייבנדיק דאָס, געהאַט אין זינען עפּעס א קאָנקרעטן בילד ווי אזוי וועט דאָרט זיין יענער אוצר רעפּרעזענטירט, אָדער ס׳איז געווען סתם א רעטארישער אויסרוף, באַזירט אויף א „זעלבסטפארשטענדלעכער״ איבערצייגונג „אז מען זאָרגט שוין דערפאר״?

ס'איז ראך קלאר, אז — וואס שייך פוילן און אנדערע מזרח־אייראפעאישע לענדער, קענען יענע ארכיוון אנטהאלטן (שוין אין בעסטן פאל) בלויז (א טייל) קאפיעס פון די שוין פארהאנענע, צוט־ריטלעכע (און אין א גרויסער מאס שוין פארעפנטלעכטע) מאטע־ריאלן.

(... ...) בלייבט אלזא פראנקרייך. וואס שייך ווידער פראנק־רייך... איך צווייפל נישט, אז רעדנדיק אין אייער ארטיקל וועגן שרייבער, זשורנאליסטן א.א.וו., האט איר געהאט אין זינען קאנקרעטע און אלגעמיין באקאנטע פרעצעדענסן. למשל: דער אמעריקאנער פון פראטעסטאנטישן גלויבן הערסעי, וואס האט פערזענלעך די דייטשע אקופאציע נישט געקענט, האט פונדעסטוועגן, אויפן סמך פון מאטעריאלן וואס מיר האבן אנגעזאמעלט אין פוילן, אנגעשריבן זיין גרויסן ראמאן וועגן ווארשאווער געטא א.נ. „די וואנט". דאס בוך, איבערגעזעצט אויף א גאנצער רייע שפראכן, איז געווארן א וועלט־„בעסטסעלער", וואס דערציילט טאקע נישט נאר וועגן „יידישע צרות, טייכן פון בלוט און פון טרערן, נאר אויך וועגן יידישן אויס־דויער און יידישן בטחון". אונזער פריינט מ. שפערבער, הגם ער האט ניט געהאט בדעה צו שרייבן א היסטארישן ראמאן, האט ער פונדעסטוועגן איבערגעגעבן אין זיין ווערטפולן ראמאן „אטרער אין ים" די אטמאספער פון חורבן אין א קליין יידיש שטעטל.

דאס זעלבע וואס שייך דעם שרייבער גאלדרינג און זיין ראמאן „עלזי סילווער", דאס זעלבע בנוגע א גאנצער ריי יידישע שרייבער וואס אליין זענען זיי „אין מערבלינקע נישט געווען" א.א.וו.

דערלויב איך זיך אייך צו פרעגן: ווו עס איז פארהאן א „דאקומענטאציע" וואס וואלט דערלויבט וועלכן ס'זאל נישט זיין שרייבער (וואס האט אליין נישט דורכגעמאכט די געשעענישן) אנצו־שרייבן אן ענלעך בוך וועגן פראנקרייך?

אויב עס וואלט זיך ארויסגעוויזן אז טראץ אלעמען, קענט איר אזעלכע מאטעריאלן נישט אנגעבן, דערלויב איך זיך צו שטעלן אן אנדער פראגע:

ווו דאס איז געווען איבערהויפט מעגלעך, אז מענטשן וואס זענען אזוי טיף באהערשט דורך דער אידייע צו פאראייביקן דעם

אנדענק פון די ידישע מארטירער דורך א „שטומען מאנומענט", האבן אין משך פון גאנצע צען יאר נישט געגעבן קיין טראכט וועגן שאפן אזא דאקומענטאציע? ווי אזוי איז עס געווען מעגלעך, אז זיי האבן זיך אפילו נישט אפגערופן אויף די ווענדונגען, געמאכט דער־וועגן סיי אין געדרוקטן ווארט סיי אין עפענטלעכע דיסקוסיעס און סיי אין האלב־אפיציעלע זיצונגען און געשפרעכן? פארוואס האט מען אפגעווארפן אלע איניציאטיוון אין דער ריכטונג און פארזי־כערט אז „מען זארגט שוין וועגן דעם אלעמען"?

צו אייך אדרעסיר איך דא דעם בריוו צוליב צוויי סיבות: ערשטנס, ווייל — וואס שייך אייך—בין איך זיכער (און איך האב געהאט דערויף באווייזן אין לויף פון מיין ארבעט) אז איר האט אן אויפריכטיקע באציאונג צו דעם ענין. צווייטנס, ווייל איך בין טיף איבערצייגט, אז אויב עס איז געקומען צו דער אויבן דערמאנטער און שטראפבארער פארנאכלעסיקונג, זענען אין דעם־אין א גרויסער מאס — שולדיק די צו לייכט פראקלאמירטע און נישט קאנטראלירטע פארזיכערונגען, אז מען האלט אין מאן, אלץ וואס עס איז נאר מעגלעך און געוואונטשן.

לויט מיין באשיידענער מיינונג, שטיצט זיך די דאזיקע זעלבסט־צופרידענקייט נישט מער ווי אויף אן אילוזיע, וואס ברענגט אן אומפארריכטבארן שאדן.

מיט בעסטע גרוסן

מיכאל בארוויטש

(„אונזער ווארט" פון 26-טן יאנואר 1955)

ש. שיינער

# א געצוווּנגענע אויפקלערונג צום ענין „מאנומענט״

אסך וווּנדערן זיך, פארוואס איך האב נישט גענומען א וואָרט במשך פון דער גאנצער צייט פון דער דיסקוסיע, וואס האט זיך געפירט אין שייכות מיטן „מאנומענט״.

מיין נעגאטיווע שטעלונג אין דער פראגע איז אלעמען באוווּסט נאך פון דער צייט, ווען עס נישט געווען קיין שום פראגע פון שילו־מים געלטער.

איך האב מיין שטעלונג נישט געביטן־איך שרייב די פאר ווער־טער, נישט כדי אנצוהויבן נאכאמאל א דיסקוסיע וועגן דעם ענין — נאר כדי צו מאכן אייניקע פעסטשטעלונגען.

י. שנייאורסאן, פרעזידענט פון עקזעקוטיוו קאמיטעט פארן „קבר פון אומבאקאנטן יידישן מארטירער״ האט ארויסגעגעבן א בראשור, ווו ער פארטיידיקט זיין פראיעקט.

וויל איך פעסטשטעלן פאלגנדעס:

1) צוויי מאָל ווערט דערמאָנט אין דער בראָשור דער נאָמען פון פארשטארבענעם ישראל עפרויקין ז״ל. מען וויל איבערהויפט משפיע זיין אויף די קהלה־פאָרשטייער, אַז זייער ערשטער ראש־הקהל איז געווען אַן אַקטיווער אָנהענגער פון דעם פראָיעקט.

איך וויל אויסדריקן מיין פארווּנדערונג אויף דעם אופן פון זיך באַנוצן מיט דעם נאָמען פון דעם נפטר.

ה׳ שנייערסאָן ווייסט גאַנץ גוט, אַז דער פאַרשטאָרבענער י. עפרויקין ז״ל איז ניט געווען מיטן גאנצן הארצן פאר דער אידייע. דער פאקט איז, אז י. עפרויקין ז״ל האט זיך אויסער איינמאל נישט באטייליקט אין די זיצונגען פון קאמיטעט.

2) אונטער דער רובריק „דער אמתער דעת הקהל״, ווערט אָנ־געגעבן אין דער בראשור אויסצוגן פון צייטונגען „פארן פראיעקט״.

דער דאזיקער אמתער דעת הקהל איז ווייט פון צו זיין אמת, ווייל אין דער בראָשור ווערן נישט געבערענגט אין דער זעלבער צייט אויסצוגן פון די צענדליקער אַרטיקלען און בריוו קעגן דעם מאָנומענט, וואָס זענען געווען פאַרעפנטלעכט אין די זעלבע צייטונג.

3) אין דער בראשור ווערט געשריבן:

„אלע גרויסע יידישע ארגאניזאציעס האבן זיך אנגעשלאסן אין אונזער קאָמיטעט". ווער זענען דאָס דידאָזיקע אָרגאַניזאַציעס ? אפשר קענט איר אָנגעבן די נעמען פון די יידישע אָרגאַניזאַציעס אין פראַנקרייך ?

איך מוז קאָנסטאַטירן, אַז כמעט אַלע פּערזענלעכקייטן וואָס פיגורירן אינם קאמיטעט, פארטרעטן זיך אליין און זענען נישט געשיקט געווארן אלס פארשטייער פון די ארגאניזאציעס ווו זיי זענען אקטיוו.

4) באשלוס פון דער קהילה. איר שרייבט: „פאר דעם פארשלאג קעגן אונזער פראיעקט האבן געשטימט בלויז 23 מיטגלידער פונם קהילה־ראט.

ס'איז נישט ריכטיק, פארן פארשלאג פון פריינט שווייצער, וועגן נישט באנוצן צו דעם צוועק קיין שילומים־געלטער, זענען געווען אלע 45 פרנסים אויסער צוויי קעגן.

און צום סוף: פארוואס האט ה' שנייאורסאן נישט פארעפנט־לעכט קיין פינאנציעלן באריכט אין זיין בראָשור? אייך איז זיכער באוווסט וועגן די פאַרשידענע קלאַנגען, וואָס ווערן פארשפרייט אין פאריז, וועגן אויסערגעוויינלעכע אויסגאבן, פארוואס? אויב איר האט שוין יא ארויסגעגעבן א בראשור וואס דארף זיין דער אמת אליין, פארוואָס האָט ה' שנייערסאָן נישט געהאַלטן פאר נויטיק צו דערציילן דעם אמת וועגן די גרואמלמע געלטער און אויסגאַבן (נעמט א ביישפיל פון אנדערע סאציאלע ארגאניזאציעס).

איר שרייבט אין אייער בראָשור, אַז דער בעסטער באַוויז פון אנערקענונג וואָס די איניציאַטיוו האָט ביי די ברייטע יידישע מאַסן, איז א פלעביסציט. איך מיין, אז דאס איז דער בעסטער געדאנק, ווען

עס האנדלט זיך וועגן א דענקמאל פאר 6 מיליאן קדושים, דארף מען פרעגן דאס פאלק און נישט נאר פערזענלעכקייטן, מ׳דארף אלזא אנפרעגן די צאלרייכע לאנדסמאנשאפטן און יידישע ארגאניזאציעס אין פראנקרייך, זיי זענען די ברידער און שוועסטער פון די געפאלענע און איר קענט זיי נישט צווינגען צו באערן זייערע קדושים אין א פרעמד לאנד — אל נא תקברנו במצרים . . .

("אונזער ווארט" פון 17־טן יאנואר 1955)

## ז. קאמאי

# מיט א פראגע צייכן

אפריינט האט אונז די טעג צוגעשיקט אן ארטיקל פון מדינת ישראל, וואס באהאנדלט א פאריזער ענין. אויסער דעם איז דער שרייבער א היימישער מענטש אין די רייען פון דער פראנצויזישער פועלי־ציון־באוועגונג. דער צושיקער מאכט דערביי א קליינעם פארווארף; צי דארף מען טאקע וועגן פאריזער ענינים בלויז דיסקוטירן אין לאנדאן אדער תל־אביב? און אויב דו אין פאריז, נעמסט נישט קיין ווארט וועגן דעם — איז א סימן אז דו ביסט מסכים צו אלץ. נעמסט אלזא אן דעם פארווארף אויך אויף דיין חשבון?

מוז זיך דער שרייבער פון די שורות מודה זיין: אז אין דעם דאזיקן פראבלעם האט ער א גאנץ אנדערע שטעלונג ווי א סך פון זיין אייגענעם קרייז. ס'ווילט זיך טיילמאל נישט ארייגלאזן אין קיין פאלעמיק מיט אייגענע; בעת דער אנגריף פון די אויסערלעכע שונאים איז געווען שטארק און פארביסן. דאס איז אבער נישט קיין ענטפער. ווען מיר פרווון וועקן אינטערעס אויך צו דער אנדערער שטעלונג. אפשר וועט דאס קענען מיטהעלפן אז די דאזיקע פראגע זאל ערנסט אדורכדיסקוטירט ווערן אין דער עפנטלעכקייט.

וועגן וואס האנדלט זיך? אין דער איניציאטיוו צו שטעלן א מאנומענט פאר די זעקס מיליאן קדושים אין פראנקרייך, אין פאריז, אייגנטלעך איז עס נישט קיין נייער געדאנק. דער זעלבער פלאן איז אויפגעקומען ווו די וועלט האט אן עק. מען האט געשטעלט מאנומענטן אין קאנאדע, אין אויסטראליע, און אין אלע פארווארפנסטע ישובים. עס זענען געשאפן געווארן איניציאטיוון צו שטעלן גרויסע דענקמעלער אין א סך אנדערע ערטער. עס זענען אבער אויך געווען ישובים, וואס האבן עס געטאן אויף א באשיידענעם אופן און נישט אריינגעטריבן אין קיין געוואלטיקע הוצאות. איז דערפאר דער שטורעם ארום זיי געווען א קלענערער (הגם אין קאנאדע האט אויך א באשיידענער מאנומענט לכבוד די קדושים ארויסגערופן גרויס אמפערניש . . .).

אין ניו־יארק למשל, האט די בלויזע איניציאטיוו ארויסגערופן א שאפע פאלעמיק אבער מיר ווילן דא נישט שרייבן קיין געשיכטע פון אלע מאנומענטן פאר די „זעקס מיליאן קדושים". דאס וואלט אונז ווייט פארפירט. דערפאר וועלן מיר אויך נישט דערציילן פאר־וואס גראד די הייסע און נאציאנאלע יידן שטעלן זיך קעגן. מיר מיינען זיך צו פארהאלטן ביים פאריזער קאמיטעט און וועגן דער אנגרייפערישקייט קעגן אים. און טאקע צום ארטיקל פון מדינת ישראל:

דער ערנסטער שרייבער און פובליציסט ד"ר נתן עק (ערשטער רעדאקטאר פון „אונזער ווארט" אין פאריז) האט אפגעדרוקט זייער אשארף ארטיקל קעגן „דעם טאנץ ארום א מצבה אין ניו־יארק און אין פאריז" אין דער ישראלדיקער מפא"י־צייטונג „דאס ווארט" (פון 16־טן דעצעמבער 1951), ער בארירט דארט עטלעכע פונקטן איבער וועלכע מיר קענען נישט פאריבערגיין שווייגנדיק.

חבר עק דערציילט:

„פארהאן אין אויסלאנד, אן עין־הרע, גענוג יידן וואס זוכן פאר זיך רעקלאמע און כבוד. און אויב זיי זוכן גלאט בענקלעך, טיטולן, גבאות — איז מילא, ווער מען ארט דאס? אבער עס טרעפט אז זיי שעמען זיך אפילו נישט אויסצושטרעקן די האנט אפילו נאך הייליקייטן, בכדי זיך מיט זיי צו באנוצן פאר זייערע אמביציעס — אויב נישט פאר זייערע קעשענע־אינטערעסן"...

נו, דאס איז א ברייטע טעמע וואס האט נישט קיין ספעציעלן ענין און ניט קיין ספעציעלן אדרעס. חבר עק האט זיך אבער אפגעשטעלט דערויף אין שייכות מיטן וועלן שטעלן א מאנומענט פאר די זעקס מיליאן קדושים אין ניו־יארק. היות ווי דארט האלט ערשט דער פראיעקט פארן ווערן פארווירקלעכט, שוויגט וועגן דעם די יידישע פרעסע און עס האבן זיך וועגן דעם באוויזן עטלעכע פאלי־טישע ארטיקלען. ד"ר עק מעדיטירט דערפאר מיט זיינע דאזיקע מח־שבות איבער דער איניציאטיוו אין פאריז. ער דערציילט פאר די ישראל־לייענער מיט זיין אייגנטלעך־ביסיקער איראניע:

„דערפאר איז אין פאריז גאר אנדערש. דא האבן יידן פאנטאזיע. פאריזער יידן האבן נישט געווארט ביז דער מאנומענט אין ניו־יארק

וועט פארטיק ווערן; נאר זיי האבן זיך מקדים געווען און גענומען העגדום פענדום נאכטאנצן"...

חבר עק וואלט נאך פארשטאנען, ווען דער פאריזער קאמיטעט זאל זיך באגרענעצן צו א לאקאלן מאנומענט בלויז פאר די פאריזער קדושים. דאס זעלבע וואלט מסתמא געטאן שטראסבורג, ליל, נאנ־סי... עס איז אבער אזוי נישט געשען. איראניזירט ער וועגן דעם היגן קאמיטעט:

..."וואס־זשע פאר הונדערט טויזנט יידן לוינט זיך אים צו דרייען א קאפ? ניין, ער האט געוואלט "ארומנעמען" אלע זעקס מיליאן קדושים. ווארעם אז מען שטעלט א מאנומענט פאר זעקס מיליאן הערט דאך אויף צו זיין א לאקאלער, אינטערעסירט ער שוין אנדערע ישובים, קען מען שוין ארויספארן קיין אויסלאנד זאמלען געלט און אזוי טוט מען טאקע..."

נאכן ציטירן א מיינונג פון דער לאנדאנער "דזשואיש כראניקל" קעגן דער פאריזער אונטערנעמונג, מאכט חבר עק עטלעכע שארפע באמערקונגען אויפן אדרעס פון די היגע עסקנים און ער קומט צום אויספיר אז נישט פאריז נאר ישראל איז דער אמתר אדרעס פאר אזא מאנומענט. איז דאס א פרינציפיעלע שטעלונג מיט וועלכער מיר קענען מסכים זיין, הגם ער איז אליין מודה אז דווקא אין ישראל איז שוין לאנג געשאפן געווארן אזא איניציאטיוו "(יד ושם", גע־פלאנט דורך חבר ברוך צוקערמאן) אבער עס איז גארנישט געטאן געווארן.

צו האבן מיר ארטיקע עפעס צוצוגעבן דערצו? גאר אסך. מיר וואלטן געקענט מאכן א לאנגע רשימה פון ריזיקע מאנומענטן און געביידעס וואס דאס יידישע פאלק האט אויפגעשטעלט אין לענדער, וו ס'האבן געלעבט צען מאל אזויפיל יידן ווי אין היינטיקן פראנק־רייך. וואס איז פון זיי געווארן? אין וועמענס הענט געפונען זיי זיך היינט? פאר יידן פון אייראפע דארף מען דאס נישט דערציילן. איין פראווינץ פון דייטשלאנד, להבדיל, האט פארמאגט מער יידישע מא־נומענטן וויפל צען קאמיטעטן מיט גרויסע לייט בראש זענען בכח געווען אויפצושטעלן אין פאריז, אפילו ווען זיי זאלן באמת האבן אונטער זיך אלע יידן און זאמלען געוואלטיקע סומעס. ווער האט

יענע געירשנט? ביי דער היינטיקער סיטואַציע פון יידישן אייראפּע דאַרף מען זיך נישט באַנוצן דווקא מיטן חורבן־אַרגומענט. ביים רואיקסטן לעבן פון יידן דאַ שטעלן זיך פאַר פּערספּעקטיוון וואָס וועקן נישט אין אונז די זיכערקייט פאַר אייביקן דויער. מען דאַרף נישט זיין קיין געשווירענער ציוניסט דערצו. אונזער צוגאַנג דאַרף לכן זיין אַ קלאָרער: אַלץ וואָס איז דאָ פאַרבונדן מיט לעבעדיקע אינטערעסן פון אייראָפּעאישע יידן, איז ווערט די גרעסטע אָנשטרענגונגען פון געלט און ענערגיע. דאָס וואָס איז אָבער פאַרבונדן מיט אייביקע און סימבאָלישע מאָנומענטן — מוז נאָר געשטעלט ווערן אין מדינת ישראל אָדער אין די לענדער מיט ריזיקער צאָל קיום־זדן. גייען מיר נישט אַריין אין דער דיסקוסיע די אַמעריקאַנער איניציאַטיוו (הגם זי איז אַוועק אויף אַ שלעכטן וועג) ווייל אין ניו־יאָרק אַליין לעבן דריי מיליאָן יידן. ווילן מיר נישט זאָגן אַז אין פראַנקרייך דאַרפן די יידן נישט שטעלן חלילה קיין מצבות. דאָס מוז און דאַרף געטאָן ווערן. דאָס איז אָבער אַ פראַגע פון פּיעטעטפולע מצבות וואָס יעדער לאַנדסמאַנשאַפט און אָרגאַניזאַציע האָט דאָ שוין סיי ווי געשטעלט, אָדער וועט נאָך שטעלן. צו מיגן יענע נישט! צו האָבן זיי עס געמאַכט שלעכט און מען מוז דאָס פאַרדאַפּלען? צו מעגן מיר זיך דערלויבן אַז צענדליקער און אפשר הונדערטער מיליאָנען פראַנקן זאָלן דערויף אויסגעגעבן ווערן אַזוי שפּעט (עס האָט וועגן דעם געקענט זיין אַ רייד איידער אַזויפיל סאָסיעטעס און גרופּעס האָבן עס געטאָן פאַר זייערע מיטגלידער און קאָלעקטיווויטעטן) — בעת מען קען פאַר די געלמער דערציען צענדליקער טויזנטער יוגנטלעכע און אויפשטעלן נייע נאַציאָנאַלע דורות? צי מוז עס געטאָן ווערן בעת די וויכטיקסטע דערציונגס־אַנשטאַלטן ראַנגלען זיך מיט זייער אָרעמער עקזיסטענץ? צי מוז מען דאָס בעת אַזעלכע בנינים אין מדינת ישראל קענען נאָך מער באַלעבן אונזער גרויסע היים? צו וועט נישט בעסער זיין צו שאַפן נייע דורות וואָס זאָלן גיין אין די גייסטיקע טריט פון די קדושים? צי האָט מען שוין איבערגעוויגן די וויכטיקייט פון דעם מאָנומענט, אַז ער שטייט איבער אַלע יידישע באַדערפענישן, סיי אין די גלותן און סיי אין דער מדינה?

עס איז בלי ספק אז מען דארף וועגן דעם א סך טראכטן און אז עס איז נאך וויט נישט קיין באשלאסענע זאך.

אוודאי דארף מען דאנקבאר זיין די פראנצויזישע אינסטאנצן, וואס האבן געשענקט ארט דערויף. עס איז זיכער שיין פון די פערזענלעכקייטן וואס האבן געגעבן זייער הסכמה צום דאזיקן פרינציפ (הגם חבר עק פרעגט: מישטיינס געזאגט, מיט וואס שטיצן זיי אים? וואס פארלירן זיי דערביבער?) אבער ניט מיט דעם אליין קענען מיר באזוארגן אונזער געוויסן. מיר מוזן זיך פרעגן: מעגן מיר עס? איז דאס היינט דער פראבלעם פון דער יידישער נויט אין אייראפע? ? וועלן מיר דערמיט ראטעווען אונזער שיף ? ד"ר עק שרייבט אין זיין ארטיקל אזעלכע וויטעדיקע שורות:

„...אויב טרייבן חוזק מיט די זעקס מיליאן קדושים, איז שוין גלייכער דאס איבערלאזן די לעבעדלעכע לייט פון ניו־יארק און פאריז..."

צו האלט ער אבער אז אלע פאריזער יידן האבן זיך אנגעשלאסן אין עפעס א פאריין וואס האט די אויפגאבע חוזק צו מאכן פון אונזערע קדושים? מיינט ער טאקע אז אלע פאריזער יידן האבן נאר איין ציל וואס איז לויט זיין באצייכונג אזוי: ..."מען קלייבט געלט — און עס איז פריילעך..."

ניין, עס איז גארנישט אזוי פריילעך ליבער חבר עק... און זיכער נישט ביי אלעמען. גארנישט זאגט דערפאר אז אלע פאריזער יידן האבן זיך פארמאסטן אויף א בלוטיקן חוזק. מיר זענען אפילו ניט זיכער אז די איניציאטארן גופא זענען עס אויסן געווען. מיר האלטן אז דאס איז געשען א מיספארשטענדניש, וועלכן מען קען נאך היינט אויסגלייכן.

דער מאנומענט איז זיכער אויסגעפלאנט געווארן אין אן ענגן אדער ברייטערן קרייז. דאס הייסט אבער נאך ניט אז יעדער ייד האט נישט דאס רעכט ארויסצורוקן זיינע באווארעניש קעגן אים. דערפאר איז שווער צו נעמען די אחריות פאר אלעמען קעגן אזעלכע ווייארטיקלען ווי עס שרייבט אונזער חבר עק אויפן אדרעס פון די פאריזער יידן.

(„אונזער ווארט" פון 22־טן יאנואר 1955)

ט. ס. קליין
פרעזידענט פון די געוועזענע יידישע רעזיסטאַנצלער

# די טריבונע פון די לייענער

איך האָב געלייענט מיט אַ געוויסער אומגעדולד, איך מוז עס זאָגן, דעם אַרטיקל פון ה' גאַסטאָן קאָן, אונטער דעם טיטל „נאָך דער קליימס־קאָנפערענץ".

עס האַנדלט זיך מסתמא וועגן אַ מין באַריכט, ווייל ה' קאָן איז געווען, דאַכט זיך, איינער פון די דעלעגאַטן פון פראַנקרייך אויף דער קליימס־קאָנפערענץ: ער באַמיט זיך צו באַרעכטיקן די אַרבעטן פון דער קאָנפערענץ. יעדער קען זיך אָפּגעבן אַ דין וחשבון, צי דער באַריכט קען באַפרידיקן אַ ישוב, וועלכער באַקומט היינט פון קליימס־פאָנדן, וואָס ער האָט פריער באַקומען פון דזשאָינט, אַ ישוב, וועלכער האָט נישט קיין נייע איינקונפטן פאַר די קרבנות פון נאַציזם — די קרבנות זענען נישט אונטערשטיצט פון קיין שום אינסטיטוציע.

דאָס איז אָבער נישט די הויפּט־סיבה פון מיין אויפרעגונג; די סיבה איז דער פאַקט וואָס ה' קאָן דערלויבט זיך, אין דעם זעלבן אַרטיקל, זיך אויסצולאַכן און אָנפאַלן אויף דער בקשה פון דעם „פאַרבאַנד פון דער שארית הפליטה פון צענטראַל־אייראָפּע", וועלכע פאַרלאַנגט 500.000 דאָלאַר, און ער לויבט די געלט־צוטיילונג פאַרן „קבר"; ה' קאהן איז איינער פון די שטילע פּאַרטיידיקער פונעם קבר־פּראָיעקט.

דאַרף מען דען אייך דערמאָנען, ה' קאהן, אַז די פאָנדן זענען געוואָרן געגעבן דעם קליימס כדי צו אַנטשעדיקן די קרבנות און אַז אין די טעקסטן און אָפּמאַכן וואָס שמועלן מיט זיך פאַר די באַזע פון דער קליימס־קאָנפערענץ, געפינט זיך, זייער קלאָר אויסגעדריקט, דאָס רעכט צו די קליימס־געלטער פון די מיטגלידער פון דעם טאַקע

„פאַרבאַנד פון דער שארית הפליטה פון צענטראַל־אייראָפּע", וועל־מען אייך דערמאָנען, ה' קאָן, אַז אפילו די סאַמע עלאַסטישע קאָ־מענטאַטאָרן —, און די קליימס־קאָנפערענץ באַזיצט אַזעלכע גאָר געשיקטע קאָמענטאַטאָרן — קענען גאָרנישט געפינען אַזעלכעס, וואָס וואָלט באַרעכטיקט אַן אויסגאַבע פון צענדליקער מיליאָנען דאָלאַרן באַשטימט פאַר אויפבויען פון אַ דענקמאָל. פון אָנהויב האָט קיין שום יידישע אָרגאַניזאַציע אַלס אַזעלכע נישט אויסגע־דריקט איר ווונטש און נישט אַקצעפּטירט דעם דענקמאָל. ווי איר זאָלט אונז נישט דערקלערן אַז די געלטער אויסגעגעבענע אויפן קבר קאָסטן נישט די פראַנצויזישע אינסטיטוציעס, און וואָס פאַראַ אלוזיעס איז זאָלט נישט מאַכן צו פאַרשידענע שטיקלעך וואָס דינען היינט אַלס אליבי פאַר די (אומוויליקע, ווי זיי זאָגן) פאַרטיידיקער פון קבר מיט זייער אומרואיקן געוויסן, ווייסן מיר אַז יעדער סענ־טים, אויסגעגעבן פאַרן אומבאַקאַנטן מאָנומענט, איז אוועקגענומען פון די קרבנות פון נאַציזם.

איר זאָגט אויך גאָרנישט, ה' קאן, וועגן די פאָנדן נויטיק צו אונטערהאַלטן דעם מאָנומענט מיט די אומבאַקאַנטע איינקונפטן! וועט עס נישט קאָסטן די פראַנצויזישע אינסטיטוציעס ? וועלן מיר קענען רעכענען אויף די אינטערנאַציאָנאַלע אָדער אויף די יידישע פערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן געגעבן זייער נאָמען, אַז זיי וועלן אויך געבן זייער געלט ?

וועגן דעם אַלעמען האָט זיך דער דעלעגאַט פונעם (נישט־קאָנ־סולטירטן) יידישן ישוב געדאַרפט פאַרקלערן. (...) קודם כל האָט מען געדאַרפט פרעגן צי דער יידישער ישוב אין פראַנקרייך איז מסכים צוצוגרייטן פאַרן קומענדיקן דור אַ באַרימטע ירושה — אַ מאָנומענט — א סימבאָל פון ליידן, אָבער נישט פון האָפענונג און פון ווידעראויפבוי פון פאָלק ישראל.

האָט מען דען נישט געדאַרפט אויך קאָנסולטירן אונזערע אינ־סטיטוציעס כדי צו וויסן צי זיי ווילן, אין ראַמען פון דער יידי־שער טראַדיציע, פאַראייביקן דעם אָנדענק פון די טויטע דורך א מאָנומענט וועלכער זאָל דינען לעבעדיקע; מען האָט געדאַרפט

פרעגן צי די אָרגאַניזאַציעס אַקצעפּטירן אויפצובויען א „קריפּט" לויט דער געצנדינערישער טראַדיציע, אין וועלכן אונזערע מאַר־טירער וועלן ווערן באַערט מיט א פּאָמפּע און מיט „גראַנדילאָ־קאַנס".

דערפאַר טאַקע וואָלט געווען געוואונטשן, אז ה׳ קאן זאָל האָבן געשריבן, מיט א חודש צוריק, אַן אַרטיקל: „פאַר דער קליימס־קאָנפערענץ", וואָס וואָלט דערלויבט די יעניקע, אין וועמענס נאָמען ער האָט גערעדט, אים צו זאָגן זייער שטאַנדפּונקט.

(„זשורנאַל דע קאָמינאַטע", נר. 121, 11 מערץ 1955)

## הרב ח. שוואַרץ

# מען רעדט ווייטער וועגן מאָנומענט פאַרן אומבאַקאַנטן יידישן מאַרטירער

מען האָט געקענט גלויבן אַז דער ענין איז דעפיניטיוו קלאַסירט געוואָרן: זייט דעם באַרימטן לייגן פון גרונט־שטיין פאַרן מאָנומענט פון יידישן מאַרטירער, דעם 17-טן מאַי 1953, איז די פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער זאַך געוואָרן אַ ביסל שטילער.

די, וואָס האָבן פון אָנהויב אָן פּראָטעסטירט קעגן אַזאַ מין אונטערנעמונג, וועלכע איז אַ־ין סתירה מיט יידישע אופנים צו באַערן מאַרטירער, וואָלטן געקענט זיין צופרידן, אויב אין צווישנצייט וואָלט נישט אָנגעקומען די ידיעה, אַז די קליימס־קאָנפערענץ האָט צוגעטיילט, פון די אַנטשעדיקונגס־געלטער, 150.000 דאָלאַר*) פאַרן אויפבויען דעם מאָנומענט!

***

מיר מוזן אויפסניי אויפהויבן אונזער שטימע קעגן דער דאָזיקער איניציאַטיוו, וועלכע — מען דאַרף עס קודם כל אונטערשטרייכן — איז אַבסאָלוט אַ פּריוואַטע, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין געדאַנק פון אַ פשוטן יחיד; אַן איניציאַטיוו, וואָס האָט קיין שום אונטערשטיצונג נישט, נישט פון די אָנפירער פון אונזער ישוב, און נישט פון דעם ראַבינאַט. אַ סומע, וועלכע האָט געדאַרפט געגעבן ווערן אונזערן ישוב כדי אים צו פאַרלייכטערן דעם גייסטיקן ווידעראויפבוי, ווערט צוגעטיילט פאַר אַ מאָנומענט, פאַר

---

*) די דאָזיקע סומע איז געווען נאָר אַ טייל פון דער סובווענץ וואָס קליימס האָט געגעבן אויף דעם דאָזיקן צוועק. בלויז דער קליימס האָט פאַרן הער שנייערסאָן באַשטימט בלויז אויף דעם מאָנומענט נישט 150.000 דאָלאַר נאָר 300.000 דאָלאַר (באַמערקונג פונעם ארויסגעבער).

א שטיינערנע מצבה, אָן קיין שום נוצן און אָן קיין שום נויטווענ־דיקייט, אין דער צייט ווען אַנדערע בקשות פאַר ביז גאָר נויטיקע איניציאַטיוון פאַרן צוקונפט פון אונזער ישוב זענען געוואָרן אָפּ־געוואָרפן. דאָס איז פשוט אַ סקאַנדאַל. דער סקאַנדאַל איז נאָך גרעסער, ווייל פון אַלע זייטן קומען אָן שטורמישע פּראָטעסטן קעגן אַזאַ מין פאַרשווענדן פון געלטער.

פאַר אונז, זעלבסטפאַרשטענדלעך, קומט דער מאַטעריעלער אַרגומענט צו אונזערע אַרגומענטן, וועלכע מיר האָבן שוין דאָ אָנ־געוויזן פאַר צוויי יאָרן *) און וועלכע מיר ווילן איצט רעזומירן :

1) פון רעליגיעזן שטאַנדפּונקט, דאַרף די קריפּטע אויסגעבויט ווערן אויפן אָרט פון מאָנומענט, פאַרטרעטן די בתי המדרש פאַר יאָרצייט־תפילות. מיר ציטירן דעם אָפיציעלן טעקסט פון פּראָיעקט:

„מען רעזערווירט פאַר יעדער סאָסיעטע איין טאָג אין יאָר, אין וועלכן אייערע מיטגלידער און פריינד וועלן קענען זיך פאַרזאַמלען אין א זאַל פונעם „מעמאָריאַל״ כדי זיך צו פאַר־ייניקן מיט זייערע טייערע טויטע. די צערעמאָניעס וועלן זיך אָנהויבן מיטן לייענען די געשיכטע פונעם פאַרניכטעטן ישוב. דאָס וועט זיין אַ מאָדערנע ווערסיע פון דער אַמאָליקער מגילה, וועלכע וועט אינגיכן ווערן פאַראייביקט דורך דער ראַדי־ציע״.

איז דען אין דעם נישטאָ קיין שאַפונג פון אַ נייעם קולט, אָן קיין שום טראַדיציאָנעלע באַזע ? צו וואָס איז ענלעך דאָס פאַרזאַמלען זיך און פּראַווען צערעמאָניעס פאַר אורנעס פול מיט אַשן און געביין ? אַזוי ווי מיר האָבן עס געשריבן מיט צוויי יאָר צוריק, אַשן און געביין האָבן זייער אָרט אויפן בית עולם, מיט דעם גאַנצן ווייטיקדיקן רעספּעקט און פּיעטעט, וועלכע זיי פאַרדי־נען; רעליגיעזע צערעמאָניעס האָבן זייער פּלאַץ אין שול.

און דער הויפּטראַבינער הערצאָג, האָט מיט 2 יאָר צוריק באַ־שטעטיקט אונזער שטעלונג און אונזערע אַרגומענטן.

*) „טרע דיאוניאָן״ נר. 6 און נר. 7, 1953־1954).

2) אַ ספּעציעלע אָרגאַניזאַציע, געשאַפן אין ישראל און אָנגערופן יד ושם, פאַרנעמט זיך מיטן אויפבויען, אין ישראל גופא, אַ מאָנומענט; די איינצעלהייטן זענען אונז נישט באַקאַנט, אָבער מיר ווייסן אַז דער מאָנומענט דאַרף פאַראייביקן אין הייליקן לאַנד דעם אָנדענק פון אַלע אומגעקומענע יידישע ישובים אין איירָאפּע.

צי וואָס באַדאַרף מען אויפצושטעלן אין פּאַריז אַ צווייטן מאָנומענט צום אָנדענק פון די זעקס מיליאָן מאַרטירער? דער פּאַריזער יידישער ישוב באַווייזט דען דורך זיין וויטאַליטעט, אַז ער איז דער יורש פון אַלע אומגעקומענע ישובים, און דעריבער מוז ער טראַכטן, טאַקע ער, וועגן פאַראייביקן זייער אָנדענק? אָבער, מיר אונטערשטרייכן עס נאָך איין מאָל: דער פּאַריזער יידישער ישוב האָט קיין שום שייכות נישט מיטן באַהאַנדלטן פּראָיעקט.

3) דער פינאַנציעלער אַרגומענט וועגן וועלכן מיר האָבן פריער גערעדט, איז וויכטיק. אין דער צייט, ווען די „קליימס־קאָנפערענץ" האָט באַשטימט פאַרן יידישן ישוב אין פראַנקרייך אַ לעבערלעך קליינע סומע, קענען מיר דען מאַלערירן אַז 150.000 דאָלאַר*) זאָלן ווערן — פאַרטאַכלעוועט פאַר אַן אומנוצלעכע און איבעריקע זאַך? וויאַזוי קען מען דערלאָזן אַז אַזאַ מין סומע זאָל ווערן געווידמעט דעם באַערן פון דער פאַרגאַנגענהייט, אמת אַ טראַגישער פאַרגאַנגענהייט, ווען אפילו פראַנקאָ האַלט, אַז די אַנטשעדיקונגען זענען באַשטימט צו רעקאָנסטרואירן די יידישע ישובים און זיי פאַרזיכערן דעם קיום?

אַזאַ מעמאָריאַל איז דען באַרופן אונז צו העלפן אין אונזער אויפגאַבע פון ווידעראויפבוי?

**
*

וואָס דאַרפן מיר טון אין די געגעבענע באַדינגונגען? קודם כל מוזן די אַלע, וועלכע זענען, צוליב פאַרשידענע סיבות, קעגן

---

*) זע די פּאָריקע באַמערקונג.

אַזאַ מין פֿאַרשווּנדן יידישע געלטער, פֿאַראייניקן זייערע שטימען און זייער אַקציע, זיי דאַרפֿן עפֿנטלעך צו וויסן געבן די סיבות פֿון זייער קעגנערשאַפֿט, זיי דאַרפֿן שטורמיש פּראָטעסטירן אין די צוטיילונג־אָרגאַניזמען פֿון דער קליימס־קאָנפֿערענץ און זיי מוזן איינהאַלטן דאָס רעאַליזירן פֿון דעם פֿינסטערן פּראָיעקט.

ווילן מיר זיך אָבער נישט קאָמפּראָמיטירן אין די אויגן פֿון דער מוניציפּאַליטעט, וועלכע האָט צוגעטיילט דעם פּלאַץ, און פֿאַר די הויכע פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן פּאַטראָנירט דעם פּראָ־יעקט ? ניין ! דער פּלאַץ און די יחוס־נעמען זענען געגעבן געוואָרן פֿאַר אַ מאָנומענט וואָס באַערט אונזערע קדושים אין הסכם מיט דער יידישער טראַדיציע. מיר אַנטשולדיקן זיך פֿאַרן ציטירן אונ־זערע פֿאַרשלאָגן פֿון יוני 1953 :

„פֿאַרוואָס זאָלן מיר נישט אויסבויען אויף דעם דאָזיקן פּלאַץ אַ הויז פֿאַר דער יידישער יוגנט; דער מאַנגל פֿון אַזאַ הויז לאָזט זיך זייער שטאַרק פֿילן אין פּאַריז".

דער שענסטער כבוד וואָס מיר קענען אָפּגעבן אונזערע מאַר־טירער איז דען נישט צו אונטערהאַלטן דעם פֿייער וואָס האָט אין זיי געברענט, איבערצוגעבן דאָס גלויבן וואָס זיי אַלע האָבן אַזוי ליב געהאַט, דאָס רעליגיעזע און דאָס וועלטלעכע גלויבן ? דער פּאַסיקסטער ענטפֿער אויף די רדיפֿות, איז דען נישט צו ווייזן אונ־זערע פֿאַרפֿאָלגער, אַז טראָץ זייערע באַמיאונגען, באַזיצן די יונגע יידן דאָס באַוווסטזיין פֿון זייער ווערט און אַז אויף אַזאַ אופֿן איז נצח ישראל אַ פֿאַרזיכערטער ?

ווער וואָגט צו זאָגן, אַז די מוניציפּאַליטעט און די הויכע פּערזענלעכקייטן וועלן זיך קעגנשטעלן דעם אויפֿבוי פֿון אַזאַ „מאָ־נומענט", וואָס איז דער איינציקער ווירדיקער אופֿן אָפּצוגעבן אַ ריעלן כבוד אונזערע מאַרטירער ?

(„טרע דיאוניאָן" נר.26, מערץ 1955)

## הרב ה. שילי

(הויפּט־ראַבינער, דירעקטאָר פון „סעמינאַר איזרעאַליט")

# אין צוזאַמענהאַנג מיטן מאָנומענט „פאַרן אומבאַקאַנטן יידישן מאַרטירער"

נאָך דער דעקלאַראַציע פון די געוועזענע רעזיסטאַנצלער אין שייכות מיטן מאָנומענט פאַרן אומבאַקאַנטן יידישן מאַרטירער, וועלכע מיר האָבן פאַרעפנטלעכט אין אונזער צייטונג פון 1 פעברואַר, האָט דער פאָרזיצער פון דעם פאַרבאַנד, דער אַד־וואָקאַט מעאָ קליין, באַקומען אַ בריוו פון דעם הויפּט-ראַבינער האַנרי שילי, דירעקטאָר פונעם „סעמינאַר איזראַעליט" :

„איך האָב גענומען אין אַכט די באַוואָרענישן געמאַכט דורך אייער אָרגאַניזאַציע קעגן דעם איצטיקן פּראָיעקט פון מאָנומענט פאַרן יידישן אומבאַקאַנטן מאַרטירער.

נישט אַריינגייענדיק אין איינצלהייטן און נישט וועלנדיק עפענען קיין דיסקוסיע, האַלט איך אָבער אז אייער אָרגאַניזאַציע דאַרף אויסאַרבעטן אַ קעגן־פּראָיעקט, שטיצנדיק זיך אויף אַלע קאָמפּעטענטע מיינונגען אין דעם ענין. אייער פּראָיעקט וועט דאַרפן געגעבן ווערן צום באַשטעטיקן פאַרשידענע אינסטיטוציעס פון אונזער ישוב און ער וועט זיך דאַרפן אינספּירירן מיט דער יידישער טראַדיציע, לויט וועלכער מען האָט שטענדיק באַערט די געשטאָרבענע מיט אַ פונדאַציע פאַר לעבעדיקע. אין דעם זין, צום ביישפּיל, קומט מיר פאָר אַז אַ הויז וואָלט געווען געוואונטשן : דאָס יידנטום אין פאַריז נויטיקט זיך זייער אין דעם.

איך האָף, אַז איר וועט אין קורצן קענען איבערגעבן אַזאַ מין פּראָיעקט די קאָמפּעטענטע פאַקטאָרן. איך וועל זיין זייער צופרידן זיך צו אים אָנצושליסן.

אין דער דאָזיקער האָפענונג, בלייב איך" א. א. וו.

מיר האָבן אויך דערהאַלטן דעם פאָלגענדן בריוו :

„העך רעדאַקטאָר,

אין דעם לעצטן נומער פון אייער צייטונג האָט איר פאַר־עפנטלעכט אַ בריוו פון די יידישע רעזיסטאַנצלער וועגן דעם פּראָיעקט פונעם מאָנומענט פאַרן יידישן אומבאַקאַנטן מאַרטירער.

אין נאָמען פון מערערע משפחות טראַגיש געטראָפענע דורך דעפּאָרטאַציעס, דערלויב איך מיר צו געבן אונזער פולשטענדיקע צושטימונג מיט דער מיינונג פון די רעזיס־טאַנצלער.

דערהאַלט אונזערע..." א. א. וו.

## אַנדרע פּאַרטאָס

אַווני טרודען 31

***

דער וועלט־קאָמיטעט פאַרן מאָנומענט פון אומבאַקאַנטן יידישן מאַרטירער האָט באַשלאָסן איינשטימיק — ד״ה דורך דער איינציקער שטימע פון זיין פּרעזידענט — אַז להבא וועט יעדער אַטאַקע קעגן זיין פּראָיעקט ווערן באַטראַכט אַלס אַן בוגד במלכות, ווייל דער דענישער קעניג האָט באַוויליקט זיך צו פּאַרינטערעסירן מיט דער רעאַליזירונג פונעם דענקמאָל.

(„ליעלאָן", פּורים 1952, נומער 15,5.)

# פראפעסאר בארוק קעגן פאריזער מאנומענט פארן יידישן מארטירער

פראפעסאר הענרי בארוק, האט פארעפנטלעכט פאלגנדיקע דער־קלערונג, אין שיכות מיטן מאנומענט פון אומבאקאנטן יידי־שן מארטירער:

„אין דער רעווי פון היינצייטיקן יידישן דאקומענטאציע־צענטער („לא מאנד זשוויף") פון יאנואר און פעברואר 1953, איז פארן א בריוו־אויסטויש צווישן ה. פינק און מיר אין שיכות מיט דעם מאנו־מענט. אין אונזער בריוו האבן מיר דאמאלט אויפמערקזאם געמאכט, אז דער באגריף מאנומענט, אזוי ווי ער איז פארשטאנען געווארן, דורך די אנגענומענע טערמינען פון פאנטעאן, ליידט פון דעם איינפ־לוס פון פאגאניזם און דערוויטערט זיך פון דער יידישער טראדיציע. מיר האבן דאמאלט געשריבן בפירוש: „די געצענדינערישע פעלקער, האבן מקריב געווען לעבעדיגע מענטשן, כדי צו בויען בית־עלמינס (נעקראפאלס), אזוי גוט ביי די פאראאנס ווי ביי די גריכיש־רוימער. אין גרונט גענומען, האבן די דאזיקע פעלקער פון געצענדינערייי זיך נישט געקאנט אנטשליסן צו דער אידייע פון טויט און האבן פאר־געטערט די טויטע ווי געטער דורך מקריב זיין פאר זיי אפילו, ווען עס איז נויטיק, לעבעדיגע.

די יידן אבער, נישט קוקנדיק דערויף וואס זיי באערן זייערע טויטע, דערמאנענדיק זיי מיט עמאציעס, האבן די טויטע נישט דער־הויבן צו דער מדרגה פון „געטער", ווייל עס איז נישט מער דא ווי איין גאט וואס האט צו באפעלן איבערן לעבן און איבערן טויט. דאס איז אויך די סיבה וואס די מצבות זענען בלויז אונטערצושטרייכן די מאכט פון גאט און זיין גערעכטיקייט.

דאס איז אויך די סיבה וואס די געפילן פון מאנאטעאיזם, וואס איז נאך לעבעדיג ביי א גרויסע צאל יידן, האט אויפגעוואכט ביי דער געלעגנהייט פון אויפבויען דעם מאנומענט.

א חוץ דעם דארף מען דערמאנען, אז דער בעסטער אופן פון

באַערן די קרבנות און די מאַרטירער פון דער גרויסער טראַגעדיע, איז צו העלפן די לבנגעבליבענע פון איין זייט און צו קעמפן אַז קיין נייע ענלעכע טראַגעדיע זאָל זיך מער נישט איבערחזרן אָבער וואָס טוט מען פאַר די געוועזענע דעפּאָרטירטע? אַלס אַ דאָקטאָר שטעל איך פעסט, אַז אַ סך פון זיי געפינען זיך אין אַ שווידערלעכער לאַגע. עס וואָלט געווען דרינגענד נויטיק אויסצובויען היימען פאַר אַזעלכע וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע משפחות און זענען פאַראייני־זאַמט.

דער אַזיל פון די לאַמארק איז נישט גענוג גרויס אויף צו געניגן פאַר אַזויפיל נויטבאַדערפטיקע. מיר האָבן שוין נישט איינמאָל אויפמערקזאַם געמאַכט די פאַראַנטוואָרטלעכע וועגן דער דאָזיקער בי־טערער לאַגע, וואָס איז ביז איצט געבליבן אַן רעזולטאַט. אין דער צייט ווען מיר זען דעם נאַציזם גייסט ווידער אויפוואַכן און די ווען עס ווערט ווידער גערעדט וועגן מאַכן עקספּערימענטן אויף מענטשן, ווען מ׳גרייט אָן אויפהער נייע מיטלען פון פאַרניכטונגען, אַנטוויקלונג פון רעגרעסיע פון הומאַניטאַרע געפילן, אין דער צייט ווען מען פאַרגעסט אָדער מען זוכט צו פאַרגעסן דעם אָנדענק פון דער שרעקלעכער טראַגעדיע וואָס די מענטשהייט האָט געהאַט אין איר געשיכטע — וואָס טוען מיר אויף צו שיצן די קרבנות פון די צוקונפטיקע אונטערדריקער? מען קאָן נישט בלייבן גלייכגילטיק און נישט זיין אָנגעפילט מיט טרויער, אין אָנבליק פון דעם קאָנט־ראַסט, צווישן דעם טויזנט־יאָריקן האַס וואָס לויערט קעגן יידישן פאָלק, אין נאָמען פון אַן אַזוי גערופענעם צוויפלהאַפטן גאָט־מאָרד און די באַלדיקע פאַרגעסנהייט פון די שווידערלעכן פאַרברעכנס וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אַן אמתן געטער־מאָרד־דער פאַרברעכן פון פּראָט לגבי דער מענטשהייט, וועגן וואָס אַ טייל וואָגן נישט מער צו רעדן.

(„אונזער וואָרט״ פון 9־טן מאַי 1955)

## הרב י. שווארץ

# אן ענטפער ה׳ שניאורסאן

אונמערקונג פון רעדאקציע:

מיר געבן גערן אן ארט אין אונזער צייטונג אויף אן ענטפער פון דעם חשובן רב שווארץ, וועלכער איז פערזענ־לעך אנגעגריפן געווארן דורך ה׳ שניאורסאן אינעם לעצטן נומער פון „מאנד זשורנ״.

דער שארפער שטרייט, וועלכער קומט פאר אן איבעד־רייס ארום דעם „מאנומענט פארן אומבעקאנטן מארטי־רער״ פארשטארקט נאך מער די ערנסטקייט ערנסט צו באהאנדלען און צו פארווירקלעכן דעם פלאן פון יוסף מילנער בנוגע אן „אינווענטאר פון יידישן אומקום״, וועגן וואס מיר האבן געשריבן אין די פאריקע נומערן פון „אונזער וועג״.

**א**יך פארשטיי גאנץ גוט, אז איר האט איינגעפונען, אז יעדע פאלעמיק ארום אייער פראיעקט וועגן א „מאנומענט פארן אומבעקאנטן יידישן מארטירער״ איז נישט אויפן ארט און נישט פאסנדיק.

איר וואלט זיכער בעסער געוואלט, אז דער יידישער ציבור אין פראנקרייך זאל פארזעצן זיין שטילשווייגן און לאזן דעם ענין גיין מיט זיין וועג. וואס אנבאלאנגט מיר, בין איך זייער צופרידן פעסט־צושטעלן, אז דא איז נישט דער פאל. די יידישע געזעלשאפט אין פראנקרייך האט ענערגיש רעאגירט, באלד ווי ס׳איז איר באקאנט געווארן דער ענין. פאר מיר איז דאס א צייכן פון וויטאליטעט, און איך באגריס מיט פרייד דאס גרינדן דעם קאמיטעט פון די יידישע ארגאניזאציעס צו רעווידירן דעם פראיעקט פון מאנומענט פארן

אומבאקאנטן יידישן מארטירער. איך שטעל אויך פעסט, אז די שטים פון דער יידישער געמיינשאפט אין פראנקרייך לאזט זיך נישט באַ־ערדיקן אפילו אונטער דעם שענסטן און רייכסטן מאָנומענט.

וואס שייך מיין אייגענע שטעלונג צו אט דער פראגע, האב איך זי גענוג באקאנט געמאכט אין ווארט און אין שריפט במשך פון מער ווי צוויי יאר און איך געפין נישט פאר נויטיק זיך צוריק־צוקערן צום דאזיקן ענין.

איך וואונדער זיך נאר מער דערפון, אז אפווארטנדיק צוויי יאר און האבנדיק געהאט די נויטיקע צייט מיר צוצוגרייטן א קאנקרעטן און טרעפלעכן ענטפער. זייט איר נישט געווען ביכולת מיר אים צו געבן. איר מוזט אלזא זיין זייער אָרעם אין אַרגומענטן, כדי מיר ארויסצורוקן די געלט־פראגע. נישט איך, בין דאך דער, וועמען איר קענט פארווארפן צו זיין עמפפינדלעך אויפן ריח פון געלט, און אָנעמען א קעגנערשאפט צו אייער פראָיעקט נאָר נאָך דעם, ווי די „קליימס קאנפערענץ" האט אסיגנירט 150,000 דאלאר. איר ווייסט דאך גאנץ גוט, אז מיין ערשטער ארטיקל אין דער דאזיקער פראגע דאטירט זיך פון מאי 1953, און אויב ווער עס איז אין יענער צייט עמפפינדלעך געווען אויפן ריח פון געלט—בין איך עס יעדנפאלס נישט. נישט איך האב אייגקאסירט געלט אין די פאראייניקטע שטאַ־טן, נישט איך האב געזאמלט שפענדן ביי יידן אין פראנקרייך, און נישט איך האב בדעה צו נעמען געלט פון דער „קליימס קאנפערענץ" אויף „אן ארון און זיין אינסטאלירונג".

אבער דער „פינאנץ"־ארגומענט, וועלכן איר רוקט ארויס אין דער ערשטער ריי, איז אפשר בלויז א צייכן פון דער שלעכטער לאגע, אין וועלכער איר געפינט זיך צוליבן פאקט — און איך ווידערהאָל עס נאָכאמאל—וואָס איר האָט געמאַכט פון מאָנומענט א פערזענ־לעכן ענין און איר האָט נישט געפונען פאר נויטיק אָנצופרעגן ספע־ציעל די מיינונג פון די גרויסע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין פראנק־רייך.

איר קענט מאכן א שיינעם קאמפליצירטן חשבון צו דערווייזן, אז די 19 יידישע ארגאניזאציעס, וועלכע באטייליקן זיך אין קאמי־טעט, וואָס פאָדערט א רעוויזיע פון אייער פראָיעקט, רעפרעזענטירן

נישט די יידישע געזעלשאפט אין פראנקרייך. איך, וועלכער באטייליק זיך נישט אינעם דאזיקן קאמיטעט (ווייל איך רעפרעזענטיר נישט קיין שום ארגאניזאציע, נאר רעד אין מיין אייגענעם נאמען), אזדי פערזענלעכקייטן, וועלכע פאטראנירן אייער פראיעקט, פארטרעטן נאר זיך אליין, און קיין שום יידישע ארגאניזאציע אין פראנקרייך, אלס אזעלכע, האט נישט געגעבן איר צושטימונג.

איך ווייס גאנץ גוט, אז איר גיט אן ביי די נעמען פון די מיטגלידער פון אייער פאטראנאזש־קאמיטעט די טיטלען, וועלכע זיי באזיצן עפעקטיוו, אבער איך ווייל אויס אויף א טענדענציעזן אופן די טיטולן, וועלכע קענען מאכן גלויבן אז די אנטשפרעכנדיקע מיט־גלידער פאטראנירן אייער פראיעקט אלס פארטרעטער פון די ארגא־ניזאציעס — און דאס איז פאלש.

ה׳ לעאן מיים רעפרעזענטירט נישט אין אייער קאמיטעט נישט די יידישע סקויטן און נישט „אזא״. ה׳ עדמאנד ווייל פארטרעט נישט דעם רעפרעזאנטיוון ראט פון טראדיציאנעלן יידנטום, נישט מער ווי ה׳ גאסטאן קאהן דעם „בני ברית״, און איך קען ציטירן אויך אנדערע.

איר האט נישט די צושטימונג פון קיין שום גרויסער יידישער ארגאניזאציע אין פראנקרייך, ווי די צענטראלע קאנסיסטאריע, די פאריזער קאנסיסטאריע, די „בני ברית״, רעפרעזאנטיווער ראט פון טראדיציאנעלן יידנטום, פאדעראציע פון די יידישע געזעלשאפטן אין פראנקרייך, די ציוניסטישע פעדעראציע האט עפנטלעך גענומען א פאזיציע קעגן אייער פראיעקט. די קהלה, די רעליגיעזע, ווי אויך די ליבעראלע געמיינדעס, נישט רעכנדיק די גרויסע צאל פון די אנדערע ארגאניזאציעס, זיינען אויסגעשפראכענע און פארביסענע קעגנערס פון אייער פראיעקט. איך ציטיר נישט א גרויסע צאל פערזענלעכקייטן, וועלכע זיינען אויך קעגן דעם. צווישן זיי געפינען זיך באראן גי דע ראשילד, פראפעסאר בארוך, זשארזש וואלמסער א. אנד.

קענט איר מיר אין די דאזיקע באדינגונגען פארווארפן, פארוואס איך קוואליפיציר אייער פראיעקט אלס פריוואטע איניציאטיוו? וואס באדייט פאר דער יידישער געזעלשאפט אין פראנקרייך די הסכמה

פון אייניקע פערזענלעכקייטן, ווי רעפרעזענטאטיוו זיי זאלן נישט זיין? וואס באדייט פאר איר אויך דער פאטראנאזש פון עטלעכע אמעריקאנער ארגאניזאציעס? ווייל סוף כל סוף איז דאך דאס פראנצויזישע יידנטום (און דאס לויטן הסכם מיט „יד ושם") וועלכעס דארף טראגן די לאסט פון אייער מאנומענט.

מיט וואס פאר א רעכט קען אין אזעלכע באדינגונגען ד״ר גאלדמאן זאגן, אז „אלע שטרעמונגען פון פראנצויזישן יידנטום זענען פארטרעטן אינערהאלב אייער קאמיטעט" ? ווייל ער דען נישט עפעס אנדייטן רעדנדיק וועגן ה' שניאורסאן, „וועלכער קען אויפצווינגען זיין ווילן און נאכפאלגן דעם ציל, וועלכן ער נעמט זיך פאר" ?

איר זאגט מיר, אז די סומעס, וועלכע זיינען אייך צוגעטיילט געווארן שטעלן נישט פאר דעם קוואטע־טייל פון דער יידישער געזעלשאפט אין פראנקרייך און אז די דאזיקע קען זיך נישט קעגנשטעלן דער דאזיקער באשטימונג. עס איז ריכטיק, אז דאס דאזיקע געלט וואלט צו אונז זיכער נישט אריינגעפאלן, ווען מען וואלט עס מארגן געגעבן פאר אן אנדערן צוועק און נישט פארן מאנומענט. אבער דאס איז וויניק וויכטיק. דאס געלט פון דער „קליימס קאנפערענץ" געהערט דער געמיינשאפט פון דער יידישער געזעלשאפט, וועלכע דארף עס האבן פאר איר גייסטיקן ווידעראויפבוי און נישט פאר א ווערק פון שטיין. פאר וואס פאר א ווערק די קליימס קאנפערענץ וועט צוטיילן אייערע 150 טויזנט דאלאר, וועלן מיר באגריסן. דאס וועט קיינמאל נישט זיין אזוי אומנוצלעך, ווי עס צו באשטימען אויפן דאזיקן מאנומענט.

אבער לאמיר צוקומען צום רעליגיעזן פראבלעם. דא איז עס, ווי איר, נאכגעפאלגט דורך ה' זשיסטאן גאדאר (אין זיין ענטפער צו פראפ. באוך), פילט זיך זייער שוואך. איר זייט א רב, זאגט איר? אלזא נאך בעסער פאר אייך. ווער האט אייך געצוווּנגען אנצוקומען צו „16 הויפט־רבנים און רבנים", מיט אייער אייגענער אויטאריטעט דארפט איר דאך זיך פילן ביכולת צו דעצידירן און צו פסקענען! נאר אין אמתן קען איך פארזיכערן און אן מורא א טעות צו האבן, אז מיט קיינעם פון די רבנים האט מען זיך נישט באראטן אין עצה

פון פּראָבלעם. איך פאַרזיכער נאַכאַמאָל, אַז ספּעציעל הרב הראשי הערצאָג, הרב הראשי פון ישׂראל, איז נישט איינשטימיק מיט אייער פּראָיעקט (עס גענוגט צו לייענען זיין בריוו פון 12־טן מאַי 1952, כדי זיך איבערצייגן וועגן דעם). זיין מיינונג איז מיר אויך פון אַן אַנדער זייט באַשטעטיקט געוואָרן דורך אַ בריוו פון 3־טן מאַי ה.י. אין וועלכן הרב הראשי הערצאָג שרייבט:

איך בין נישט לכתחילה אָנגעפרעגט געוואָרן, אויב דער פּראָיעקט איז און פאַר זיך איז געווינטשן אָדער נישט. איך בין בלויז אָנגעפרעגט געוואָרן וועגן הלכה׳שן געזיכטס־פּונקט און איך האָב אונטערזוכט, אויב דער מאָנומענט וועט דאַרפן אַנטהאַלטן מענטשלעכע געשטאַלטן און אַנדערע פּרטים פון זעלבן סאָרט. דערויף האָב איך באַקומען די נויטיקע באַרואיקונגען.

„וואָס אַנבאַלאַנגט דעם פּראָיעקט גופא, האַלט איך מיך ביי מיין ערשטער מיינונג. עס איז מעגלעך צו שאַפן אַ סך נוצלעכערע ווערק, וועלכע זאָלן אָפּגעבן כבוד די געפאַלענע יידן. דאָ איז איבעריק צו זאָגן, אַז אַ יתומים־הויז וואָלט געהאַט אין אומפאַרגלייכלעך גרעסערן ווערט ווי אַ מאָנומענט פון שטיין״.

אויב איר זייט באמת אַזאַ גרויסער בעל החלטות, און אויב בלויז ספּעקולאַטיווע צערעמאָניעס, לויט ווי איר זאָגט, דאַרפן געפייערט ווערן אין געדענק הויז, טאָ פאַרוואָס־זשע פאַרזיכערט איר, אַז אַ קאָמיסיע, צוזאַמענגעשטעלט פון רבנים פאַרנעמט זיך מיטן לייזן די רעליגיעזע פּראָבלעמען, וועלכע זענען אַנטשטאַנען דורך אייער פּראָיעקט? וואָס איז נוגע מיר, קען איך נישט קיין איין רב, וואָס זאָל זיך באַטייליקן אין דער דאָזיקער קאָמיסיע.

דער פאַקט, אַז אַלטע קברים זיינען אַן אָביעקט פון פאַרערונג פון מאַסן און אַז דער קולט פון טויטע, ווערט וואָס אַ מאָל מער פאַרשפּרייט אין אונזער תקופה, איז נישט עלול אונז צו צווינגען צו אַקצעפּטירן די פאַרמערונג פון אַזעלכע מאָנומענטן.

די לאַנדסמאַנשאַפטן פון אַ שטאָט, וווּ די קהלה איז חרוב געוואָרן קענען זיך טרעפן, אויב זיי ווינטשן זיך דאָס, און אָפּריכטן אַן אזכרה־תפילה אין איינעם פון אונזערע צאָלרייכע און שיינע בתי כנסת אין פּאַריז (איך דערמאָן אַז זייט דעם יאָר 1948 עקזיסטירט

א זכרון-מאָנומענט אין פּאדערהויף פון דער שול אויף רי דע לא וויקטואר). אויב זיי ווילן דאַקעגן אָרגאַניזירן אַ וועלטלעכע צערע־מאָניע, זיינען דערצו פאַרהאַן די בית-עלמינס. אלע דאזיקע סאסיע־טעס האָבן איבעריקענס נישט געוואָרט, אויף אייער איניציאַטיוו און פייערן שוין זייט צען יאָר אזא אדער אן אנדערע צערעמאָניע.

ה' שניאורסאן! דער יידישער ציבור אין פראנקרייך וויל נישט אייער מאָנומענט. איר וועט אים זיכער שלעכט משפטן, אפילו פאַר־אורטיילן, באַשולדיקן אין פארגעסן, אָבער סוף כל סוף דאַרף דער דאזיקער צבור טראגן די פאראנטוואָרט־לעכקייט פאר אן איניציאטיוו, וועלכע אנגאזשירט זיין צוקונפט. אויב ער געפינט איין פאר געניגנ־דיק צו ערן זיינע מארטירערס מיט א מאָנומענט, אויפגעשטעלט אויף דער הייליקער ערד, געהערט עס נישט צו אייך קעגנצושטעלן אייער פערזענלעכע מיינונג. ער געפינט איין, אז די גראטעוועטע פון אלע חרוב געוואָרענע קהלות אין אייראָפּע, וועלכע האָבן זיך איבער־גרופירט רעפּרעזענטירן דאס גאנצע יידנטום. עס געהערט נישט צו אייער ערן־פרעזידענט צו קוואליפיצירן דעם כבוד, וועלכער ווערט אפגעגעבן אונזערע מארטירער אלס „נאציאנאלן" און אים קעגנצו־שטעלן דעם „אינטערנאציאנאלן" כאראקטער פון אייער פראיעקט.

בלייבנדיק דויערהאפט אין אייער אנטשלאסנקייט קעגן דער מיינונג פון דער יידישער געזעלשאפט, נעמט איר אויף זיך א געוואלטיקע אחריות צו דיספּאנירן מיט פארמעגנס, וואס געהערן צו אונזערע טייערע און פארערטע קדושים, קעגן דעם גייסט וועלכער האט זיי באלעבט.

# אויף דער פאַרזאַמלונג פון די וויכטיקסטע יידישע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס וועגן דער פראַגע פון דעם דענקמאָל פאַרן אומבאַקאַנטן מאַרטירער

דאָס, וואָס עס איז פאָרגעקומען אויף דער פאַרזאַמלונג, גערופן פון די געוועזענע יידישע רעזיסטאַנץ־קעמפער איז איבערגעשטיגן יעדע דערוואַרטונג.

די ערשטע וואָס האָבן זיך אָפּגערופן נאָך דער רעזאָלוציע פון דער קהלה וועגן דענקמאָל פון אומבאַקאַנטן מאַרטירער זענען געווען די געוועזענע רעזיסטאַנצלער, וועלכע האָבן זיך אַליין געשטעלט די קלאָץ־קשיא, ווי איז עס מעגלעך, וואָס אין דאָזיקן „וועלט־קאָמיטעט" פון דענקמאָל צו וועלכן עס געהערן די גרעסטע מלוכה־מענער פון דער וועלט און וואָס פּאַטראָנירן אים, זענען נישט פאַרטרעטן די דירעקטע „מחותנים" צו אַזאַ דענקמאָל, ווי רעזיסטאַנצלער, פראָנט־קעמפער, אינטערנירטע, דעפּאָרטירטע און בכלל, וווּ איז דער דעת הקהל, וואָס זאָל פאַרוואַלטן און דעצידירן וועגן אַזאַ עווענטועלן דענקמאָל ?

## די אַקציע פון די רעזיסטאַנצלער

האָבן די רעזיסטענצלער זיך געווענדעט צו דער גאַנצער הינער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט צו קומען אויף א זיצונג און אויסדריקן די מיינונג, וואָס זיי האָבן צו זאָגן וועגן דאָזיקן ענין, צי איז מאָקע אַ שטיין די געהעריקע פאָרם, וואָס דאַרף פאַראייביקן דעם אָנדענק פון 6 מיליאָן יידישע מאַרטירער און צי איז נישט גרינגער, אַז די יידן, אלס דער „עם הספר" זאָלן ליבערשט אויפשטעלן א לעבנדיקן וועג כאָטש אין דעם פאָרם פון אַ יוגנט־היים, אָדער שולע, וווּ ס'זאָל פאָרגעזעצט ווערן אונזער קיום המשך.

ווער איז יאָ, און ווער איז נישט געקומען ?

אויך דער „וועלט־קאָמיטעט" פון דענקמאָל האָט באַקומען אַזאַ איינלאַדונג צו קומען צו דער דאָזיקער אינפאָרמאַטיווער

פאַרזאַמלונג. דעסגלײכן האָט אַזאַ אײנלאַדונג באַקומען דער דאָ־קומענטאַציע־צענטער. קײן אײנציקער פאָרשטײער פון זײ איז נישט געקומען צו דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג און דערמיט באַשטע־טיקט דעם פאָרװורף און אפילו באַשולדיקונג, אַז דער פּריװאַטער אָרגאַניזאַטאָר פון דאָזיקן דענקמאָל רעכנט זיך נישט מיט קײנעם.

דאַקעגן האָבן זיך געמאָלדן צו דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג **פאָלגענדיקע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס:**

דער „קריף", די קאָנסיסטאָריע, טראַדיציאָנעלע ײדן, די סינאַ־גאָגע פון קאָדע, די ײדישע קהלה פון פּאַריז, „אָזע", השומר הצעיר, פּאַרטײ פון פּראָגרעסיװע ציוניסטן, פּועלי ציון התאחדות, מזרחי, קרן הספר, ליבעראַלע איזראַעליטישע אוניע, ײדישע נאַ־ציאָנאַלע באַװעגונג, פּאַרײן פון פּליטים פון פּױלישן ײדנטום, די סטודענטן־אָרגאַניזאַציע, די סקױטן־אָרגאַניזאַציע, יונגנט־אָרגאַני־זאַציע „בילו", דער „מכבי", די רש"י־שול, די מאָנטעװידעאָ־שול, די דעפּאָרטירטע, און נאָך עטלעכע ײדישע אָרגאַניזאַציעס, װאָס מיר האָבן נישט באַװיזן צו פאַרנאָטירן זײערע נעמען.

## דער פּראָטעסט

און אָט איז געקומען צו אַ מערקװירדיק בילד, װי אַזױ פאָר־שטײער פון גאַנצן היגן ײדנטום, סײ די אױטאָכטאָנע, סײ די ספּרדישע און סײ די נײ־אײנגעװאַנדערטע ײדן פון מזרח־אײראָ־פּע, האָבן זיך געמײנזאַם געגעבן די הענט צו אַ סאָלידאַרישן פּראָ־טעסט קעגן דער דאָזיקער גרינגשעצונג און נישט רעכענען זיך מיטן װילן פון דער עפנטלעכער ײדישער מײנונג.

די פאַרזאַמלונג איז פאַרגעקומען אין אײנעם פון די זאַלן פון מיליטערישן צערקל. נאָך עטלעכע אײנלײטונגס־װערטער פון ה' פּאָהאָרילעס, האָט דעם פּאָרזיץ איבערגענומען אַדװ. טעאָ קלײן. ער האָט רעפערירט דעם ענין, אָנגעװיזן אַז דער אַזױ גערופענער װעלט־קאָמיטעט פון דענקמאָל רעכנט זיך נישט מיט דער עפנט־לעכער מײנונג און געהאַלטן פאַר נױטיק נישט צו קומען צו דער הײנטיקער פאַרזאַמלונג. מוז דעריבער הײנט קומען צום אױסדרוק די מײנונג פון דער אָרגאַניזירטער היגער ײדישער געזעלשאַפט־

לעבקייט, וואָס קומט מיט אַ קאָנטרפּראָיעקט פון אַזאַ דענקמאָל און דאָס וועט דאַרפן זיין אַ לעבעדיקער דענקמאָל און נישט קיין שטיין, אַ דענקמאָל, וואָס איז אין איינקלאַנג מיט די בעסטע און שענסטע יידישע טראַדיציעס.

## דער פאָנד סאָציאַל איז קעגן דענקמאָל

די אָרגאַניזאַטאָרן פון דענקמאָל האָבן זיך פאַרופן דערויף, אַז דאָס אמתע פראַנצויזישע יידנטום איז נישט קעגן אַזאַ דענקמאָל פון שטיין. ווייל ער דעריבער איבערגעבן די אינפאָרמאַציע, אַז מיט עטלעכע שעה פריער איז פאָרגעקומען די קאָנסטיטואירנדיקע זיצונג פון נייעם דירעקטאָרן־קאָמיטעט אין פאַראייניקטן יידישן סאָציאַלן פאָנד און דאָרט איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע, אַז דער סאָציאַלער פאָנד איז קעגן דעם דאָזיקן דענקמאָל און וועט אים נישט דירעקט און נישט אומדירעקט שטיצן. באַראָן גי דע ראָטשילד האָט דעריבער זיך פאַרענטפערט, אַז ער איז נישט אַרויסגעטרעטן הויך קעגן דאָזיקן דענקמאָל, ווייל ער האָט דאָך געוואָלט טראָגן נישט קיין לאָקאַלן כאַראַקטער, בלויז פאַר פראַנקרייך, נאָר אַ וועלט־כאַראַקטער. איצטער האָט זיך געווענדעט צום וועלט־קאָמיטעט פון דענקמאָל מיט דער פאָדערונג אָראָפּצונעמען זיין נאָמען פון דער ליסטע פון ערן־קאָמיטעט פון דענקמאָל. דער רעדנער מיינט צום סוף, אַז עס איז כדאי אַז די היינטיקע פאַרזאַמלונג זאָל זיך שטעלן אין קאָנטאַקט מיט אַנדערע אייראָפּעאישע יידישע ציבורים אין דער פראַגע פון שאַפן אַן אייראָפּעאישן קאָמיטעט.

נ. זילבערבערג, גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער קהלה ווייזט אָן, אַז די איניציאַטיוו פון דער קהלה צו פּראָטעסטירן קעגן דענקמאָל האָט געפונען אַזאַ ברייטן אָפּקלאַנג אין דער היגער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, וואָס האָט דערפירט צו דער היינטיקער אימפּאָנירנדיקער פאַרזאַמלונג פון גרעסטן טייל פון היגן אָרגאַניזירטן ישוב, אַז דער דעת הקהל קומט אַזוי שטאַרק און בולט צום אויסדרוק אין פראַגן, וואָס נאָר ער אַליין האָט צו זאָגן און דעצידירן וועגן דעם, ער שלאָגט פאָר, אַז די פאַרזאַמלונג זאָל אָנעמען אַלס

באַזע פון דער דיסקוסיע, די רעזאָלוציע פון דער קהלה, וואָס האָט זיך קאַטעגאָריש אַרויסגעזאָגט קעגן דער איניציאַטיוו פון יחידים אין פראַגן וואָס זענען נוגע דעם יידישן פאָלק.

ה׳ פלאַם רעדט אין נאָמען פון מזרחי און דער רש״י־שול. ער פּראָטעסטירט שאַרף קעגן דער איניציאַטיוו פון א יחיד, וואָס האַלט נישט פאַר נויטיק זיך מיט קיינעם נישט צו באַראַטן, מיר האַלטן, אז א דענקמאָל פון אַ שטיין איז נישט די געהעריקע פאָרם אויף צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון קדושים. מיר ווילן, אַז א ספר זאָל דערמאָנען זייער אָנדענק און נישט קיין שטיין, זענען מיר דאָך דער קלאַסישער עם הספר.

ד״ר נין־נייגאָלדבערג באַרירט אין נאָמען פון יידישע פּליטים פון פּוילן, עטלעכע אַספּעקטן פון דאָזיקן פּראָבלעם, אַז דאָס אַמעריקאַנער יידנטום איז ברייטהאַרציק מיט די קליימס־געלטער פאַרן דענקמאָל. אַליין וואָלט עס זיכער נישט געגעבן דערויף. פאַר די זעלבע קליימס־געלטער שטעלט מען אויף אַ טעאַטער אין... ניו־יאָרק. יוגנט קאָן זיך נישט פאַרזאַמלען ביי אַ טרויער־דענקמאָל בכדי דאָרט זיך צו לערנען אָדער שפּילן.

ד״ר מנחם (רעזיסטאַנץ) איז אַבסאָלוט קעגן א גראַנדיעזן דענקמאָל. עס וועט געגוג זיין א באַשיידענער שטיין, וואָס זאָל קאָסטן אַ מינימום. דאַקעגן זאָל פאַרן געלט געשאַפן ווערן אַ הויז פאַר דער יידישער יוגנט. אָט דאָס איז דער קעגן־פּראָיעקט פון אויפשטעלן נישט קיין טויטן נאָר אַ לעבעדיקן דענקמאָל פאַרן יידישן פאָלק.

ה׳ בלאַנק זאָגט זיך שאַרף אַרויס קעגן דענקמאָל און קעגן די מעטאָדן מיט וועלכע אַזאַ דענקמאָל ווערט אויפגעשטעלט. ווו איז די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט, וואָס זאָל דעצידירן וועגן דעם, מען דאַרף רופן אַ גרויסן עפנטלעכן מיטינג און דערציילן דער יידישער באַפעלקערונג די אַלע קונציקע מעשיות, און מעשים, וואָס זענען באַגאַנגען געוואָרן מיט און אַרום דעם דענקמאָל. מען מוז פאָדערן פון די איצטיקע בעלי־בתים פון דענקמאָל אַ דין וחשבון וואָס און ווי אַזוי האָבן זיי אויסגעגעבן די צענדליקער מיליאָנען אויב נישט נאָך מער, ביז איצט. זאָלן אַדוואָקאַטן זוכן לעגאַלע

פראַצעדורן אויף צו מאַכן אַ סוף מיט דער גאַנצער געשיכטע און געזעלשאַפטלעכן סקאַנדאַל.

נאָך דער רעדע פון ה׳ אשכנזי, וואָס איז אַ ספרדישער ייד, וועלכער פאָדערט, אַז דאָס געלט זאָל בעסער פאַרוועגדעט ווערן פאַר יידישע קינדער, וואָס הונגערן אין די שולן, בכדי צו קאָנען מיט זיי בעסער ממשיך זיין די יידישע קולטור.

א. רודי דריקט אויס אין זיין רעדע זיין גרויסע צופרידנ־קייט וואָס נאָך דער קהלה, קומט היינט צום אויסדרוק די שטים פון דעת הקהל. ה׳ רודי גיט איבער פאַקטן, פון וועלכע עס איז צו זען, אַז דער אַזוי רענאָמירטער דאָקומענטאַציע־צענטער באַזיצט נישט די נויטיקע דאָקומענטן, וואָס זאָל פּראַייביקן די יידישע טראַגעדיע און דער וואָס וויל איצט באַזאָרגן 6 מיליאָן אומגעבראַכטע יידן טראַכט גאָר נישט וועגן באַזאָרגן ליבערשט לעבעדיקע יידן. אַנ־שטאָט דעם האָט ער אויף זיין אופן דערלאַנגט צו די קליימס־געל־טער. צו דעם סקאַנדאַל טאָר נישט דערלאָזט ווערן. ער דאַנקט די רעזיסטאַנצלער פאַר זייער איניציאַטיוו צו מאָביליזירן די עפנטלע־כע יידישע מיינונג קעגן דאָזיקן דענקמאָל. ער שלאָגט פאָר תיכף צו שאַפן אַן אַקציע־קאָמיטעט קעגן דענקמאָל.

נעלי פרידמאַן פון „בילו", ווייזט אָן, אַז אפילו אין ישראל טראָגט דער דענקמאָל לכבוד די קדושים גאָר אַ באַשיידענעם כאַ־ראַקטער, טאָ צו וואָס די פאַריזער „פּאָמפּע" מיטן דענקמאָל. נישט דער שטיין וועט פאַראייביקן דאָס יידישע פאָלק, נאָר דאָס לעבע־דיקע יידישע פאָלק וועט זיין דער דענקמאָל. שאַפן קאָנסטרוקטיווע ווערטן, ווי לערנען אין יידישע שולן העברעאיש וועט זיין דער בעסטער און שענסטער מאָנומענט.

ה׳ דרענגער זאָגט אַז ניו־יאָרק וואַרט אויפן אויסגאַנג פון היינטיקן אָוונט און וואָס וויל אַז דער מאָנומענט זאָל פּאַרוואַל־טעט ווערן דורך אַ פאַראַנטוואָרטלעכער אָרגאַניזירטער יידישער אינסטיטוציע.

ה׳ טאַראָנטשיק פרעגט ווער האָט געגעבן אַ רעכט צו שטעלן זיין פאָטער אַ דענקמאָל, וואָס איז נישט אין איינקלאַנג מיט דער יידישער טראַדיציע. דער בעסטער מאָנומענט וועט זיין אַ שטאַר־

קע יידישע יוגנט און געבענטשט זאָלן זיין די, וואָס ווילן אַנשטאַט אַ טויטן שטיין אַ לעבעדיקן מאָנומענט.

ה׳ גאָלדלוסט שלאָגט פאָר תיכף צו שאַפן אַ קאָמיטעט וואָס זאָל דורכפירן דעם קעגן־פּראָיעקט פון אַ לעבעדיקן דענקמאָל.

עס רעדן נאָך ה׳ לוי פון דער קאַדעט־שול, וואָס פאָדערט אַ הויז פאַר סטודענטן.

ה׳ דיקא עפּרויקין ווייזט אָן אַז דאָס שאַפן דעם וועלט־קאָמי־טעט מיט די גרויסע פּערזענלעכקייטן באַדייט עקספּלאָאַטאַציע פון דער יידישער טראַגעדיע. דאָס פראַנצויזישע אויטאָכטאָנע יידנטום אין קעגן דענקמאָל. דער אויבער־ראַבינער שילי איז אין נאָמען פון פראַנצויזישן רעליגיעזן יידנטום אַרויסגעטראָטן קעגן דענקמאָל. דעסגלייכן באַראָן דע ראָטשילד. די היינטיקע אַקציע האָט אַלע שאַנסן, אַז איר וועט געלונגען צו ליקווידירן דעם דענקמאָל.

ה׳ יוסף נויפעלד טרעט אַרויס אין נאָמען פון „פּועלי ציון התאַחדות״ קעגן מאָנומענט. דער ריכטיקער דענקמאָל וועט זיין דער וועג וואָס פירט די יוגנט קיין ישראל, דאָרט איז אונזער צו־קונפט און דער המשך פון יידישן פאָלק. דאָרט וועט מען זיין זי־כער מיטן יידישן פאָלק. יד ושם אין ישראל, מיט די 6 מיליאָן בוימער וועט זיין דער ריכטיקער מאָנומענט פון יידישן פאָלק. אַ יידישער מאָנומענט, באַדייט יידישע קולטור, אַ געביידע, ווו עס ווערט געפלאַנצט יידישקייט ביי יוגנט.

נאָך דער רעדע פון ה׳ קוסטראַן, וועלכער ווייזט אָן אַז עס זענען נאָך אפילו די פונדאַמענטן פון דענקמאָל נישט אויפגע־שטעלט געוואָרן, איז נאָך נישט צו שפּעט צו מאַכן אַ סוף מיטן גאַנצן דענקמאָל.

## די רעזאָלוציע

איינשטימיק ווערט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וואָס ווערט מע־לעגראַפיש איבערגעשיקט צו דער „קליימס־קאָנפערענץ״ און אין וועלכער עס ווערט געזאָגט, אַז פאַרזאַמלטע יידישע אינסטיטוציעס דריקן אויס זייער עיקרדיקע און פּרינציפּיעלע קעגנערשאַפט צום

איצטיקן פראיעקט פון א מאָנומענט צום אָנדענק פון אומבאַקאַנטן יידישן מאַרטירער און שאַפן אַ קאָמיטעט פון יידישע אָרגאַניזאַציעס בכדי צו רעווידירן דעם פראָיעקט פון אַזאַ מאָנומענט און דערפאַר צו רעאַליזירן אַן אָנדענק־פראָיעקט לויט פאָלגנדיקע פרינציפן :

אז דער אופן פון דערמאָנען די טויטע דאַרף נישט שאפן אַ מין נייעם קולט, אַז יעדער פראָיעקט פון פאראייביקן זייער אָנדענק דאַרף זיין געווענדעט אין דער ריכטונג פון ממשיך זיין די יידישקייט דורך דער יידישער קולטור און אַז אַ טייל פון די פאָנדן זאָל רעזערווירט ווערן אויף צו קאָנען קאָנסערווירן די צוקונפטיקע אײַנריכטונגען.

דער נייער קאָמיטעט פאָדערט אויף צו פארעפנטלעכן דעם אינהאַלט פון אָפמאַך צווישן דער „קליימס־קאָנפערענץ" און ביז איצטיקן קאָמיטעט.

(„אונזער וואָרט" פון דאָנערשטיק, דעם 24־טן מערץ 1955)

# דער ועד הרבנים בײַ דער קאָנסיסטאָריע אײנשטימיק אָנגענומען א רעזאָלוציע קעגן מאָנומענט

א‏ין דער פּאריזער קאָנסיסטאָריע איז די לעצטע וואָך פאָרגעקומען א צוזאמענפאָר פון אַלע רבנים פון דער קאָנסיסטאָריע.

אויפן דאָזיקן רבנים־צוזאמענפאָר איז ראבינער מאיר זשאַים מיט אַ גרויסער מערהייט שטימען אויסגעוויילט געוואָרן אלס אויבער־ראבינער פון פּאריז. הרב זשאַים איז אַ ציוניסט און איז א מיטגליד פון דער מועצה פון הפועל המזרחי.

דער זעלבער רבנים־צוזאמענפאָר האָט זיך אויך באַשעפטיקט מיטן ענין פון פּראָיעקטירטן מאָנומענט פון אומבאַקאַנטן יידישן מאַרטירער, וואָס מען וויל נאָך אַלץ אויפשטעלן אין פּאריז. דער דאָזיקער פּונקט איז אַרויפגעשטעלט געוואָרן אויפן סדר־היום פון עטלעכע פּאריזער רבנים. נאָכן אויסהערן דעם רעפעראַט פון הרב שוואַרץ און אַנדערע רבנים, האָט דער ועד הרבנים בײַ דער קאָנסיסטאָריע אײנשטימיק זיך אַרויסגעזאָגט קעגן אויפשטעלן אַזאַ מאָנומענט. בלויז איין פּערזאָן האָט זיך אָפּגעהאלטן פון שטימען.

דער ענין מאָנומענט איז אויך געווען די טעמע אויף דער לעצטער זיצונג פון דער קהילה־פּארוואלטונג.

שוין נישט־רעדנדיק וועגן דער נעגאטיווער שטעלונג פון דער היגער קהילה קעגן דאָזיקן דענקמאָל בכלל, האָבן עטלעכע פרנסים אויסגעדריקט זייער גרויסע פּאַרביטערונג און שאַרפן פּראָטעסט קעגן חלול הקודש, וואָס דער דאָזיקער דענקמאָל ווערט געבויט אום שבת. אויף אזא אופן וויל מען פארהייליקן דעם נאָמען פון מיליאָנען פרומע יידן, וואָס זענען אומגעקומען על קידוש השם, דערמיט וואָס מען בויט א דענקמאָל פאר זייערטוועגן אום שבת.

אויך דער געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן קעגן דאָזיקן מאָנומענט האָט באַשלאָסן אויף זיין לעצטער זיצונג צו אָרגאַניזירן אין פּאַריז אַ ריי מיטינגען, אויף וועלכע עס זאָל אויפגעקלערט ווערן פאַרוואָס מען טאָר נישט דערלאָזן אויפשטעלן דעם דאָזיקן דענקמאָל אין פּאַריז.

(„אונזער וואָרט" פון 27־טן יוני 1955)

# צום גענעראַל-סעקרעטאר פון דער פעדעראַציע פון די יידישע געזעלשאַפטן

מיר, די אונטערגעשריבענע מיטגלידער פון דער ביוראָ פון דער פעדעראַציע, דריקן אויס אונזער פראָטעסט פאַר דער פאַר־עפנטלעכטער רעזאָלוציע פון דעם 5־טן אַפּריל 1955.

מיר שטעלן פעסט דאָס די רעזאָלוציע איז ווייט פון זיין די ריכטיקע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער זיצונג פון דעם 24־טן אַפּריל 1955. דעריבער פאָדערן מיר ווי אַמשנעלסטן אויס־צובעסערן, דער עיקר דעם פונקט, וו עס רעד זיך, אַז דער קבר דאַרף טראָגן דעם נאָמען פאַר די זעקס מיליאָן אומגעקומענע יידן, ווי אויך פאַר די הונדערט און צוואנציק טויזנט פון פראנקרייך.

עס דאַרף זיך לייענען: דער קבר קען נאָר טראָגן דעם נאָ־מען פון די הונדערט און צוואנציק טויזנט דעפּאָרטירטע פון פראַנקרייך, וועלכע זענען אַ טייל פון די זעקס מיליאָן.

מיר ווילן גלויבן דאָס איר וועט די אומפּינקטלעכקייט פון דער רעזאָלוציע אויסבעסערן און דערמיט אויסמיידן פאַר ביידע צדדים אומאַנגענעמע דיסקוסיעס, וואָס וועלן בלויז פאַרשאַרפן די געמיטער.

א. א. לוקסענבורג, אברהם רודי, שמעלקע קאהן, י. דרענגער, מאראנטשיק, ה. שלייפער, י. זייד־שנור.

# ווער האָט געפעלשט ?

## „אונזער וואָרט” אָדער די בונדישע „שטימע”

### אָפענער בריוו צום פאריין פון די געוועזענע פראָנטקעמפער און פרייוויליקע

מיט עטלעכע טעג צוריק, איז פאָרגעקומען די יערלעכע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג ביי די געוו. פראָנטקעמפער און פרייוויליקע. „אונזער וואָרט” און די בונדישע „שטימע” האָבן געבראַכט אויספירלעכע באַריכטן פון פאַרלויף פון דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג און די אָנגענומענע רעזאָלוציעס. אָבער, צו מיין איבעראַשונג, האָב איך געזען, אז די רעזאָלוציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג בנוגע דעם אויפשטעלן אַ דענקמאָל לכבוד דעם יידישן מאַרטירער איז אַנדערש אין „אונזער וואָרט” און אין דער בונדישער „שטימע”. די לעצטע גיט אָן דעם טעקסט פון דער רעזאָלוציע מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

„וואָס שייך דעם מאָנומענט, ווערט אנגענומען מיט אַ מערהייט שטימען די פאָרגעלייגטע רעזאָלוציע פון הי מענדל גליקסמאַן, אַז דער פארבאַנד זאָגט זיך אַרויס פארן אויפבוי פון מאָנומענט, אָן שום רעזערוון”.

אין „אונזער וואָרט” דאַקעגן ווערט געזאָגט, אַז „די אלגעמיינע פאַרזאַמלונג נעמט שטעלונג צו דעם ענין פון אויפבויען אין פאריז דעם מאָנומענט פארן אומבאַקאַנטן יידישן מאַרטירער, און באַשליסט צו פאָדערן פון דעם איניציאַטיוו־קאָמיטעט אויסצובייטערן זיין פאָרום, אַזוי, אז ער זאָל מיט זיך פאָרשטעלן די גאַנצע יידישע געזעלשאַפטלעכקייט פון פאריז”.

ווי דער לייענער קאָן זיך איבערציי גן פון אָט די צוויי טעקסטן, איז דער אונטערשיד א וועזנטלעכער. פרעג איך דעם קאָמבאַטאַנטן פאריין, אַז זיי זאָלן קלאָר און דייטלעך ענטפערן, ווער האָט געפעלשט זייער רעזאָלוציע — „אונזער וואָרט” צי די בונדישע „שטימע” ?

אברהם רודי.

# נאָך אַמאָל וועגן דאָקומענטאַציע-צענטער

מיטוואָך, דעם 21־טן נאָוועמבער, האָט דער דאָקומענטאַציע־צענטער גערופן אַן עפנטלעכע פאָלקס־פאַרזאַמלונג אין האָטעל „לוטעציאַ".

דער צוועק פון דער פארזאמלונג איז געוועזן אַרומצורעדן דעם פּלאַן וועגן א דענקמאָל צום אָנדענק פון די אומגעקומענע און אַ סך יידן, צווישן זיי אַ דעלעגאַציע פון מאַרשאַנעס־פאַריין, איז געקומען מיט דער כוונה אויסצודריקן זייער מיינונג אין שייכות מיטן דאָזיקן ענין. פארשטייט זיך, אז קודם כל האָבן גערעדט די אָפיציעלע רעדנער. פונקט עלף אַזייגער האָבן זיי אַלע, אין דער צאָל פון זעקס, געהאַט געענדיקט זייערע רעפעראַטן און די אָנוועזנדיקע אין זאַל זענען געווען זיכער, אז באַלד נאָכדעם וועט דער פאָרזיצער עפענען א דיסקוסיע, כדי אויסצוהערן די מיינונג פון עולם. זיי האָבן אָבער געהאַט אַ טעות. באַלד ווי דער לעצטער רעדנער האָט געהאַט געענדיקט, האָט ה׳ מאיס שנעל גענומען רעדן אין מיקראָ אַריין :

„אַ באַדייטנדיקע צאָל אָנוועזנדיקע האָבן געבעטן אַ וואָרט. מיר קענען זיי קיין וואָרט נישט געבן. מיר דריקן אָבער אויס אָט די אַלע פריינט אַ דאַנק פאַר דער אַנערקענונג, וואָס זיי האָבן בדעה אויסצודריקן אין זייערע אינטערווענצן דעם דאָקומענטאַציע־צענטער פארן אויפשטעלן דעם דענקמאָל.

אַ גוטע נאַכט, „לאַ סעאַנס ע לעווע".

דער דאָקומענטאַציע־צענטער האָט ווידער אַמאָל באַוויזן, אַז ער רעכנט זיך נישט מיט די מיינונגען פון די היטלער־קרבנות, אַז ער וויל נישט וויסן וואָס עס האָט וועגן ענין מאָנומענט צו זאָגן דער „המון". און דער המון אין וועמענס נאָמען דער דאָקומענטאַציע־צענטער רעדט, איז נישט מסכים מיט זיין פירונג און האַנדלונג. בשום אופן נישט. און אויב ער וועט ווייטער נישט וועלן זיך רעכענען מיט דעם, וואָס עס טראַכטן וועגן ענין די פשוטע פאָלקס־יידן, די אלמנות און יתומים פון די אומגעקומענע, וועט ער מוזן צו דעם געצווונגען ווערן. („אַרבעטער וואָרט", ד־טן דעצ. 1951)

# די ציוניסטישע פעדעראציע אין פראנקרייך קעגן דעם אויפשטעלן דעם מאָנומענט פון אומבאַקאַנטן יידישן מאַרטירער אין פאריז

אויף דער זיצונג פון עקזעקוטיוו-ביוראָ פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע אין פראַנקרייך, דעם 4־טן מאַי 1955, האָט דאָס ביוראָ איינשטימיק אָנגענומען דעם פּרינציפּיעלן באַשלוס „וואָס פאַראורטיילט דאָס אויפשטעלן דעם מאָנומענט פון אומבאַקאַנטן יידישן מאַרטירער אין אַן אַנדער אָרט ווי אין ישראל” און האָט באַאויפטראַגט אַ קאָמיסיע פון דריי מיטגלידער פון ביוראָ (די ח”ח קרוסטיאַן, רשף און קאַלכהיים) אויסצואַרבעטן אַ רעזאָלוציע, וואָס זאָל פאַרגעשטעלט ווערן פאַרן ענגן ביוראָ פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע, אויף זיין נאָענטסטער זיצונג.

נאָך דער באַהאַנדלונג פון דער פראַגע אין ענגן ביוראָ, איז דער רעזאָלוציע־פּראָיעקט, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך דער קאָמיסיע, געבראַכט געוואָרן פאַרן פּלענום פון עקזעקוטיוו־ביוראָ, דעם 17־טן מאַי 1955. נאָך אַ לענגערער דעבאַטע און אַ ריי טיילווייזע אָפּשטימונגען, איז ענדלעך אָנגענומען געוואָרן מיט אַן אַבסאָלוטער מערהייט די פאָלגנדיקע רעזאָלוציע:

## רעזאָלוציע

„די ציוניסטישע פעדעראַציע אין פראַנקרייך, דערשיטערט דורך די רעאַקציעס וואָס האָט אַרויסגערופן אין די יידישע ישובים דער אָנזאָג פון די בוי־אַרבעטן אין פאַריז פונם קבר פון אומבאַקאַנטן יידישן מאַרטירער, האָט אָנגענומען די פאָלגנדיקע רעזאָלוציע:

„די ציוניסטישע פעדעראַציע אין פראַנקרייך, זייענדיק אין דער מיינונג, אַז יעדע אונטערנעמונג פון דערמאָנונג אָדער פאַראייביקונג, אין אַ יידישן וועלט־מאַסשטאַב, וואָס שייך דער פאַרטיליקונג פון די זעקס מיליאָן יידן, קען

פאַרווירקלעכט ווערן נאָר אויף דער יידישער ערד : אין ישראל.

און אַז די יידישע מאַרטירער פונם נאַציזם, וואָס האָבן נישט געקאָנט באַקומען קיין קבר אויפן אָרט פון זייער טראַגישן אומקום, קענען באַערדיקט ווערן סימבאָליש נאָר אין יידישער ערד, ווו די דאָזיקע קדושים וואָלטן געוואָלט באַערט און פאראייביקט ווערן.

זאָגט זיך פאָרמעל ארויס קעגן דעם אויפשטעלן אין פאריז פונם קבר פון אומבאַקאַנטן יידישן מאַרטירער, אַ מאָנומענט פון אוניווערסאַלן כאַראַקטער.

„די ציוניסטישע פעדעראציע אין פראַנקרייך לייגט פאָר די שאַפונג פון אַ פראַנצויזיש־יידישן אָנדענק־קאָמיטעט כדי צו פאראייביקן אויף א בכבודיקן אופן די 120.000 יידן פון פראַנקרייך, אומשולדיקע קרבנות פון דער נאַצישער באַרבאַריי".

# נייער אָנשלוס אין קאָמיטעט פון די יידישע אָרגאַניזאַציעס צו רעווידירן דעם פּראָיעקט פון מאָנומענט פאַרן יידישן אומבאַקאַנטן מאַרטירער

פונם קאָמיטעט פון יידישע אָרגאַניזאַציעס אויף צו שטודירן דעם פּראָיעקט פון מאָנומענט פון אומבאַקאַנטן יידישן מאַרטירער האָבן מיר באַקומען צוגעשיקט אַ קאָמוניקאַט, אין וועלכן ס׳ווערט געזאָגט, אַז אויף זייער זיצונג פון 25־טן אַפּריל איז באַגריסט געוואָרן :

1) דאָס צושטיין צום קאָמיטעט פון פאָלגנדיקע נייע אָרגאַניזאַציעס : פעדעראַציע פון געוו. ייד. קאָמבאַטאַנטן און פרייוויליקע פוןביידע וועלט־מלחמות; פּועלי ציון; הפּועל המזרחי; פאַריין פון מאַרשאַנעס און קליינהענדלער; פאַרבאַנד פון אונגאַרישע רעליגיעזע יידן.

2) ער באַשליסט אַז די מיטגלידער פון קאָמיטעט, וואָס זענען גלייכצייטיק מיטגלידער פון ביוראָ פון דער פעדעראַציע פון יידישע געזעלשאַפטן אין פראַנקרייך זאָלן נעמען אויף זיך די זאָרג צו באַווירקן אַז ס׳זאָלן געמאַכט ווערן די נויטיקע אויסבעסערונגען פון דעם באַשעדיקטן טעקסט, וואָס איז דערשינען אין דער פּרעסע מצד דער פעדעראַציע.

3) באַשליסט, נאָכן גענויען דורכשטודירן די דעקלאַראַציע פון וועלט־קאָמיטעט פון דערמאָנטן קבר, צו ענטפערן פונקטנווייז, אויף זייערע אַרגומענטירונגען.

4) האָט אויסגעוויילט איינשטימיק דאָס ביוראָ פון קאָמיטעט אויף צו רעווידירן דעם פּראָיעקט פון מאָנומענט אין באַשטאַנד : די ה״ה גריילזאמער, וואַניקאַוו, פּלאַם, רודי, דרענגער, ליליענשטיין, קרוסמיאַן, גוטווירט, מנחם.

5) באַשליסט דעם אופן פון זיין טעטיקייט : דאָס ביוראָ וועט זיך צונויפקומען און וועט מעלדן די אָרגאַניזאַציעס,

וואָס האָבן זיך פאַרשריבן אַלס מיטגלידער פון קאָמיטעט, דאָס אָרט, די שעה און סדר־היום, בכדי יעדע אָרגאַניזאַציע זאָל זיך קאָנען צוגרייטן און באַראַטן וועגן די פּראָבלעמען, וואָס וועלן באַהאַנדלט ווערן.

6) דאָס ביוראָ דאַרף דורכשטודירן פאָלגנדיקע פאַרשי־דענע פּראָיעקטן : עפנטלעכע פאַרזאַמלונג, פּשרה־קאָמיסיע, אינטערווענץ אין „קריף" און אין דער ציוניסטישער פעדע־ראַציע פון אָנהויבן אַ דיסקוסיע אין דער פראַגע, און די־רעקטע אינטערווענצן אין דער קליימס־קאָנפערענץ אין ניו־יאָרק.

7) דאָס ביוראָ האָט דאָס רעכט צוצוקאָאָפּטירן נייע מיט־גלידער.

8) אברהם רודי באַקומט די איינשטימיקע צושטימונג פון שטעלן זיך אין קאָנטאַקט מיט די קהילות אין דער פּראָווינץ.

## דעקלאַראַציע פון קאָמיטעט

דער קאָמיטעט פון יידישע אָרגאַניזאַציעס אויף צו רעווידירן דעם פּראָיעקט פון מאָנומענט פון אומבאַקאַנטן יידישן מאַרטירער, האָט נישט האַלטנדיק בכלל פון פּאָלעמיזירן, דאָך באַשלאָסן פאַר נויטיק, מיטן צוועק אויסצומיידן אַלע אומקלאָרקייטן צו ענטפערן אויף דער דערקלערונג פון „וועלט־קאָמיטעט פון יידישן דענקמאָל".

1) דער קאָמיטעט איז געשאַפן געוואָרן אין רעזולטאַט פון אַ ספּעציעלער קאָנפערענץ פון דעלעגאַטן, פאַרזען מיט געהעריקע פולמאַכטן פון יידישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס איז גערופן געוואָרן דעם 22־טן מערץ אויף דער איניציאַטיוו פון 19 יידישע אָרגאַניזאַ־ציעס, צווישן וועלכע עס געפונען זיך די אָנגעזעענסטע : דאָס זע־נען די וויכטיקסטע ציוניסטישע פּאָליטישע פאַרטייען, **דער גרעס־טער** טייל פון היגן רעליגיעזן יידנטום, פיר יידישע יוגנט־אָרגאַני־זאַציעס, פון וועלכע צוויי זענען די גרעסטע. כדאי אויך צו דער־מאָנען, אַז דער „קריף", די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע, דער טראַ־

דיציפּלינעלער ראַט, זענען געווען פּאַרטראַטן אויף דער קאָנפערענץ אין כאַראַקטער פון אָבסערוואַטאָרן. פון דער אַנדערער זייט האַלט דער קאָמיטעט פאַר נויטיק אונטערצושטרייכן, אַז די פערסאָנאַליטעטן און וועלט־קאָמיטעט רעפּרעזענטירן נישט קיין שום אָרגאַניזאַציע נאָר אויסשליסלעך זיך אַליין.

זייט דעם 22־טן מערץ האָבן זיך די פעדעראַציע פון געוועזענע יידישע קאָמבאַטאַנטן און פריי־וויליקע, די לינקע פועלי ציון, דער הפועל המזרחי אין פראַנקרייך, דער פאַרבאַנד פון רעליגיעזע אונגארישע יידן, דער מאַרשאַנעס און קליינהענדלער־פאַריין אָנגעשלאָסן אין קאָמיטעט.

2) דער קאָמיטעט נישט האָבנדיק די מעגלעכקייט צו אינטערפּרעטירן דעם אָריגינעלן פּראָיעקט פון וועלט־קאָמיטעט בנוגע דעם אויפשטעלן פון דענקמאָל, באַנוגנט ער זיך מיט דער צוגעשיקטער ליטעראַטור פון וועלט־קאָמיטעט און פּאַרופט זיך ספּעציעל אויפן צוגאב־מאַטעריאַל אין נומער 59־58 פון זשורנאַל פון דאָקומענטאַציע־צענטער, אַ בראָשור וואָס באַצוועקט ספּעציעל די פּראָפּאַגאַנדע און דעם אַפּעל פאַר פאַקטן, וו עס ווערט געזאָגט:

„דער קבר באַשטייט פון אַ קריפּטע, וואָס געפינט זיך אין דער נידער פון דער געביידע און וואָס האָט אַ פלאַך פון לערך 250 קוואַדראַט־מעטער... דער באָדן ארומגענומען פון אַ גרויסער מויער וועט אויסמאַכן לערך 13,5 מעטער די הויך"

די ביבליאָטעק און די ביוראָען, דעם מוזיי האָט דער וועלט־קאָמיטעט באַצייכנט אַלס אַ פּרינציפּיעלן טייל פון קבר און אַלס צוגאב צו אים.

3) דער קאָמיטעט נאָכן באַקענען זיך מיטן אָפּמאַך צווישן יד ושם און דעם דאָקומענטאַציע־צענטער שטעלט פעסט, אַז דער אַרטיקל 7 זאָגט גאָרנישט וועגן די אויפהאַלטונגס־קאָסטן פון קבר, אַ חוץ פון דאָקומענטאַציע־צענטער און אַז די דאָזיקע אויסגאַבן פאַלן אויסשליסלעך אויף דער לאַסט פון די יידישע געמיינשאַפטן פון פראַנקרייך, בעלגיע און שווייץ, וואָס וועלן אים דאַרפן אויסהאַלטן. דער קאָמיטעט שטעלט פון זיין זייט פעסט, אַז דער דאָזיקער אָפּמאַך באַדייט אַ פולשטענדיקע קאָנפוזיע סיי בנוגע די אַטרי־

בוטן פון דאָקומענטאַציע־צענטער און די יעניקע פון מאָנומענט פון אומבאַקאַנטן קבר.

4) דער קאָמיטעט דערמאָנט נאָכאַמאָל די פּרינציפּן פון זיין סטאַטוט, אַז דאָס פאַראייביקן דעם אָנדענק פון די קדושים דאַרף נישט ברענגען מיט זיך, אין רעזולטאַט, אַ נייעם קולט, אַז יעדער פּראָיעקט אין דעם זין דאַרף אין פּרינציפּ באַדייטן דעם המשך פון יידנטום דורך פלעגן זיין קולטור, און אַז די פאָנדן פאר דעם צוועק דאַרפן פאַרוואַלטעט ווערן, פון אַ לעגאַלער קערפּערשאַפט מאַנדאַ־טירט פון געמיינשאַפט און אַז אַ טייל פון די דאָזיקע עפנטלעכע געלטער אָדער פריוואטע, וואָס וועלן געזאמלט ווערן, דארפן רעזער־ווירט ווערן אויף אויסצוהאַלטן די צוקונפטיקע געביידע.

די ביוראָ באַשליסט פאָרצוזעצן די אַקציע מיטן צוועק צו רעאַליזירן אירע פּרינציפּן.

(„אונזער וואָרט", מיטוואָך דעם 4־טן מאַי 1955).

## ג. ירקוני־גרין

# די ציוניסטישע פעדעראַציע אין פראַנקרייך פאַראורטיילט איינשטימיק דעם פּראָיעקט פון קבר פאַרן אומבאַקאַנטן יידישן מאַרטירער אין פּאַריז

דאָס מאָל וועלן נישט העלפן קיין שום אָפּלייקענונגען, קיין שום רווישיקע פוסטע דעקלאַראַציעס: נאָך אַ גרינטלעכער דיסקוסיע און באַטראַכטונג פון פּראָבלעם, נאָכן האָבן אויסגעהערט אַ דירעקטן פאָרשטייער און פאַרטיידיקער פון דעם אַזוי גערופענעם „וועלט־קאָמיטעט", האָט די עקזעקוטיוו־ביוראָ פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע אין פראַנקרייך, איינשטימיק און אָן קיין אָפּגעהאַלטענער שטימע — באַשלאָסן צו פאַראורטיילן קאַטעגאָריש די אויפריכטונג אין פּאַריז פון קבר פון אומבאַקאַנטן יידישן מאַרטירער. אַ גענויע און מאָטיווירטע דעקלאַראַציע וועגן דער שטעלונג פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע וועט פאַרעפנטלעכט ווערן אין די נאָענטסטע טעג.

דער פאַקט וואָס די ציוניסטישע פעדעראַציע אין פראַנקרייך האָט אָנגענומען אַ קלאָרע נעגאַטיווע שטעלונג צו דער אויפריכטונג פון „קבר" אין פּאַריז, איז אין איינקלאַנג מיט אַלע נאַציאָנאַלע און טראַדיציאָנעל־יידישע געפילן צו וועלכע די ציוניסטישע פעדעראַציע איז פאַרפליכטעט צו בלייבן טריי, אויב זי וויל נישט פאַראַטן די פּרינציפּן, וואָס זענען דער הויפּט־יסוד פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. דער הויפּט־פּרינציפּ פון דער דאָזיקער שטעלונג איז, אַז עס איז פאַראַן נאָר איין און איינציק אָרט אין דער וועלט, וווּ אַ נאַציאָנאַלער מאָנומענט וואָס דאַרף זיין דער בנין פון גאַנצן יידישן פאָלק, קען אויפגעשטעלט ווערן, און דאָס איז ישראל.

די פאַרטיידיקער פון מאָנומענט־פּראָיעקט האָבן זיך אַפּמאָל באַנוצט מיטן „אַרגומענט" פון כבוד, פאַרגלייכנדיק דעם קבר אין

פאריז מיט די הייליקסטע מקורות פון דער יידישער טראדיציע, ווי דער„ קבר רחל" און די „מערת המכפלה". אזעלכע ארגומענטן דארפן אויפציטערן דאס הארץ און דאס געפיל נישט נאר פון יעדן רעליגיעז־געשטימטן יידן ווי ער זאל נישט זיין, נאר אויך פון יעדן סתם נאציאנאלן ייד. דאס איז ממש א חלול השם.

אבער עס איז נאך פארבליבן א ספעציעלער מין פארטיידיקער פון דער דאזיקער „אונטערנעמונג" : די זעלבע וואס זענען שוין אן אנאכראנישע דערשיינונג אין יידישן לעבן, און וועמענס איינ־ציקע אקטיוויטעט איז צו קעמפן קעגן ציון און ציוניזם, דאס איז דער „בונד". מיר ווען ווידעראמאל נישט אריינגיין אין קיין פאָ־לעמיק מיט דער דאזיקער אמאל רומפולער באוועגונג, וועלכע האט אבער פארלוירן איר מהות און אירע צילן — און די געשיכטע גופא איז דער בעסטער ריכטער ווען עס גייט אין אורמיילן היסטא־רישע קאנצעפציעס און אידייען — און וועמענס עטלעכע צענדלי־קער איבערגעבליבענע טרייע חסידים זוכן דורכן מאנומענט ווידער אויפצושטעלן א נייעם גלותיסטישן „נצח ישראל" פון ליים, וואס איז קעגן יעדער פרינציפיעלער און רעאלער אויפפאסונג פון דער היינטיקער יידישער ווירקלעכקייט.

עס איז א פאקט, וואס איז אוממעגלעך אפצולייקענען, אז דאס איינציקע וואס בינדט צוזאמען די צעווארפענע יידישע גלותן ביים היינטיקן טאג איז נאר מדינת ישראל און די צוגעבונדנקייט צו ציון.

זענען דווקא די מענטשן, וואס ווילן אין ווידערשפרוך צו יע־דער ראציאנעלער אויפפאסונג, שווימען קעגן דעם דאזיקן שטראם פון קאנצענטרירן דאס גאנצע יידישע לעבן און דעם יידישן המשך און קיום ארום ציון און ישראל צוזאמען מיט א הייפל אנהענגער פון א טאטאלער אדער האלב־אנערקענטער אסימילאציע, געבליבן די איינציקע אנהענגער פון פאריזער „קבר".

צום ערשטן מאל אפשר, אין לעבן פון אונזער ישוב אין פראנקרייך, האט די עפנטלעכע מיינונג אין איר ספאנטאנעם אויפ־ברויז געברענגט צו אן אויסניכטערונג אין די מוחות און צו דעם, אז עס וועט איינמאל פאר אלע מאל אראפגענומען ווערן דער שלייר־

ער פון די אַלע קהל־פּאַרזאָרגער און פירער, וואָס ווי בכבודיק זיי זאָלן נישט זיין, האָבן אָבער נישט דאָס רעכט אין זייער אייגענעם נאָמען — און אָפּטמאָל ווערט זייער נאָמען אויסגענוצט אפילו קעגן זייער אייגענער איבערצייגונג — צו באַשטימען וויכטיקע, לעבנס־וויכטיקע נאַציאָנאַלע פראַגן, וועלכע נאָר די אָרגאַניזירטע יידישע געזעלשאַפטלעכקייט האָט דאָס רעכט צו באַשטימען.

מיטן קלאָרן באַשלוס אין דעם ענין „קבר" מצד דער ציוניס־טישער פעדעראַציע, נאָך דעם ווי אַנדערע גרויסע יידישע אָרגאַני־זאַציעס האָבן שוין אָנגענומען די זעלבע שטעלונג, וועט אויסגע־מיטן ווערן אַ גרויס בייז פאַר דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, וואָס גייט איצט אויפן וועג פון אַ געזונטמאַכונג און באַפעסטיקונג. מיר זענען איבערצייגט, אַז אויך דער „קריף", די העכסטע רעפּרע־זענטאַנץ פון אָרגאַניזירטן פראַנצויזישן יידנטום, אויפן סדר היום פון וועלכער עס שטייט איצט די פראַגע פונם „קבר" וועט אין דער דאָזיקער פראַגע אָננעמען אַן ענלעכע קלאָרע נעגאַטיווע שטעלונג. דאָס וועט זיין צום כבוד פון פראַנצויזישן יידנטום און אין איינ־קלאַנג מיט אַלע פרינציפּן און יסודות פון דער יידישער טראַדיציע און פון יידישן נאַציאָנאַלן געדאַנק.

(„אונזער וואָרט", פון 6־טן מאַי 1955)

# „קליימס" פאָדערט באריכט פון פאריזער מאָנומענט-קאָמיסיע

ניו־יאָרק, (ספּעציעל צום „אונזער וואָרט")

די עקזעקוטיווע פון דער „קליימס" - קאָנפערענץ האָט אויפגעפאָדערט דעם פאריזער קאָמיטעט פארן „מאָנומענט פון אומבאַקאנטן יידישן מארטירער" ארויסצושיקן אויף אַ דרינגענדיקן אופן אַ באריכט וועגן דער לאַגע פון קאָמיטעט און איבער די שטימונגען אינערהאַלב דער פאריזער יידישער באַפעלקערונג צום פּלאַן.

אַ רעזאָלוציע אין דער ריכטונג איז אָנגענומען געוואָרן דורך דער עקזעקוטיווע אויף איר לעצטער זיצונג, נאָך דעם ווי עס זענען אָנגעקומען צו איר באריכטן פון פארטרויליכע קוועלן, אַז עס שטייגט די קעגנערשאַפט צום פּלאַן פון מאָנומענט.

(„אונזער וואָרט", מאָנטיק דעם 18־טן יולי 1955).

# חבר אברהם רודי אין ליל

ח׳ רודי איז איינגעלאדן געוואָרן קיין ליל דורך דער קולטור־קאָמיסיע פון בית עם, כדי דאָרט צו האַלטן אַ רעפעראַט. צום רעפעראַט איז געקומען אַ זייער גרויסער עולם לילער ייִדן, וועלכע איז געהאַלטן געוואָרן אויף דער טעמע : „דער אמת וועגן שקר" און עס איז באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע פון אויפשטעלן אַזאַ מאָנומענט פאַרן ייִדישן מאַרטירער אין פּאַריז.

ח׳ אַ רודי האָט קודם כל אַנטוויקלט דעם גאַנצן געשיכטלעכן פאַרלויף פון דעם פּראָיעקט וואָס אַ יחיד האָט אונטערגענומען אויפצושטעלן אַזאַ מאָנומענט האָט ער אויך דערקלערט דעם אַב־סורד פון רעאַליזירן אַזאַ מאָנומענט אין פּאַריז : „אויב עפּעס דווי־ערהאַפטיקט דאַרף געמאַכט ווערן, וואָס זאָל דערמאָנען די ציווילי־זירטע וועלט די זעקס מיליאָן קרבנות פון ייִדישן פאָלק, רופט אויס דער רעדנער, קאָן נישט געבויט ווערן ערגעץ אַנדערש ווי אין יש־ראל".

רודיס רעדע איז געהאַלטן געוואָרן מיט אַזויפיל איבערצייַ־גונגסקראַפט און אַזויפיל אויפריכטיקייט, אַז דער מאָנומענט האָט נישט זיין באַרעכטיקונג אין פּאַריז.

נאָכן רעפעראַט זענען פאָרגעקומען פרייע דיסקוסיעס און פראַגן, אויף וואָס ח׳ רודי האָט געגעבן אויספירלעכע און צופרידנ־שטעלנדיקע ענטפערס.

אויפן זעלבן אָוונט איז אויך אַרויסגעטרעטן דער דעלעגאַט פון ישראל צום קאָנגרעס „זין און עלטערן פון אומגעקומענע בעתן לעצטן קריג", וואָס איז אין דער זעלבער צייט פאָרגעקומען אין ליל — ה׳ פערלמוטער. דער לעצטער האָט איבערגעגעבן אַ גרוס פון ישראל און דער דאָזיקער זייער אינטערעסאַנטער אָוונט איז פאַרענ־דיקט געוואָרן מיטן געזאַנג פון התקוה.

(„אונזער וואָרט", שבת דעם 25־טן יוני 1955).

משה קערשנבוים

# וועגן קבר פון אומבאַקאַנטן יידישן מאַרטירער אין פאַריז

מיען האָט שוין אַ סך גערעדט און געשריבן וועגן דעם מאָנומענט פאַרן אומבאַקאַנטן יידישן מאַרטירער, אָבער די טעמע איז נאָך נישט אויסגעשעפּט. די ציוניסטישע פעדעראַציע האָט איצט אָנגענומען אַן אַנטשלאָסענע שטעלונג. אמת עס איז קיינמאָל נישט צו שפּעט גוט צו טאָן, אָבער איך וויל שטעלן אַ פראַגע: פאַרוואָס רופט נישט די ציוניסטישע פעדעראַציע אַ מאַסן־מיטינג, ווו „עמך" זאָל זיך אַרויסזאָגן.

עס איז ריכטיק און אויסגעהאַלטן, אַז אויב יאָ מאָנומענט פאַר די 6 מיליאָן אומגעקומענע נפשות, איז זיין פּלאַץ אין אייגענעם לאַנד, אין לאַנד פון אונזערע אבות — אין ארץ ישראל.

אָט די אויסגעהאַלטענע שטעלונג פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע אין דעם אַרטיקל, וואָס איז דערשינען אין „אונזער וואָרט" פרייטיק דעם 8־טן מאַי האָט אַ שטוים געטאָן די עפנטלעכע מיינונג און זי באַווירקט.

איך האַלט דעריבער אַז אַ גרויסער מאַסן־מיטינג באַדאַרף צוזאַמענגערופן ווערן כדי עס זאָל אויך געהערט ווערן דאָס קול פון דער פאַראינטערעסירטער באַפעלקערונג.

לויט מיין מיינונג, באַדאַרף געשטעלט ווערן אין פאַריז אַ מאָנומענט אָבער בלויז צום אָנדענק פון די פראַנצויזישע יידן אומגעקומענע אין דער דעפּאָרטאַציע, אָבער דער גרויסער פאַרן כלל אומגעקומענע יידן באַדאַרף זיין אין ישראל.

20. 7. 55

# געלונגענער רעפעראט פון חבר א. רודי אין ראַאַן

אויף דער איינלאַדונג פון דער היגער קהילה, האָט באַזוכט ראַאַן דעם 13־טן מאַי חבר רודי, אין אָוונט איז מיט דער באַטייליקונג פון חשובֿן גאַסט פאָרגעקומען א פאַרזאַמלונג. חבר יוסף קאַט (פאָרזיצער פון דער קהילה אין ראַאַן) דערעפנט דעם אָוונט, און גיט דאָס וואָרט דעם חבר רודי צו זיין רעפעראַט אויף דער טעמע : „דער אמת וועגן שקר". אין אַ זאַכלעכער פאָרם, מיט אינטערעסאַנטע ביישפּילן און ציטאַטן פון תנ"ך און תלמוד קלערט דער רעדנער אויף די פראַגע וועגן דענקמאָל בכלל, און פון יידישן שטאַנדפּונקט בפרט, וועלכער איז ווייט פון דער יידישער טראַדי־ציע. און ער שטעלט זיך אָפּ וועגן דעם פּראָיעקט פון מאָנומענט פאַרן אומבאַקאַנטן יידישן מאַרטירער אין פאַריז און די שילומים־געלטער, וועלכע זענען באַשטימט געוואָרן פאַר דעם מאָנומענט, און זיי דאַרפן דינען פאַר וויכטיקע צוועקן, ווי אויפבויען צוריק דאָס קולטורעלע יידישע לעבן אין אייראָפּע און פאַרבעסערן דעם מצב פון יידישן חינוך. נאָכן באַלויכטן די שטעלונג פון דער א"י־רעגי־רונג לגבי דעם מאָנומענט, און די ראָל פון „יד ושם", פאַרענדיקט דער רעדנער אונטערשטרייכנדיק, אַז דאָס איינציקע אָרט, וווּ אַזאַ מאָנומענט דאַרף אויפגעשטעלט ווערן איז נאָר ישראל.

ווייל דאָס איינציקע וואָס בינדט צוזאַמען די יידישע גלותן ביי היינט צו טאָג, איז נאָר מדינת ישראל.

מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט האָט דער עולם אויסגעהערט דעם חשובֿן רעדנער און זיינע אויספירונגען.

נאָכדעם, איז פאָרגעקומען דיסקוסיעס, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט די פאָלגנדע פּערזאָנען : וואָלקאָוויטש, גוזי, רעד־ניק, ניסענקערן, גאָלדהאַמער, טעפער, קאַט און זאַלץ. אין זייערע ארויסטרעטונגען איז געקומען צום אויסדרוק פאָלגנדעס :

1) פאַראורטיילן איינשטימיק דעם פּראָיעקט פון דענקמאָל פאַרן אומבאַקאַנטן יידישן מאַרטירער אין פאַריז;

2) עס איז פאַראַן נאָר איין איינציק אָרט אין דער וועלט פאַר

אַ נאַציאָנאַלן מאָנומענט, וואָס דאַרף פּאַראייביקן דעם אָנדענק פון די זעקס מיליאָן יידן, דאָס איז נאָר אין ישראל;

3) אויב יאָ שוין אויפשטעלן אַ מאָנומענט אין פּאַריז, איז בלויז צום אָנדענק פון די פראַנצויזישע דעפּאָרטירטע יידן, בעת דעם צווייטן וועלט־קריג. און אַזאַ מאָנומענט דאַרף אויפגעשטעלט און פינאַנסירט ווערן דורך די היגע יידן זעלבסט.

4) דאָס געלט פון די שילומים דאַרף פאַרווענדעט ווערן פאַר פאַרבעסערן דעם מצב פון יידישן חינוך אין פראַנקרייך און פאַר קולטורעלער טעטיקייט און ווידעראויפבוי פון די יידישע ישובים אין אייראָפּע.

דאַנקנדיק דעם רעדנער, שליסט ח׳ י. קאַט דעם אָוונט.

**בן־קדרי.**

(„אונזער וואָרט", מיטוואָך דעם 25־טן מאַי 1955)

# דער פראנצויזישער ראבינאט קעגן דעם פראיעקט וועגן „א מאנומענט פארן אומבאקאנטן יידישן מארטירער" אין פאריז

דער פארבאנד פון פראנצויזישע רבנים האט בעת אן אלגע־מיינער פארזאמלונג, אנגענומען פאלגענדיקע רעזאלוציע, וועגן דעם פראיעקט אויפצושטעלן א „מאנומענט פארן אומבאקאנטן יידישן מארטירער" אין פאריז :

„שווער געטראפן פון דער מחלוקה, וואס דער פראיעקט וועגן אויפשטעלן א „מאנומענט פארן אומבאקאנטן יידישן מארטירער" אין פאריז האט ארויסגערופן אין דער יידישער עפנטלעכקייט אין פראנקרייך, דערקלערן מיר, אז מיר קענען נישט מסכים זיין, אז אש פון אונזערע קדושים זאל קומען צו קבורה אויף אן אנדער ארט, ווי א בית־עולם. מיר שטרייכן אויך אונטער, אז אויב דאס דאזיקע אש, וועט זיך געפינען ביי א „מאנומענט", קען עס ארויס־רופן רעליגיעזע צערעמאניעס, וואס וועלן נישט האבן קיין יידישן, נאר א געצנדינערישן כאראקטער.

„פאדערט פון קאמיטעט פאר דער אויפשטעלונג פון דעם „מאנומענט", אז : 1) ער זאל זיך אפזאגן פון דעם פלאן קובר צו זיין אש פון אונזערע קדושים ביים מאנומענט; 2) כדי צו פאראייניקן דעם אנדענק פון אונזערע מארטירער און די גייסטיקע אנטוויקלונג פון אונזער ישוב, זאל דער גרעסטער טייל פון „מאנומענט", זיין געווידמעט אויסער א „דאקומענטאציע־צענטער" און א מוזעאום אויך דער שאפונג פון א קולטור־הויז פאר דער יידישער יוגנט.

מיר האלטן, אז די דאזיקע ענדערונגען וועלן דערפירן דאס די „קליימס־געלטער", באשטימט פארן „מאנומענט", וועלן באקו־מען א מער נוצלעכן און יידישן אינהאלט, וואס וועט אויך זיין לטובת דעם יידישן ישוב אין פראנקרייך".

(„אונזער ווארט", דינסטיק דעם 5-טן יולי 1955).

## א חילול השם:

# געבויט ייד. מארטירער-דענקמאל אין יום-כפור

### אפיציעלער פעסטשטעלונג פון פראנצויזישן געריכטס-באאמטן

דער קאמיטעט פון די יידישע ארגאניזאציעס אויף צו רע־ווידירן דעם פראיעקט פון מאנומענט פון אומבאקאנטן יידישן מארטירער, האט צוגעשיקט דער רעדאקציע א קאמוניקאט, אין וועלכן ס׳ווערט צוו. אנד. אנגעוויזן, אז לויט די, וואס מען רעכנט זיך נישט מיט דער עפנטלעכער יידישער מיינונג, וואס האט זיך ארויסגעזאגט קעגן אויפשטעלן דעם דאזיקן מאנומענט, ווי למשל, די ציוניסטישע פעדעראציע, די גענעראל־פארזאמלונג פון די היגע רבנים א. א. איז נאך באגאנגען געווארן א מוראדיקער חילול השם דערמ׳ט, וואס מען האט דעם דאזיקן דענקמאל געבויט אפילו יום־כפור, שוין נישט רעדנדיק, אז ער ווערט סיסטעמאטיש געבויט יעדן שבת.

בכדי די, וואס בויען דעם דענקמאל זאלן עס דערנאך נישט קאנען אפלייקענען, איז אויפן פלאץ, ווו דער דענקמאל ווערט גע־בויט, אין יום־כפור געקומען דער אדוו. שארל מעיארד, וואס איז „היסיער”ביים ציווילן טריבונאל פון דער סען און צונויפגעשטעלט אן אפיציעלן פראטאקאל, אז אינעם טאג פון יום־כפור האט ער פעסטגעשטעלט, ווי ארבעטער בויען דעם דענקמאל פון אומבא־קאנטן יידישן מארטירער. גלייכצייטיק איז דערפון געמאכט גע־ווארן א פאטאגראפישע אויפנאמע.

דער צעשיקטער קאמוניקאט ענדיקט זיך מיט עטלעכע פראגן, ווי למשל:

„צי דארף מען אנווייזן ווי הייליק ס׳איז דער טאג פון יום־כפור פאר אלע יידן, אפילו אויך פאר ווייניק רעליגיעזע? צי דארף מען דערמאנען, אז אין טאג פון יום־כפור איז פארבאטן יעטוועדע

ארבעט, סיי פארן ייד און סיי פארן נישט־ייד ? ווי האָט מען גע־מעגט דערלויבן עפנטלעך צו באגיין אזא חילול־השם; און דערצו ביי א דענקמאָל, געווידמעט דעם אָנדענק פון אונזערע קדושים ? ווי שווערער איז נאָך אָט דער חילול־השם, ווען אין יום־כפור האָט מען געבויט דעם דאָזיקן דענקמאָל הארט ביי א יידישער שול (אימ־פאס פיטינע), ווו יידן זענען געקומען אהין דאווענען און זיך צו־געקוקט צום דאָזיקן חילול־השם ? צי דארף מען צוגעבן די גרויסע אויפרעגונג, וואָס הערשט ביי פיל היגע יידישע אָרגאניזאציעס קעגן די יעניקע, וואָס פארנעמען זיך מיטן אויפשטעלן דעם דאָזיקן דענקמאָל ?".

("אונזער וואָרט")
31. 10. 55

# מעלדונג פון אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פאַר רעווידירן דעם פּראָיעקט פון אויפשטעלן אַ מאָנומענט פאַרן אומבאַקאַנטן יידישן מאַרטירער

דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פאַר רעווידירן דעם פּראָיעקט פון אויפשטעלן אַ מאָנומענט פארן אומבאַקאַנטן יידישן מאַרטירער, גיט איבער:

זייטן 2־טן מאַי 1955 האָט דער קאָמיטעט פון די אָרגאַניזאַציעס זיך אָפּגעהאַלטן פון יעדער עפנטלעכער דעקלאַראַציע, פון יעדער פּאָלעמיק אין דער פּרעסע און פון דער אַנדערער אויסערלעכער אַקציע, וואָס קאָן שטערן צו אַ הסכם צווישן די מיטגלידער פון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון מאָנומענט און די אָרגאַניזאַציעס וואָס זענען קעגנעריש געשטימט צו דעם דאָזיקן פּראָיעקט.

פּרעזידענט לעאָן מייס און ד"ר מאַדיאַנא האָבן גענומען די איניציאַטיוו דעם 2־טן און 16־טן מאַי, איינלאַדנדיק צו פּריוואַטע געשפּרעכן צווישן די אָנהענגער און די קעגנער.

ד"ר מאַדיאַנא האָט פאָרגעשלאָגן אַ זיצונג פון אַן אויסגלייך־קאָמיסיע. דער קאָמיטעט פון יידישע אָרגאַניזאַציעס האָט געבעטן ביים עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פאַר אויפשטעלן דעם מאָנומענט, אַז מען זאָל דערווייל אָפּשטעלן די אַרבעטן, כדי די פּשרה־קאָמיסיע זאָל קענען אַרבעטן אָן איילעניש און אין אַ קלימאַט פון אַנטשפּאַנונג.

דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט דעם 7־טן יוני, האָט אָבער אָפּגעוואָרפן דעם איינעם און דעם צווייטן פאָרשלאָג.

זייטן 2־טן מאַי האָט זיך די יידישע עפנטלעכקייט צוויי מאָל אַרויסגעזאָגט אומצווייטייטיק: די ציוניסטישע פעדעראַציע האָט קאַטעגאָריש פאַראורטיילט דעם פּראָיעקט.

די פראנצויזישע ראבינערס האבן גענומען אויף זיך די פאַראנטוואָרטלעכקייט צו פארזיכערן אז אזא פראָיעקט איז אין קעגנזאַץ צו דער יידישער טראדיציע.

ווּעלכער עס זאָל נישט זיין דער גורל פון דעם מאָנומענט פון אומבאַקאַנטן יידישן מארטירער, איז אזוי ווי ער איז איצט פאַרויסגעזען, וועט ער קיינמאָל נישט האבן די צושטימונג פון דעם גאנצן יידישן ישוב.

די צוקונפט וועט שטעמפּלען די פאראנטוואָרטלעכקייט פון די וואָס האבן זיך אָפּגעזאָגט איינצוגיין אויף א פשרה און אזוי ארום אוממעגלעך געמאכט די איינקייט פון ישוב ארום א פראָיעקט וואָס האט דורך אַלע געקאָנט אַקצעפּטירט ווערן.

(„אונזער וואָרט", דעם 11־טן יולי 1955).

***

# די יידישע קהלה אין ראָאן דריקט אויס איר קעגנערשאפט צום דענקמאָל

ביי דער אָנוועזנהייט פון א גרויסע צאָל מיטגלידער איז שבת דעם 26־טן נאָוועמבער 1955 פאָרגעקומען די אַלגעמיינע פארזאמלונג פון דער קהלה אין ראָאָן. אונטערן פאָרזיץ פון ראש־הקהל חבר יוסף קאַט.

אין דער זייער לעבהאפטער דיסקוסיע איז צווישן אנדערע אויך געקומען צום אויסדרוק די שטארקע קעגנערשאפט פון ישוב אויפצושטעלן אין פאריז דעם פראָיעקטירטן מאָנומענט צום אָנדענקונג פון אזוי גערופענעם אומבאקאנטן יידישן מארטירער. ווי אויך דער טרויעריקער פאקט פון בויען דעם מאָנומענט אין יום־כפור, וועלכער איז א חילול־השם און א פארשוועכונג פון אָנדענקונג פון אונזערע אומגעקומענע.

# פעסטשטעלונג
## פון די געוו. יידישע ווידערשטענדלער (א. ר. זש.)

דעם 27־טן דעצעמבער 1955, האָט ה' יצחק שנייערסאָן, פּרעזידענט פון קאָמיטעט פאַר אויפשטעלן אַ מאָנומענט פאַרן אומבאַקאַנטן יידישן מאַרטירער, געמאָלדן, אַז ס'איז געקומען צו אַ פאַרשטענדיקונג צווישן דער פ. ס. זש. או. און דעם קאָמיטעט פון מאָנומענט.

האָט דער פ. ס. זש. או. געהאַלטן פאַר נויטיק אָפּצולייקענען:

עס איז נישט פאַראַן קיין שום פאַרשטענדיקונג;

עס ווערן אויך נישט געפירט קיין שום אונטערהאַנדלונגען;

דער קאָמיטעט פון מאָנומענט האָט נאָר געוואָלט מאַכן געוויסע פּראָפּאָזיציעס;

די געוו. יידישע ווידערשטענדלער באַדויערן, וואָס מיט אַזעלכע מעטאָדן ווערט געזוכט אָפּצוווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון דער עפנטלעכער מיינונג;

דער אינהאַלט פון ה' שנייערסאָנס דעקלאַראַציע באַווייזט, אַז עס איז נאָך נישט צו שפּעט (ווי מען וויל עס איינרעדן), אַז דער יידישער ישוב אין פראַנקרייך זאָל איבערנעמען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער דאָזיקער רעאַליזירונג און זאָל אים געבן אַזאַ כאַראַקטער, וואָס זאָל זיין אין אינטערעס פון כלל.

דאָס באַווייזט אויך, אַז דער ערשטער בוי־פּראָיעקט מוז רעווידירט ווערן, ווייל עס איז שוין איצט קלאָר, אַז פון דער 4־שטאָקיקער געביידע זענען 2 שטאָק נישט נוצבאַר.

די א. ר. זש. דערמאָנענדיק דעם באַשלוס פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון די פראַנצויזישע רבנים קעגן דעם קבר, רופט די פ. ס. זש. או. נישט אָנצונעמען קיין שום באַשלוס נישט באַראַטנדיק זיך פריער מיט די וויכטיקסטע אָרגאַניזאַציעס פון היגן ישוב.

(„אונזער וואָרט", מאָנטיק דעם 9־טן יאַנואַר 1956).

## י. ליליענשטיין

# די האַנדלונג פון דאָקומענטאַציע-צענטער

דער „דאָקומענטאַציע-צענטער" גרייט זיך אויפצושטעלן א דענקמאָל די 120.000 דעפּאָרטירטע און אומגעקומענע יידן פון פראַנקרייך.

דעם אמת געזאָגט, איז דער היינטצייטיקער דאָקומענטאַציע-צענטער נישט אזוי שטאַרק פּאָפּולער און די מערהייט פון אונזער ישוב ווייסט אפילו נישט, אז אזא אָרגאַניזם עקזיסטירט בכלל אין פּאַריז. דער פּראָיעקט אויפצושטעלן א דענקמאָל פאר די קדושים איז אָבער א ריכטיקער טראָף דעם וואָס נישט דער דאָקומענטאַציע-צענטער איז דער טאַטע פונעם דאָזיקן געדאַנק. אויב מיר שרייבן היינט די נאָטיץ וועגן דעם דאָזיקן ענין, איז גאָר צוליב עפּעס אַנדערש. עס איז צוליב דעם, וואָס דער דאָקומענטאַציע-צענטער ווענדעט זיך צו פארשידענע פּערזענלעכקייטן אין דער וועלט זיי זאָלן צושטיין צום ערן-קאָמיטעט און אזוי אַרום געבן מער חשיבות דער איניציאַטיוו, וואָלט מען נאָך געקענט פארשטיין דאָס ווענדן זיך צו יידישע פּערזענלעכקייטן. וואָס פאר א שייכות האָבן אָבער מיט דעם דאָזיקן ענין מאַדאַם רוזוועלט ? און נאָך עפּעס ווילן מיר זאָגן די הערן פון דאָקומענטאַציע-צענטער : אין פראַנקרייך געפינען זיך צענדליקער געזעלשאַפטן, וואָס האָבן אויף דעפּאָרטאַציע פארלוירן די העלפט און אפשר נאָך מער ווי די העלפט פון זייערע מיטגלידער. פארוואָס עפּעס ווענדעט זיך נישט דער דאָקומענטאַציע-צענטער צו די יידישע געזעלשאַפטן, אז זיי זאָלן אַריינטרעטן אין ערן-קאָמיטעט ? איבעריק צו זאָגן, אז זיי, די יידן פון די סאָסיעטעס האָבן א ביסל „מער" שייכות צו דעם גרויסן אומגליק, וואָס האָט אונז געטראָפן, ווי מאַדאַם רוזוועלט, טשערטשיל און נאָך אַנדערע מסתמא אַזעלכע גדולים. און נאָך א וואָרט רייסט זיך פון הארצן צו זאָגן די הערן פון דאָקומענטאַציע-צענטער :

אין פּאריז, אין פראַנקרייך, געפינען זיך צענדליקער טויזנ־טער מענער, וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע פרויען, פרויען — זייערע מענער און עלטערן — זייערע קינדער (אפשר טאַקע די מיט־שולד פון טשערטשיל).

עס דרייען זיך אַרום עלנטע הונדערטער און הונדערטער טאַ־טעס און מאַמעס, וואָס האָבן פאַרלוירן צו פיר, פינף און נאָך מער קינדער, אויף דעפּאָרטאַציע אָדער אַנדער פייער אין דער צייט פון דער מלחמה.

האָט זיך דער דאָקומענטאַציע־צענטער אויך צו זיי, צו די דאָזיקע דירעקטע קרבנות, געווענדעט נאָך פּאַטראָנאַזש ?

זענען די נעמען פון די דאָזיקע אפשר נישט אַזוי חשוב פאַרן ערן־קאָמיטעט, ווי די נעמען פון די רוזוועלטס און טשערטשילס ?

ניין, מיר האָבן וועגן דעם ביז איצט נישט געהערט און אין דעם באַשטייט דער גרויסער סקאַנדאַל און די חרפּה. דער דאָקו־מענטאַציע־צענטער גייט אויספירן אַ זאַך אין אונזער נאָמען, אין אונזער אַלעמענס נאָמען, אין נאָמען פון די לעבנגעבליבענע יידן, און פרעגט קיינעם נישט פון די קרבנות, צי זיי זענען מסכּים מיט דעם אופן פון זיין האַנדלונג אָדער נישט.

דאָס דאָזיקע איגנאָרירן דעם פאַרטרויערטן יידישן ישוב מצד דעם דאָקומענטאַציע־צענטער טאָר נישט פאַרשוויגן ווערן. די שאַרפע פּראָטעסטן מוזן אַרויסגעטראָגן ווערן קעגן די, וואָס דער־לויבן זיך צוליב פּובליציטעט אָדער געלט צו דערנידעריקן דעם אָנדענק פון אונזערע טייערע און אומפאַרגעסלעכע אומגעקומענע.

(„אַרבעטער־וואָרט", 9 נאָוו. 1955).

וואָס ברענגט דער „אַרבעטער־וואָרט" וועגן אַרטיקל פון ש. שיינער?

# אַן „עולם הפוך"
# (אַ פאַרקערטע וועלט)

אַלע ווייסן, אַז אונזער וועלט בכלל (און דאָס יידיש וועלטל בפרט), האָט זיך איבערגעקערט מיט דעם קאָפּ אַראָפּ. ביז די וועלט וועט אַריין אין נאָרמאַלן צושטאַנד, וועט באַשטימט אַריבער אַ סך צייטן. ווי ס'איז די „מאַרטירער" זענען מיר, דער דור פון דער גרויסער מאַרטיראָלאָגיע. און ווער שמועסט, ווען דערצו מישן זיך אַריין נאָך די גרויסע „היצן", קען מען פשוט משוגע ווערן, ווייל מען פאַרשטייט שוין מער גאָרנישט.

מיר וועלן „אילוסטרירן" אונזער קליינע הקדמה מיט אַ „שיינער מעשה" פון „שיינעם" אַרטיקל, וועלכער איז געדרוקט געוואָרן אין לאַנגע המשכים אין „אונזער וואָרט". וואָס איז באַקאַנט אַלס כמעט אַן „אָפיציעלער" אָרגאַן פון אַ יצחק שנייערסאָנס „קבר פון אומבאַקאַנטן מאַרטירער". איז דאָס געווען דער ערשטער רעזולטאַט פון ד. ב. מאַלקינס דעמיסיע אין „אונזער וואָרט"?... ווו עס איז אויף די בלעטער פון מפא"י־אָרגאַן, האָט זיך באַוויזן אַן אַרבעט (ווייל ס'איז געווען מער ווי אַן אַרטיקל).

ש. שיינער, דעקט אויף דעם סקאַנדאַל פון דער ה' שנייערסאָנס אונטערנעמונג און ווו ער שרייבט אונטער דעם כאַראַקטער פון זיין פּריוואַט־איניציאַטיוו, אין וועלכער ער שלעפּט אַריין ביודעים און בלא־יודעים, יידישע פּערזענלעכקייטן צו פּאַטראָנירן אַזאַ מאָנומענט, וועלכער דאַרף אין פיל פונקטן — און וויכטיקע פונקטן, — געשטעלט ווערן אונטער אַ פראַגע־צייכן.

מיר זענען געווען די ערשטע אין דער יידישער פרעסע, וועלכע האָבן באַקעמפט ה' שנייערסאָנס פּראָיעקט. מיר רימען זיך נישט דערמיט, אָבער מיר קאָנסטאַטירן נאָר, אַז אונזערע אַרטיקלען וועגן „קבר" האָבן אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטערעס און זיי

געהערן צו דעם ערשטן ארויסטריט. כדי די יידישע געזעלשאפט־לעכע ארבעט זאל נישט זיין הפקר: אז א ייד ווי ה׳ שנייערסאָן זאל נעמען אויף זיך אזא אחריות און שטעלן א... מצבה גאנצע זעקס מיליאָן יידישע קרבנות!... מיר האלטן, אז דאָס שטעלט בכלל אויף דעם סדר־היום אויך די פראגע פון „דאָקומענטאציע־צענטער", וועלכער איז געבויט געוואָרן אויף דעם געלט פון „דזשאָינט" און אויף סתם יידיש געלט. צו וועמען געהערט דער „צענטער" מיט זיינע רייכע דאָקומענטן?... געהערט ער אויסשליסלעך דעם ה׳ שנייערסאָן אליין, אָדער האָבן יידן אויך זייער וואָרט צו זאָגן?...

*

און ווייל מיר רעדן וועגן אן „עולם־הפוך" קענען מיר נישט אריבערגיין שווייגנדיק דעם פאקט, אז דער רעוויזיאָניסט ה׳ יצחק שנייערסאָן האָט איינגעאָרדנט א באנקעט לכבוד דער אָפּרייזע פון ד. ב. מאלקין (און אויך פון מ. שביט). נישט דער מפא״י, נאָר ה׳ יצחק שנייערסאָן! דאָס הייסט טאקע לויט דעם אלטן לאטייניש שפריכוואָרט, „א האנט וואשט א האנט" ד. ב. מאלקין האָט געדרשנט פאר דעם „מארטירער" און ה׳ שנייערסאָן דרשנט פאר מאלקינען. ער האָט צוזאמענגערופן א „מנין" יידן, וועלכע האָבן „געריעדט" און מען האָט עס צעטראָמפּיימערט אין „אונזער וואָרט". מען קען טאקע מיינען, אז פאריז איז אין טרויער צוליב דער אָפּרייזע פון מאלקינען. שק ואפר!...

# איז עס אמת ?

אין אמעריקע איז פאראן א גרויסע קאנקורענץ צווישן די „חברה־קדישאס", צווישן די געזעלשאפטן, וואס באשעפ־טיקן זיך מיט באגראבן די טויטע. ס'איז באריכמט אויף דער גאנ־צער וועלט.

אלע אמעריקאנער באקומען שיינע פראספעקטן, אילוסטרירטע, אויף גלאנץ־פאפיר, ווו מען שרייבט זיי, למשל : „איר זאלט נאר אייך באגראבן דורך אונזער אונטערנעמונג... אויף אונזער בית־עולם איז די ערד זיס און מען שלאפט געשמאק!"...

האט דער „צענטער פון דאקומענטאציע" באשלאסן איינצו־פירן ביי אונז די אמעריקאנער מעטאדן ?

כמעט אלע יידן אין פאריז האבן באקומען צוגעשיקט דורך די פאסט אזא מין פראספעקט, ארויסגעגעבן אין געשמאק פון אמע־ריקאנער „חברה־קדישא", בנוגע צו דעם „קבר פון אומבאקאנטן מארטירער" אן אמתער חילול־השם, א פראפאגאציע פון א קבר, וואס שטייט אין הארצן פון יעדער ייד, א סקאנדאל, וואס ביי אונז יידן, אין די אמאליקע יארן וואלט איבערגעקערט די ערד און די הימלען.

אזעלכע פראספעקטן, ביי היינטיקע צייטן, ווען די יידישע פרעסע ראנגלט זיך אין טויט־שרעק, כדי צו קענען עקזיסטירן ווערן נישט ארויסגעגעבן אומזיסט.

איז עס אמת, אז די פראספעקטן מיט די פאסט־מארקעס האבן דערגרייכט א האלבן מיליאן פראנק?... איז עס אמת?... אוודאי און ווי קען עס זיין אנדערש?... און יידן וועלן עס אויפנעמען פשוט און נישט רעאגירן? דארף מען נישט מאכן א סוף צו אזא הפקרות ?

(„ארבעטער־ווארט", דעם ד־טן דעצעמבער 1951).

# צענטראַל־קאָמיטעט פון פּועלי ציון התאחדות זאָגט זיך אַרויס איינשטימיק קעגן אויפשטעלן דעם מאָנומענט

זונטיק, דעם 24־טן אָקטאָבער 1954 אויף דער זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט פון פּועלי ציון התאחדות אונטערן פאָרזיץ פון חבר יוסף נויפעלד, גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי, איז צווישן אַנדערע פּונקטן אויך באַרירט געוואָרן דער ענין פון דענקמאָל פאַרן יידישן מאַרטירער דורך חבר יוסף נויפעלד, וועלכער רעדט פון דער שטאַרקער אומצופרידנקייט צווישן די ברייטע קרייזן פון היגן יידנטום. ער שטרייכט אונטער אַז די אונטערגענומענע אַקציע מצד דער פּאַריזער קהלה דאַרף אין דער פולסטער מאָס געשטיצט ווערן דורך אַלע חברים, ווייל די שטעלונג פון דער קהלה איז אין פולשטענדיקן הסכם מיט דער שטעלונג פון דער פּאַרטיי און עס איז די אויפגאַבע פון „אונזער וואָרט" די דאָזיקע אומצופרידנקייט און קעגנערשאַפט צום אַסיגנירן אַזעלכע ריזיקע געלטער צו ברענגען אין אַ פולער מאָס צום אויסדרוק.

אַנדערע חברים האָבן, וואָס שייך דעם דענקמאָל פּאָרגעשלאָגן צו אָרגאַניזירן אַ ברייטע פּראָטעסט־באַוועגונג קעגן באַשטימען די קליימס־געלטער און דערצו נאָך מיט אַזאַ ריזיקער סומע אויף אויפצושטעלן אין פּאַריז אַ דענקמאָל.

ח' צבי לעווין האָט אין זיין שלום־וואָרט קודם כל גערעדט וועגן ענין מאָנומענט, אַז דאָס וואָרט אינטערנאַציאָנאַל פּאַסט לחלוטין נישט צום פּאַקט. אַלע ווייסן מיר, אַז דאָס איז יידישע געלט און נאָר יידיש געלט און דער ביישפּיל פון די דענער איז איין איינציקער, וואָס האָט נישט קיין ממשותדיקן ווערט ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַזעלכע ריזיקע סומעס, וואָס מען גייט פאַרווענדן פאַרן דענקמאָל.

דער קאַמף קעגן באַשטימען אַזעלכע סומעס איז נישט אַ פּערזענלעכער. עס גייט וועגן תוך ; דער דענקמאָל אליין איז נישט צום

הארצן פון די יידן און באַזונדערס, ווען מען טראַכט אריינצולייגן אין דעם אַזעלכע קאָלאָסאַלע געלטער.

אונזער פּאַרטיי איז תמיד געווען קעגן מאָנומענט און זי איז אודאי קעגן דעם באַנוצן די שילומים־געלטער פאַרן דאָזיקן צוועק.

# רעדע פון הרב טשאסקאלא אין דער קהלה־ראט וועגן מאָנומענט פאר די זעקס מיליאָן יידן

אדערהויבענע רעדע, פול מיט אינהאלט, האָט געהאלטן הרב טשאסקאלא אויף דער זיצונג פון קהלה־ראט דעם 16־טן נאָוועמבער וועגן אויפשטעלן א מאָנומענט אין פאריז נאָך די 6 מיליאָן קדושים. אויף זיין פנים איז געווען אויסגעגאָסן דער גאנ־צער גרויל און צער פון אונזער גרויסן אומגליק, די אויגן אָנגע־פילט מיט טרערן, עס האָט זיך געשפירט, אז ער זעט פאר זיך בעת מעשה זיין קינד און פרוי, וועלכע די מערדער האָבן אַרויסגעריסן פון זיינע אָרעמס.

די יידישע קהלה, זאָגט הרב טשאסקאלא, וועלכע האָט אויף איר פאָן אָנגעשריבן המשך און קיום פון לעבן אין רוח היהדות, קאָן נישט מסכים זיין אויפצושטעלן אין פאריז א שטיינערנעם דענקמאָל נאָך אונזערע 6 מיליאָן קדושים. מיר האָבן פאראייביקט דעם זכרון פון אונזערע קרבנות און אומגליקן, מיט וועלכע אונ־זער געשיכטע איז גענוג רייך, אין קינות, אין איכה, אין „אב הרחמים", וואָס מיר זאָגן יעדן שבת, אָבער נישט אין שטיין.

בכלל איז נישט פארשטענדלעך, ווי אזוי קען קומען א יחיד און באשליסן אזא וויכטיקן ענין, ווי שאפן א זכרון נאָך אזא חורבן, נאָך דעם גרעסטן חורבן פון אונזער געשיכטע.

לאָמיר זען, וואָס אונזערע גדולים זאָגן וועגן דעם. דער רמב"ם, ווע‏מענס 750־טן יאָרצייט מיר פייערן איצט, איז קאטעגאָ־ריש קעגן דענקמעלער, דער ארי' הקדוש זאָגט זיך ארויס פאר דענקמעלער, מען דאַרף אָבער נישט פארגעסן, אז ער האָט געלעבט אין א"י און נישט אין גלות, ווי דער רמב"ם.

די שו"תש באהאנדלען דעם ענין פון דענקמעלער גאָר ברייט, פירן א ברייטע פּאָלעמיק איבער דער פראגע. אייניקע אויטאָרי־טעטן זענען דורכאויס קעגן אזא זאך,

— אויפשטעלן א דענקמאָל נאָך אונזער חורבן — פרעגט דער רעדנער — צוליב וואָס און צוליב וועמען ? — אויב צוליב אונז יידן — וועט עס דעם רוח היהודית נישט אויפהויבן; אונ־זערע קינדער וועלן צוליב דעם בשום אופן נישט נענטער ווערן צו ידישקייט. צוליב גויים ? — וועלן זיי אויף דעם קוקן ווי אויף אן אָנדענק פון א פאָלק וואָס האָט זיך געלאָזט אויסשעכטן, — וועט מען צוליב דעם קריגן מער דרך ארץ ? דאָ דאַכט זיך, אז ווייט נישט, דרך ארץ האָט מען פאר אַ מאָנומענט פון טריומף, פון נצחון. אויסער דעם דאַרף געגוי באַטראַכט ווערן, צו מעגן מיר זיך ווענדן צו די נישט־יידן, וועלכע האָבן מיט אַ פינגער נישט אַ ריר געטאָן, כדי צו העלפן אונז אין דער צייט פון חורבן, ווען מען האָט אונזערע טייערסטע געברענט אין די אויוונס פון די קרעמאַטאָריעס, — אז זיי זאָלן אונז העלפן אויפשטעלן דענקמעלער נאָך אַט די פאַברענטע און געשאָכטענע. דערמאָנט אייך, רופט אוים ווייטער דער פּרעלעגענט, וויפל טויזנטער און צענדליקער טויזנטער יידן וואָלטן דאָס געראַטעוועט געוואָרן ווען זיי אָט די אַלע אונזערע היינטיקע פריינט, וואָלטן דעמאָלט אויף אַשוויענטשים און אַנדע־רע פאַרניכטונגס־לאַגערן, אויף די געטאָס, אַראָפגעוואָרפן כאָטש עטלעכע באָמבעס פון זייערע אעראָפּלאַנען, וואָס זענען אין יענע מקומות אַרומגעפליגן ? זיי האָבן עס גוט געוווּסט און האָבן עס נישט געטאָן. ווען אָט די בויער פון דענקמאָל וואָלטן זיך צוגע־הערט צו אונזער פאַרגאָסן בלוט, וואָס מאָנט און שרייט פון דער ערד, צו דעם קול הדמים, הצועקים מן האדמה, וואָלטן זיי גאַנץ אַנדערש געקוקט אויף דער זאַך.

אויף דער פאַריקער זיצונג פון קהלה־ראַט האָט אַ פּרנס גע־זאָגט, אַז מיר דאַרפן שטיצן דעם דענקמאָל, ווייל י. עפּרויקין ז״ל איז געווען פאַר אַ דענקמאָל. פרעגן מיר דעם פּרנס : אויב ער איז געווען א זא גרויסער פאַרערער פון עפּרויקינס געדאַנקען, פאַרוואָס וואַרפט ער זיך נישט מיט זיין גאַנצן ווען אין דער אַרבעט פאַר דער קהלה, וועלכע איז געווען דאָס וויכטיקסטע ווערט פון עפּרוי־קין ז״ל, און וועלכע איז דאָך בלי שום ספק אַ ווערק פון לעבן, פון קיום און פון המשך ?

דענקמאָל באַדייט „זכירה" - געדענקען. אין „געדענקען" ליגט אַ טיפערער זין. פאַראייביקן געשעענישן דאַרפן מיר אַזוי ווי די תורה לערנט אונז, ביי מחיית עמלק, זאָגט אונז די תורה צוערשט, אַז מיר זאָלן געדענקען, וואָס עמלק האָט אונז געטאָן, ווען מיר זענען אַרויס פון מצרים — „זכר את אשר אשר לך עמלק"... און שפּעטער זאָגט אונז די תורה, — תמחה את זכר עמלק" — און דאָ ליגט אַ טיפער געדאַנק. דער פאַרזאָג איז, אַז מיר זאָלן געדענקען, אָבער דער „זכר" דאַרפן מיר מאַכן אין אייגענעם, אויף אַ יידישן אופן, ווי אויפבויען בתי־כנסת, חינוך־אַנשטאַלטן א. א. וו. און נישט אַ זכר, לויטן שטייגער פון עמלק, וועלכן ער שטעלט אויף ביי זיין טריאומף חו"ה, אַזוי ווי דער שער הנצחון פון טיטוס הרשע אין רוים.

דאָס יידישע פאָלק האָט זיך זיין טראַדיציע, ווי אַזוי צו פאַראייביקן זיינע קדושים, נישט קיין זכרונות פון קאַלטע שטיינער זענען עס, נאָר דאָס לעבעדיקע, וואַרעמע וואָרט, וואָס גייט איבער פון דור צו דור. מיר דאַרפן שטעלן דענקמעלער אין דער פאָרם פון ישיבות און שולן פאַר אונזערע קינדער, וועלכע זאָלן טראָגן מיט זיך דאָס ליכט פון דער ספר־תורה.

— אייניקע זאָגן, אַז דער גערודער קעגן דענקמאָל איז געקומען לויט אַן אָנווייזונג פון ישראל. אויב עס זאָל זיין אַזוי, דאַרפן מיר דאָך טאַקע, ווי אמתע ציונים, זיין געהאָרכזאַם אַ זעלכע אָנווייזונגען, וואָס זענען אין איינקלאַנג מיטן רוח היהדות.

— אויב אויסער אַלעם טאָר מען נישט פאַרמאַכן די אויגן אויף די געשרייען פון אונזערע אינוואַלידן, פון די אלמנות און יתומים, פון די מלחמה־קרבנות, — זיי דאַרף מען העלפן פון די בלוטיקע געלטער, אַז זיי זאָלן כאָטש ווי נישט איז קומען צו זיך, ווייל דאָס געלט געהערט דאָך פאַקטיש זיי.

ביי אונזערע זיידעס איז געווען אַ מנהג, אַז ווען איינער הו"ח איז געשטאָרבן אָן קינדער, פלעגט מען אויף זיין נאָמען שרייבן אַ ספר־תורה. מיר דאַרפן פאַראייביקן אונזערע קדושים, שרייבנדיק פאַר זיי ספרי־תורות, אָבער דאָס נישט אויף פאַרמעט, נאָר אויף

אונזערע קינדערלעך, בויענדיק חינוך־אנשטאלטן פאַר אונזערע תינוקות — דאָס וועט זיין דער ריכטיקער דענקמאָל.

אויב מיר ווילן שאפן א דענקמאָל נאָך הרב זעמבא ז"ל און אַנדערע צדיקים, ווי אויך נאָך אונזערע ערלעכע, תמימותדיקע און יושרדיקע האָרעפּאַשניקעס, וואָס זענען אומגעבראַכט געוואָרן אויף אַזאַ שרעקלעכן אופן, קאָן מען עס נישט מאַכן פון שטיין, נאָר פון אַזאַ זאַך, וואָס זאָל זיין המשך פון זייער גייסט, פון זייער רוח.

אויב דער יחיד וואָלט געוואָלט אויף דעם אָנגעוויזענעם יידישן שטייגער אויפשטעלן אַ דענקמאָל נאָך אונזערע קדושים, וועלן מיר אים זיכער שטיצן — פּאַרענדיקט הרב טשאַסקאַלאַ זיין הערלכע רעדע, וואָס האָט אויף אַלע אָנוועזנדע געמאַכט אַ שטאַרקן רושם.

(נאָוועמבער 1954)

# אנדריי בלומעלס בריוו
# וועגן דעם „קבר פון אומבאקאנטן מארטירער״

אין לעצטן נומער פון ״לא טער רעטרוווע״ (1־טן דעצעבער) לייענען מיר א זייער אינטערעסאנטן בריוו פון אנדריי בלו־מעל צום „דאקומענטאציע־צענטער״. אין דעם בריוו זאגט זיך אפ דעם באקאנטער פראנצויזישער אדוואקאט, דער ערן־פרעזידענט פון „קרן־קימת״ אין פראנקרייך, פון דעם „כבוד״ צו ווערן מיט־גליד פון „ערן־קאמיטעט״, וואס וועט זיך באשעפטיקן מיט דעם קבר פון „אומבאקאנטן מארטירער״.

זיינע טענות זענען די פאלגענדיקע: ווען די דייטשן וואלטן געוועזן מענטשן, וואלטן זיי געדארפט אליין שטעלן אזא מאנומענט אויף זייער טעריטאריע: אבער זיי זענען דאך חיות (דאס געבן מיר צו פון אונזער זייט, אבער אלע וועלן דאך זיין איינשטימיק)...

אויף אזא אופן, שרייבט אנדריי בלומעל, איז דער ריכטיקס־טער פלאץ די שטאט ווארשע. און ווען צוליב אלערליי טעמים קען דאס נישט רעאליזירט ווערן, טא דארף עס זיין ירושלים.

דער בריוו, וואס איז אדרעסירט דעם ה׳ שנייערסאן, איז א שטרענגע לעקציע פאר אים און זיינע איניציאטיוון. פארוואס איז דער בריוו פארעפנטלעכט דורך דער „טער רעטרוווע״?... האט ה׳ שנייערסאן נישט געהאט די מעגלעכקייט אים אפצודרוקן אין איי־נער פון דעם צענטערס אויסגאבן, למשל?.. און וויפיל אזעלכע בריוו ליגן, מן־הסתם, אין זיין טעקע און זעען נישט די ליכטיקע שיין!

און דא שטעלט זיך טאקע די אלטע קשיא: ערשטנס: — ווער האט באפולמעכטיקט דעם „צענטער״ צו בויען דעם „קבר״? צווייטנס: איז דען פארגעקומען א קאנפערענץ פון אלע יידישע געזעלשאפטן, ווו מען האט דעבאטירט די פראגע (און דעם פלאץ

פאַרוואָס קבר?) און ה' שנייערסאָן פירט אויף אַזאַ אופן אַדורך א רעזאָלוציע פון אַ קאָמפּעטענטער אינסטאַנץ? און דריטנס: ווער איז דאָ דן דיני נפשות, און ווער באַשטימט די מיטגלידער פון „ערן־קאָמיטעט" און ווער ראַטיפיצירט זיי?

ענטפערט ה' שנייערסאָן!

(„אַרבעטער־וואָרט", דעם ד־טן דעצעמבער 1951)

# ארום דעם סקאַנדאַל פון דאָקומענטאַציע־צענטער

## א בריוו אין רעדאַקציע

חשובע רעדאַקציע,

איך בעט אייך צו געבן א פּלאַץ פאר דעם בריוו, אפילו ווען ער איז אביסל צו לאַנג, און קודם כל וויל איך באַדאַנקען אייער חשובן מיטאַרבעטער י. ל—ן פאר זיין זייער אינטערעסאַנטן אַרטיקל בנוגע דעם סקאַנדאַל, וואָס האָט אַרויסגערופן אויף דער יידישער גאַס די האַנדלונג פון מענטשן, וואָס האָבן פון קיינעם נישט באַקומען קיין פולמאַכט און וואָס האַנדלען (איז עס דען נישט קיין מסחר?) מיט אונזערע אומגליקן און צרות.

עס איז נישט קיין פראַגע וועגן טשערטשילן און מיר דאַרפן זיך נישט אַריינלאָזן אין דעמאַגאָגיע.

אייער מיטאַרבעטער י. ל—ן שטעלט דעם פּראָבלעם אויף א ריכטיקן ניוואָ: „האָט זיך דער דאָקומענטאַציע־צענטער געווענדעט צו די קרבנות פון דער גרויסער קאַטאַסטראָפע?”

איך האָב כמעט געוואָלט ענטפערן: יאָ! מיר אַלע געדענקען, אַז פאַר די וואַקאַנסן האָט דער דאָקומענטאַציע־צענטער זיך דער־בענטערט צו דער יידישער גאַס און גערופן א מיטינג אין האָטעל מאָדערן. און ווייסט איר ווער עס איז געווען דער הויפּט־רעדנער?... דער אַדוואָקאַט אנרי טאָרעס, גענעראַל דע גאָלס סענאַטאָר, ווי איר זעט, איז דער דאָקומענטאַציע־צענטער נישט ביי זיין ערשטן סקאַנ־דאַל.

און ערשט שטעלט זיך די פראַגע: מי שמך? דער דאָקומענ־טאַציע־צענטער האָט אַרויסגעגעבן ביכער, וואָס קיינער האָט נישט געלייענט און וואָס קיינער ווייסט נישט וועגן זיי. דער דאָקומענ־טאַציע־צענטער האָט טאַקע צונויפגעזאַמלט גרויסע וויכטיקע מאַ־טעריאַלן, דאָס האָט געקאָסט די יידן גרויסע געלטער.

דער „דזשאָינט" אַליין האָט פאַר דעם באַצאָלט אין די שווערע מיליאָנען (פראַנצויזישע), אָבער עס איז געקומען אַ מאָמענט, ווען ער האָט געזאָגט : לא!... דער דאָקומענטאַציע־צענטער האָט שטענדיק איגנאָרירט די יידישע עפנטלעכע מיינונג, קיינמאָל נישט געקומען אין קאָנטאַקט מיט די מאַסן וואָס האָבן פאַרלוירן טאַטעס, מאַמעס און קינדער אין די קאָלד-אויוונס. און ערשט גייט ער ארויס פון זיין ריין היסטאָרישער מחיצה, רעדט אין נאָמען פון „כל ישראל" און זאָגט, אַז ער הייבט אָן צו בויען אַ דענקמאָל. האָט ער ביי עמיצן געפרעגט, צי וויל מען עס ? האָט ער זיך מיט עמיצן פאַרשמענדיקט ? ער האָט געכאַפּט דעם אָדער יענעם „פירער" (וואָס זענען שוין אויסגעחרפה'עט און וואָס האָבן פאַרלוירן יעדע אויטאָריטעט סיי ביי די פראַנצויזישע יידן, סיי ביי יידן בכלל) און צוזאַמענגעשטעלט אַן „ערן-קאָמיטעט" געגעבן אַ קאַפּעלוש, אָבער וו זענען די פיס, אויף וועלכע ער שטייט ?

אין דעם זעלבן ערן־קאָמיטעט זענען מיר נישט אַזאַ יידן, ווי למשל, י. פינק, וואָס איז דער רעדאַקטאָר פון „מאָנד זשוויף", אָדער יוסף מילנער, וואָס איז פּאָפּולער צווישן די יידן אין פּאַריז, אָדער אַן אנרי הערץ, וואָס איז אַ גרויסער פראַנצויזישער דיכטער און אַ טייערער ייד.

און פאַרוואָס טאַקע נישט אַ פאַרטרעטער פון די דעפּאָרטירטע, פון די געוועזענע קאָמבאַטאַנטן א. א. וו. מיר וואָלטן געקענט צוזשטעלן אַ לאַנגע ליסטע. עס זענען פאַראַן יידן אין פראַנקרייך, אין בעלגיע, אין איטאַליע, אין האָלאַנד און אין אַנדערע לענדער, וואָס זענען אַדורך אַלע מדורי־גיהנום. פאַרוואָס האָט מען זיי נישט צוגעצויגן און זיך צוגעהערט צו זייערס אַ מיינונג ?

איך האָף, אַז דער צענטער וועט דאָך נישט ענטפערן, אַז די אַלע יידן זענען אָן געלט און אַז ער איז זיכער, אַז די מטבעות וועלן קלינגען מצד די ברוינשוויקס, ראָטשילדס און אַנדערע...

דער ה' שנייערסאָן, מיט דעם שאַפן פון צענטער, האָט געבראַכט אַ בייטראַג צו דער יידישער געשיכטע. אָבער נישט מער. ער טאָר נישט פראָוון „שלוש־סעודות" פאַר זיך, אַליין באַשטימען און אַליין רעגירן.

מיר זענען נישט צווישן לובאוויטשער סוחרים. און מיר דארפן וואָרענען דעם צענטער און אים זאָגן, אז עס איז נאָך פאַראַן אַ געזעלשאַפטלעכע מיינונג ביי יידן און מען דאַרף זיך מיט איר רעכענען.

מיר, פשוטע יידן, האָבן נאָך אונזער וואָרט נישט געזאָגט און די וועלט איז נאָך נישט הפקר. מיר וועלן אַלאַרמירן די מיינונג אין ישראל אין ניו־יאָרק און אומעטום. די יידישע וועלט איז נישט אַ „רשות היחיד".

מיט דרך ארץ

## לעאָן קעניג

געוו. דעפּאָרטירטער אין אוישוויץ־מאָנאָוויץ

נר. 16.718

(„אַרבעטער־וואָרט", דעם 23־טן נאָוועמבער 1951).

## י. ליליענשטיין

# רעדאקטאָר מאַלקין באַשולדיקט די יידן אין פּאַריז אַז זיי ווילן פאַרגעסן אין זייערע דעפּאָרטירטע און אומגעקומענע

אויף דער פאַרזאַמלונג, וואָס עס האָט גערופן דער דאָקומענ־טאַציע־צענטער אין האָטעל „לוטעציאַ", מיטוואָך דעם 21־טן נאָוועמבער, האָט גענומען אַ וואָרט דער רעדאַקטאָר פון „אונזער וואָרט" ה' מאַלקין און ער האָט דאָרט ווערטלעך דער־קלערט, אַז „אַלע די, וואָס פאַרלאַנגען, אַז אַ דענקמאָל צום אָנדענק נאָך די זעקס מיליאָן קדושים זאָל אויפגעשטעלט ווערן אין ישראל און נישט אין פּאַריז, זענען אויסן נישט מער ווי צו וועלן פאַר־געסן אין די דעפּאָרטירטע און אומגעקומענע...

אין פּאַריז לעבן ביי צוויי הונדערט טויזנט יידן, וועמענס הער־צער זענען צעלעכערט פון טרויער און צער צוליב די אוועקגעריסע־נע און פאַרברענטע, פאַר זיי נאָענטע און טייערע.

קיינמאָל מער וועלן די לעבעדיקע נישט פאַרגעסן אין די טויטע און דעם דאָזיקן שטילן צער וועט אונזער דור מיטנעמען אין קבר אריין.

יעדער ביי וועמען ס'איז אוועקגעריסן געוואָרן אַ פרוי, אַ מאַן אַ קינד, אַ שוועסטער אָדער ברודער שלעפּט דאָס לעבן ווי אין אבל מיט אַזאַ אויפן קאָפּ און דאָ קומט אַ ייד און וואַגט פון אַ טריבונע אַראָפּ צו באַליידיקן אונזערע פאַרוואונדעטע געפילן, וואָרפנדיק אונז אין פּנים אריין די שרעקלעכע באַשולדיקונג, אַז מיר ווילן פאַרגעסן.

דער דאָזיקער ארויסטריט פון אַ מענטש, וואָס איז נאָך פון פּאַריזער פאַרגעשטעלט געוואָרן אלס שליח פון ישראל, טאָר נישט פאַרשוויגן ווערן.

די גראָבע באַליידיקונג מצד דעם הער מאַלקין קען מען נישט אָראָפּשלינגען און דאָס דאָזיקע זאָג איך אַלס אַ מאַן פון אַ דעפּאָרטירטער און פאַרברענטער פרוי, צוויי שוועסטערס, צוויי שוואָגערס, זייערע קינדער און אַנדערע פאַמיליען־מיטגלידער.

ה' מאַלקין האָט זיך דערלויבט צו אַ מין סאָרט מוסר־זאָגעריי, וואָס פּראָפאַנירט אונזערע יסורים. ער האָט געשענדעט דעם ליכטיקן אָנדענק פון אונזערע טייערע, קיינמאָל נישט פאַרגעסענע אומגעקומענע.

קען מען דאָס פאַרשווייגן?

מיר וועלן זיך נאָך אומקערן צו דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג.

(„אַרבעטער וואָרט" דעם 23־טן נאָוועמבער 1951)

אַט איז אַ פּאַטאָקאָפּיע פון אַ בריוו, ווו לויט דער איניציאַטיוו פון אַמעריקאַנער רבנים — ווענדעט זיך דער ועד הרבנים אין פראַנקרייך צום הרב הגאון ש. מ. רובינשטיין, מיט דער בקשה, ער זאָל דערמאָנען דעם ה׳ שנייערסאָן צו שטעלן זיך פאַר אַ דין תורה.

וואָס שייך ווידער די דערמאָנטע דין תורה, מיינט נישט אַז עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן עפּעס אַ ריין פּריוואַטן ענין. די סיבה פון דער אַנקלאַגע איז געווען פאַרבינדן דווקא מיטן קבר פון יידישן מאַרטירער און דווקא מיט זיין הויפּט־סטרונע ד״ה מיט דעם זאַמלען פון געלט:

ד״ר אַ. שפּיגל, דער אַנקלאַגער, איז געווען איינער פון די רעפּרעזענטאַנטן מצד דער דאָזיקער טוימ־פירמע; ער האָט אין איר נאָמען געפאָרן קיין אַמעריקע און דאָרט אָנגעפירט מיט אַ געלט־אַקציע לטובת דער דאָזיקער אונטערנעמונג.

מאָנט ער ביים הערן שנייערסאָן צענדליקער טויזנטער דאָלאַרן, וואָס עס קומט אים — לויט זיינע אויסרעכנונגען — אַלס דער צוגעזאָגטער פּראָצענט פון די דאָרט געזאַמלטע סומעס.

נישט מיר זענען באַרופן צו משפטן דעם ענין צווישן הערן שנייערסאָן און ד״ר שפּיגל.

אויב אָבער ד״ר שפּיגל קלאָגט אָן הערן שנייערסאָן וועגן צענדליקער טויזנטער דאָלאַר, מוז זיך יעדער שטעלן די פראַגע ווי גרויס איז געווען יענע אָנגעזאַמלטע סומע, פון וועלכע בלויז די צוגעזאָגטע פּראָצענטן באַטרעפן אַזוי פיל.

וויאַזוי האָט מען פאַרווענדעט די דאָרט געזאַמלטע געלטער?

ווער האָט קאָנטראָלירט יענע איינקונפטן און יענע אויסגאַבן?

ווער האָט באַשטימט דעם פּראָצענט פון די געזאַמלטע געלטער פאַר די באַטרעפנדע פאָרשטייער און פּראָפּאַגאַנדיסטן?

# ועד הרבנים החרדים בצרפת

**CONSEIL RABBINIQUE ORTHODOXE EN FRANCE**

Siège temporaire : 10, Rue Pavée, PARIS-4°

Téléphone : TURBIGO 49-03

בתשובה נא להזכיר
Réf. N° ........ מספר

ב"ה ז"ניסן תשפ"ז לפ"ק

<u>העתקת הזמנתא חב"ד מאמעריקא לר"י שניאורסאן</u>

אגודת הרבנים דארצות הברית וקנדה

132 נאסאו סטריט

ניו יארק 38נ.י.

כבוד הרב הגאון וכו"מוה"ר שמואל יעקב רובינשטיין שליפ

שליט"א רב לאגודת הקהלות בפריז

שלום וברכא

עפ"י דרישת ד"ר אלכסנדר שפיגל אנו מבקשים את כ"ת

להזמין עוד הפעם את מר יצחק שניאורסאן מפריז לעמד

עמו לדין ,,,,,,,,,,,,,,,,,,,,,,,,,,,,,,,,,,

ברב כבוד

מאיר כהן (בכתב ידואחרי כן

בכתיבת מכונה) הרב מאיר כהן

מנהל

הועתק אות באות מגוף המכתב ולראיה הנני בא על החתום

הרב יעקב חיים ליכטנשטיין

מזכיר ועד הרבנים החרדים בצרפ

CONSEIL RABBINIQUE ORTHODOXE EN FRANCE
PARIS

# רבנות הראשית האָט פאַרבאָטן איבערצופירן דאָס אַש פון די קדושים פאַרן פאַריזער דענקמאָל

דאָס רעליגיע־מיניסטעריום טוילט מיט, אז איינשטימיק מיט דער באַראַטונג פון צענדליקער פאָרשטייער פון די חרוב־געוואָרענע קהלות אין אייראָפּע, וואָס איז לויט דער איניציאַטיוו פון משרד הדתות פאָרגעקומען אויפן הר ציון, איז באַשלאָסן געוואָרן נישט אַרויסצוגעבן דאָס אַש פון די קדושים, כדי איבערצופירן עס קיין פּאַריז פאַר דעם אויפגעשטעלטן דאָרט דענקמאָל.

דער אָנפירער פון משרד הדתות האָט מיטגעטיילט וועגן דער ווענדונג פון צענטראַל־קאָמיטעט וואָס פאַרנעמט זיך מיט אויפשטעלן דעם דענקמאָל אין פּאַריז, אַרויסצוגעבן אים פאַר דער מצבה איין קריגל אַש פון די 31 קריגלעך וואָס זענען געבראַכט געוואָרן צו קבורה אין פינצטערן קעלער אויפן הר ציון. אַלע האָבן זיך אַנטשלאָסן אַרויסגעזאָגט קעגן אַרויסגעבן דעם הייליקן אַש פאַר פּאַריז. אויך האָט דאָס רבנות הראשית דורכאויס פאַרבאָטן איבערצופירן דעם אויבנדערמאָנטן אַש.

(„אונזער וועג", פון 6-טן יולי 1956).

אָט האָט איר אַ (ביז גאָר פאַרקלענערטע!) פאָטאָקאָפּיע פון אַ געצאָלטן אַנאָנס וואָס די טויטן־פירמע האָט אָפּגעדרוקט אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס" דעם 13־טן יולי 1952. אין „אָריגינאַל" דעקט דער דאָזיקער אַנאָנס די הויך פון אַ גאַנצער זייט אין נער־מאָנטן זשורנאַל. ס׳איז געווען צו געבן אַ קוק אויף די פרייזן פון אַנאָנסן אין דער זעלבער צייטונג, כדי האָבן אַ קליינעם באַגריף מיט וואָסערע סומעס האָט אָפּערירט דער פּראָפּאַגאַנדע־אַמט פון דער טויטן־פירמע.

קוקט אייך גוט אַריין אין דעם דאָ רעפּראָדוצירטן אַנאָנס. נעמט אייך דען נישט אַרומדער גרעסטער עקל און דער גרעסטער שווינדל אין אָנבליק פון דער דאָזיקער רעקלאַמע, וועלכע באַנוצט זיך מיטן אָנדענק פון זעקס מיליאָן קדושים, ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן נייע „פּריזשידערס" אָדער וועגן אַ נייע בראָדוויי־אָפּערעטע ?

אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט דאַרפט איר שענקען דעם שיין איינגעראַמטן קופּאָן, וואָס געפינט זיך אויף דער אונטערשטער שטעלע פון דעם שווינדלהאַפטן אַנאָנס. ס׳רעדט זיך דאָרט וועגן אַ יזכור־בוך (נאָך איין אויספינדונג פון הערן שנייערסאָן!) וווּ עס דאַרפן זיין אַריינגעשריבן די נעמען פון אָנגעקומענע. מען ווענדעט זיך צו די ביים לעבן־געבליבענע, זיי זאָלן צושיקן די נעמען פון זייערע אומגעקומענע קרובים, אָבער די הויפּט־רובריק וואָס באַווייזט דעם אמתן ציל פון דער זעלבער אויספינדונג לייענט זיך בוכשטעבלעך אַזוי : „און כדי צו באַערן זייערע נעמען שיק איך אַ טשעק אָדער מאָני—אָדער געלט־איבערווייזונגען פאַר .....דאָלאַר"

דאָס איז דער נוסח פון דער גאַנצער קאַמפּאַניע.

אָפּגערעדט שוין פון דעם אָפּשטויסנדיקן נוסח פון דער דערמאָנטער טויטן־פירמע, שטעלט זיך אָבער אַ שפּוטע פראַגע : וויפל געלט האָט מען אָנגעזאַמלט דורך די איינגעפלאָסענע „טשעקן און

**מאָני־אָרדער״ ? פאַרוואָס האָט מען נישט פאַרעפנטלעכט קיין שום** באַריכט וועגן דעם ? ווער האָט עס קאָנטראָלירט ?

קוקט זיך אויך גוט אריין אין די פאָטאָגראַפיעס. דאָס זענען טאַקע פאָטאָגראַפיעס פון זייער באַוווּסטע פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן געגעבן זייערע נעמען, אָבער לשם רעקלאַמע ווערן זייערע בילדער געדרוקט ווי די בילדער פון אַקטיאָרן און אַקטריסעס וועל־כע זענען געווען מסכים צו באַנוצן זיך מיט זייערע שמייכלען ביי־רעקלאַמירן פון א נייער צאָן־פּאַסטע.

און נאָך אַ קליניקייט : דאָס אונטערשטע בילד דאַרף, לויט דעם אונטערשריפט, זיין די פאָטאָגראַפיע פון רענע מאיער. אין דער אמתן איז עס אַ פאָטאָגראַפיע פון פלעווענען. ס׳איז זייער לייכט צו פאַרשטייען, וויאַזוי איז געקומען צו דער קליינער אָבער פאַרט כאַראַקטעריסטישער קאָנפוזיע. ס׳האָט זיך געהאַנדלט אין פאַרבלענדן דעם לייענער מיט נעמען און מיט פאָטאָגראַפיעס. האָט מען עפּעס אַ פאָטאָגראַפיע נישט געהאַט אונטער דער האַנט, האָט מען אריינגעגעבן אַן אַנדערע. וויכטיק איז דאָך געווען בלויז איין זאַך :

„און כדי צו באַערן זייערע נעמען שיקט אונז צו אַ טשעק אָדער אַ מאָני־אָרדער״.

# וועקס מיליאָן טויטע

**דער קבר פון אומבאַקאַנטען אידישען מאַרטירער**

כוז אויפגעשטעלט ווערען. דאס וועט זיין אַן ארט, וואו אידען און ניט־אידען וועלען קומען זיך באַהעפטען מיט די נשמות פון די קדושים.




# און קיין איינציגער קבר!

**אידישע אָרגאַניזאַציעס—לאַנדסמאַנשאַפטן, פאַראיינען, לאַנדסמאַנשאַפטען!**

שיקט אונז די נעמען פון אייערע מיטגלידער. העלפט אונז אין דער הייליגער ארבייט.

# העלפט אונז בויען אַ מוזייאום צו פאַראייביגן אונזערע קדושים



דוד בן־גוריון

„איך בין זייער אונטער'ן איינדרוק פון דער אידעע אויפצושטעלן א פאסנדן מוזיי אין פאריז אין פארם פון „א קבר פון אומבאקאנטען אידישען מארטירער."



רענעי מאיער

מיניסטער פון פראנצויזישער רעפובליק איז באגייסטערט פאר דער אידעע.

---שניידט אויס דעם קופאָן און שיקט אים אריין צו---

**THE UNKNOWN JEWISH MARTYR MEMORIAL FUND, Inc.**

100 West 42nd Street, New York 36, N. Y. LO 4-7948-9

פריינט! איך בעט אייך אריינצושרייבען אין **יזכור בוך** די נעמען פון מיינע נאָהענטע, וועלכע זיינען אומגעקומען אויף קידוש השם.

נאָמען ____________________

(פון אומגעקומענע קרובים און פריינט)

שטאָט ____________________

(פון וועלכער זיינען זיי געקומען)

געטאָ אדער קאָנצענטראַציע־לאַגער ____________________

(וואו זיי האבען זיך געפונען)

און כדי צו עהרען זייערע נעמען שיק איך אַ טשעק אדער מאָני־אָרדער פאַר..........$

מיין נאָמען איז ____________________

אדרעס ____________________

# מיאוסע מאַכינאַציעס

די ישראל פּרעסע ברענגט לעצטנס אויסטערלישע נייעס אין שייכות מיטן „מעמאָריאל פאַרן אומבאַקאַנטן יידישן מאַר־טירער" אין פּאַריז; ידיעות, וואָס נישט נאָר זיי ברענגען נישט קיין כבוד דעם יידישן פּאַריז, נאָר מאַכן אַן איינדרוק פון מיאוסע מאַ־כינאַציעס.

ווי באַקאַנט, איז געפּלאַנט געוואָרן אַ „קבר" — אַ „טאַמבאַ". דער היגער ראַבינאַט האָט פאַרבאָטן צו ברענגען אַהין, נישט אַש פון די מאַרטירער, און אוודאי נישט אויפצושטעלן אַ קבר. איז עס געוואָרן אַ „מעמאָריאל" — אַ דענקמאָל.

אָבער די איניציאַטאָרן מוזן האָבן אויב נישט „הייליק אַש" — כאָטש „הייליקע ערד". האָבן זיי זיך געווענדעט צום ראַבינאַט אין ישראל און צום רעליגיע־מיניסטעריום מיט פאָלגענדע ביטעס:

א. מען זאָל זיי געבן אַ זאַק ישראל־ערד...

ב. מען זאָל זיי שיקן אַ קליין זעקעלע ערד פון דעם „מרתף השואה" (אומגליקס־קעלער) פון הר־ציון אין ירושלים.

ג. ווי עס מעלדעט דער „הבוקר", ווילן זיי אויך פונעם הר־ציון אויסבאָרגן אָדער באַקומען אַ „טעגעלע הייליק אַש פון די מאַרטירער".

ישראל־ערד — קען מען באַקומען וויפל מען וויל; אָבער די עסקנים פונעם מעמאָריאל ווילן „אָפיציעלע" ערד, מיט וועלכע מען קען מאַכן „צערעמאָניעס" און... רעקלאַמע.

אינצווישן אָבער האָבן אין ישראל, סיי דער ראַבינאַט און סיי דאָס רעליגיע־מיניסטעריום נאָך נישט באַשלאָסן וועגן די ביטע... וועגן דער ערד. וואָס שייך דעם „טיגעלע אַש פון קדושים", איז שוין דאָ אַ באַשלוס נישט צו געבן. „דאָס אַש פון די קדושים קען נישט ווערן קיין אָביעקט פון עקספּאָזיציעס, סיי פון הלכה־שטאַנד־

פונקט און סיי פון מענטשלעכקייטס־שטאנדפונקט — ווערט נע־
זאגט אין באשלום פון ראבינאט.

ניטש אריינמישנדיק זיך אין דער דאזיקער פרשה, די גאנצע
פראגע פונעם געוועזענעם „טאמבא" און איצטיקן „מעמאריאל"
— ווילט זיך פרעגן: צוליב וואס די דערמאנטע מאכינאציעס?

**א.**

(„אונזער ווארט", פון 5־טן יולי 1956).

# אָפענער בריוו צו נחום גאָלדמאַן

דעם בריוו שרייבט איך, ה׳ גאָלדמאַן, א ייד וואָס האָט אין זיין צייט געקעמפט, אין וואָרט און אין שריפט, מיט באַשיידענע מעגלעכקייטן, אין די טעג פון אייערע אונטערהאַנדלונגען מיט באָן וועגן די שילומים. ווען באַוועגונגען און יחידים פון אייערע היינטיקע דענקמעלער־פריינט האָבן נאָך דאַן אויסגעגאָסן אויף אייך די קללות פון דער תוכחה, האָב איך אייך אין מיין האַרצן געשיקט מיינע ברכות און געווינטשט הצלחה. דאָס שרייב איך אייך נישט בכדי אייך צו געפעלן — נאָכן איבערלייענען מיין בריוו צו אייך, וועט איר אייך איבערצייגן, אַז איך בין ווייט פון די יידן וואָס זוכן בכלל עמעצן צו געפעלן — איך וויל פאַר אַלעמען זיין אין אָרדנונג מיט מיין געוויסן. נאָר ווען איך דערמאָן אייך דאָך דעם ענין שילומים און מיין שטעלונג צו אים, איז דאָס בלויז בכדי איר זאָלט בעסער פאַרשטיין מיין אויפרעגונג און פאַרביטערונג קעגן אייך, ה׳ גאָלדמאַן.

די רעקלאַמע־גלאָקן פון דער טויטן־פירמע, צעקלינגען ווילד זיגעריש זייערע טענער איבער דער וועלט, אַז ענדלעך וועט דאָס יידישע פאָלק אויסגעלייזט ווערן פון זיינע אַלע צרות און דער לאַנג צוגעזאָגטער מאַ־טירער־דענקמאָל קומט צו זיין קאָנסטרוקציע־ענדע און אַז איר אַליין, זאָלט אייך שוין האָבן צוגעגרייט מיט אייער גאַנצן גלאַנץ צו דער פייערלעכער דערעפנונג.

מעג דער שפיץ פון דענקמאָל גריכן ביז די הויכקייט פון די וואָלקנס און זאָל אפילו דער פילפאַכיקער פרעזידענט פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג, אויך אים באַשיצן מיט א פרעזידענטן־פליגעלע, האָבן מיר פאַנאַטיקער און בטלנים פאָרט געזיגט. מיר האָבן געזיגט ווייל מיר זענען געווען באַפליגלט מיט אמת. קיינער פון אונז, קעגנער, האָט נישט געזוכט קיין כבוד און קיין מאַטעריעלע פראָפיטן זיכער אויך נישט. מיר האָבן געזיגט, ווייל אונז איז געלונגען, מיט דאָקומענטן צו צע־

שלאגן די שקרדיקע מענות פון דעם אזוי־גערופענעם וועלט־קאמיטעט און אויפצודעקן, אז דער וועלט־קאמיטעט באשטייט פון א ה׳ שנייערסאן מיט א גרופע יחידים, וואס ער זאל זיי האבן אויסגעקליבן — נישט אפילו לויט זיין געשמאק, נאר לויט די נוצן, וואס די אדער יענע גרויסע פערזענלעכקייט קאן אים ברענגען, זאל דינען אלס פאקט מענדעס פראנס. איך גלויב, אז אייך איז זיכער באקאנט, אז מענדעס פראנס איז געבוירן און לעבט אין פראנקרייך — און אז ביז זיין ווערן פרעמיער־מיניסטער, איז ער פריער אויך עפעס געווען. דאך האט אים שנייערסאן נישט אנגעטון דעם כבוד איינצולאדן אין זיין וועלטקאמיטעט ביז ער איז נישט געווארן פרעמיער־מיניסטער פון פראנקרייך. און וואלט איר אליין, ה׳ גאלדמאן, נישט באשאנקען געווארן מיט מערערע פרעזידענטן־טיטולן, וואלט אייך שנייערסאן זיכער נישט אנפארטרויט דאס פרעזידירן זיינע זעקס מיליאן מויטע יידן, וואס זענען פאר אים געווארן א „לעבעדיקער ענין".

און עס איז אויך געלונגען אויפצווייזן פאר דער וועלט, אז דער קאמף פון ישוב קעגן דענקמאל איז דאטירט — נישט זייט דעם טאג וואס עס איז שנייערסאנען געלונגען זיך צוצוכאפן צו דער שיסל פון קליימס, נאר פון די פריערסטע טעג, ווען דער פראיעקט האט זיך גענומען שטעלן אויף זיינע ראכיטישע פיסלעך. זאלן דינען אלס דאקומענט די צאלרייכע ארטיקלען וואס געפינען זיך אין אונזער בוך, דאטירט פון די יארן 1951 - 1953, ווען עס איז נאך דאן בכלל נישט געשטאנען די פראגע פון קליימס־געלטער. און זאל דער ייד שנייערסאן נישט וואגן צו באשולדיקן אונז, קעגנער פון זיין פראיעקט, אז דער קאמף האט זיך אנטוויקלט פון דעם טאג אן וואס מיר זאלן האבן „דערשמעקט די קליימס־געלטער". עס וועט זיין פיל געזינטער פאר אים, בכלל נישט צו באריר‌ן די פראגע פון געלטער...

איך נעם זיך די רעכט צו שרייבן דעם בריוו צו אייך, ה׳ פרעזידענט, געשטיצט אויף דער לערע פון אונזער תורה און נביאים און חכמים. אזוי למשל, געפינען מיר אין מסכת סנהדרין, אז דער גרויסער ריש לקיש האט געפסקנט דעם דין, אז ווען א

נשיא באַגייט אַ זינד, קומט אים מלקות אין קעגנוואַרט פון אַ בית דין פון דריי מענטשן. ר׳ חגיי האָט אויף דעם מוסיף געווען, אַז ער שווערט ביי משהן, אַז מען טאָר אים נאָכדעם נישט לאָזן ווייטער אויף זיין אמט. דער תנ״ך גייט נאָך ווייטער: ער לערנט אונז אַז אפילו ווען דער קעניג אַליין באַגייט אַ פאַרברעכן, דאַרף מען רעאַגירן — און שאַרף רעאַגירן. אַזוי געפינען מיר אין שמואל ב׳ ווי דער אַלטער נתן הנביא קומט צו דוד המלך, בעתן פאַרברעכן מיט בת שבע און זאָגט אים אָפן, אַז פאַר אַזאַ פאַרברעכן האָט ער זיך פאַרדינט טויטשטראָף. אברהם אבינו שטייט און קעמפט פאַר אמת, מיט דאָס העכסטע וואָס די מענטשהייט פאַרמאָגט: ער קעמפט מיט גאָט אַליין, ביי־דער מעשה סדום. ער טענהט צו גאָט: „דו גאָט האָסט מאַקע די וועלט באַשאַפן, אָבער דאָס גיט דיר נאָכנישט די רעכט צו פאַרניכטן סדום״.

און דאָס איז אויך מיין טענה צו אייך, פילאָסאָפיקער פרעזידענט: איר האָט טאַקע געשאַפן די שילומים; אָבער דאָס גיט אייך נישט די רעכט צו לאָזן פאַרשווענדן די בלוטיקע געלטער אויף פאַרשידענע אַמביציעס פון יחידים. פונקט פאַרקערט: פאַרן פאָטער וועלכער באַגייט אַ עוולה קעגן זיין קינד, דאַרף די שטראָף זיין אַ האַרבערע.

און זאָל מיר זיין דערלויבט, ה׳ פּרעזידענט, צו ציטירן עטלעכע ווערטער פון אייערס אַן אַרטיקל, וואָס איר האָט געשריבן אין דער „ציוניסטישער שטימע״ פון פרייטיק דעם 2־טן דעצעמבער 1955, אונטערן קעפּל: „אַ פּאָר ערנסטע ווערטער צו דער רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן״. איר פאָדערט פון איר, זי זאָל זיך רעכענען מיט דער עפנטלעכער מיינונג. איר שרייבט: „איך בין איבערצייגט, אַז די עפנטלעכע מיינונג איבער גאָר דער פרייער וועלט, וועט פאָדערן אַז די מערב־מאַכטן און בעיקר די רעגירונג פון אַמעריקע וועלן זיך אַריינמישן און פאַרזיכערן דעם קיום פון ישראל״. אויך איך שרייב צו אייך איצט, אונטערן זעלבן טיטול: „אַ פּאָר ערנסטע ווערטער צו ה׳ גאָלדמאַן״, אַז די יידישע עטיק לערנט אונז קשוט את עצמך, ואחר כך קשוט ~~את הבריות~~ זולתכם! אַז פריער פאַר אַלץ דאַרף מען זיין מיט זיך אין אָרדנונג, איידער

מען גייט פֿאָדערן פֿון אַ צווייטן, בפֿרט פֿון אומות העולם — אַ יידישער דיפּלאָמאַט האָט נישט קיין רעכט צו רעדן צו דער וועלט אין נאָמען פֿון דער עפֿנטלעכער מיינונג, אין דער צייט ווען ער אַליין איגנאָרירט און באַגאַטעליזירט די זעלבע עפֿנטלעכע מיינונג (צו וועלכער מיר ווענדן זיך באַלד אומקערן). אויף אברהמס שפּראַך וואָלט דאָס געהייסן : השופט כל הארץ לא יעשה משפט ? ווי האָט אויסגעזען אייער יושר, ה׳ פּרעזידענט, אין די טעג, וואָכן, חדשים און יאָרן, ווען דאָס פּראָגרעסיווישע יידנטום — אָנהייבנדיק פֿון באַראָן ראָטשילד, ביזן ייד פֿון דער קהלה, אברהם רודי, האָבן אויסגעדריקט זייער שטאַרקסטן פּראָטעסט קעגן דענקמאָל און נאָכמער — קעגן צוטיילן פֿון דריי הונדערט טויזנט דאָלאַר פֿון די בלוטיקע קליימס־געלטער, אַלס צוגאַב צו די שוין פֿון לאַנג פֿאַרשוווּנדענע צענדליקער מיליאָנען, געזאַמלטע אין דער גאַנצער וועלט. די גאַנצע יידיש־פּראָגרעסיווישע פּרעסע האָט פּראָטעסטירט, ווי „אונזער וואָרט", „ארבעטער וואָרט", „טער רעטרוווע", „אונזער וועג", „עווידאַנס" און נאָך פֿיל אַנדערע, אָרגאַניזאַציעס און באַוועגונגען, די ציוניסטישע פֿעדעראַציע, די פֿעדעראַציע פֿון יידישע געזעלשאַפֿטן, די קהילה, די רבנים פֿון דער קאָנסיסטאָריע, די רבנים פֿון די איינגעוואַנדערטע יידן, רעכטע פּועלי־ציון, לינקע פּועלי ציון, מזרחי, רעוויזיאָניסטן, דער קאָמבאַטאַנטן־פֿאַרבאַנד (וואַניקאָוו), די יידישע רעזיסטאַנס, די ציונים כלליים (פּראָגרעסיווע) און אַ סך אַנדערע. און ווען איר האָט באַוויליקט, דעם 23טן מאַי 1955 ניין אַ זייגער אינדערפֿרי, אויפֿצונעמען אַ דעלעגאַציע קעגן דענקמאָל, וואָס האָט גערעדט אין נאָמען פֿון ניינצן אָרגאַניזאַציעס און געזעלשאַפֿטן, וואָס די קלענסטע פֿון זיי האָט געציילט מער מיטגלידער ווי דער דאָקומענטאַציע־צענטער מיטן קאָמיטעט פֿאַר דענקמאָל פֿאַרן יידישן מאַרטירער (וואָס ביידע האָבן בלויז איין אַקטיוון מיטגליד אין דער פּערזאָן פֿון זייער פּרעזידענט) — ווען די דעלעגאַציע האָט אייך אויפֿמערקזאַם געמאַכט אַז דער דענקמאָל־קאָמיטעט באַשטייט בלויז פֿון יחידים, דאָס זעלבע קאָן איך אייך זאָגן וועגן דעם קאָמיטעט פֿון לאָנדאָן, אָדער שווייץ, אַז ער שטעלט דאָרט קיינעם נישט פֿאָר אויסער זיך — האָט איר

זיך דאַן פאַרופן אויף אַ טעלעגראַמע וואָס איר האָט דאַן באַקומען פון ה׳ גאַסטאָן קאַהן, דעם געוועזענעם פרעזידענט פון בני ברית, אַז די לעצטע זאָל האָבן אונטערגעשטיצט דעם דענקמאָל. די דעלעגאַציע האָט אייך אויך באַלד אויפן אָרט באַוויזן אַ שריפטלעכן דאָקומענט פון בני ברית, ווו זיי שטעלן פעסט אַז זיי האָבן זיך קיינמאָל נישט אָנגעשלאָסן אין דעם אויבנדערמאָנטן קאָמיטעט און אַז גאַסטאַן קאַהן האָט בלויז אַ רעכט צו רעדן אין זיין אייגענעם נאָמען. צי האָט איר זיך דערמיט גערעכנט, ה׳ פרעזידענט? פונקט ווי איר האָט זיך נישט גערעכנט מיט דער מיינונג פון דעם לאַנגיאָריקן פרעזידענט פון דער ציונ. פעדעראַציע אין פראַנקרייך, ה׳ מ. יאַרבלום, וואָס קיין שום זאַך איז זייט די לעצטע יאָרן נישט געמאַכט געוואָרן אין פראַנקרייך אָן זיין הסכמה, ער איז די גאַנצע צייט געווען און געבליבן דער שאַרפסטער קעגנער פון דער דאָזיקער מאַכעריי, אויך אַנדריי בלומעל, דער צווייטער פרעזידענט איז קעגן. איר האָט זיך אפילו נישט גערעכנט מיט דער מיינונג פון אייער פאַרטיי אין פראַנקרייך, צו וועלכער איר האָט אייך געוואָנדן פיל מאָל, אַז זי זאָל ענדערן איר קעגנערישע שטעלונג צום דענקמאָל, איר האָט באַקומען אַ נעגאַטיוון ענטפער. בכלל האָט איר אַרויסגעוויזן אַ מוסטער פון איגנאָרירן די עפנטלעכע מיינונג. איז, זאָלט איר האָבן מוט, נישט צו פאָדערן ביי דער וועלט דאָס, פון וואָס איר זענט אַזוי ווייט. איר האָט געוואגט, אנשטאט צו געפינען אַ לייזונג צו דעם פלאָנטער שנייערסאָן, וואָס האָט פאַרדרייט דעם קאָפּ פון דער קריסטלעכער מיט דער יידישער וועלט צוזאַמען (מיט יידיש געלט, פאַרשטייט זיך), צו קומען און ווערן זיין פּרעזידענט איבער די זעקס מיליאָן אומגעקומענע יידן — דווקא דאַן ווען די עפנטלעכע מיינונג איז דערמיט נישט געווען איינשטימיק. איז פאַרוואָס זאָל איך נישט האָבן די רעכט אייך צו זאָגן: מילא, אַלס פרעזידענט איבער די לעבעדיקע יידן, האָט מען אייך באַשטימט, אָבער ווער האָט אייך געגעבן די רעכט צו ווערן דער פרעזידענט איבער די זעקס מיליאָן קרבנות? זיי האָבן פאַר אייך זיכער נישט געשטימט! איז געווען גענונג אַ „ידידי־בריוועלע פון טויטן־הויז?" לאָמיר אָננעמען, אַז דער דאָזיקער דענקמאָל איז

אייך צום האַרצן, האָט איר דאָך געקאָנט ווערן דער פּרעזידענט באַלד אין די ערשטע טעג פון זיין גרינדונגס־פּראָיעקט ? פאַרוואָס האָט איר גאָר געוואַרט אויף די ברענענדיקע טעג ווען די מחלוקה איז דערגאַנגען צו איר קולמינאַציע־פּונקט ? האָט איר אפשר דערמיט געוואָלט באַווייזן אייער פּרעזידענטן־קראַפט ? וואָלט זיך שוין געפּאַסט פאַראייניקוועגס איר זאָלט אויך געבן אַ קלאַפּ מיטן שטעקן און אויפפאָדערן די „שקצים", אַז שטיל זאָל זיין !

איר האָט געוואָלט באַרעכטיקן אייערע מאַטן אונטערן אויסרייד, אַז מען האָט שוין אָנגעהויבן, אַז דער גרונטשטיין ליגט שוין. ליגט פאַר מיר אַן עסיי פון מנחם באָריישא ז"ל, געשריבן אין יאָר 1947, וואָס דער לייענער קאָן עס געפינען אין בוך, אויף דער ערשטער זייט, ווו מיר דערוויסן זיך, אַז די אַמעריקאַנער יידן, צו וועלכער ה' גאָלדמאַן האָט — גלויב איך — אַ שייכות, האָבן געלייגט אַ גרונטשטיין אין ניו־יאָרק, פאַר אַ דענקמאָל פאַר די אומגעבראַכטע זעקס מיליאָן יידן, מיט אַלע צערעמאָניעס, מיט גרויסע דעלעגאַציעס פון דער קריסטלעכער וועלט, מיט דער גאַנצער פּאָמפּע (וואָס בייזע צונגען זאָגן, אַז שנייערסאָן איז געפאָרן קיין אַמעריקע דאָס קאָפּירן!) פאַרוואָס האָט איר נישט געענדיקט דאָס אויפבויען, הער גאָלדמאַן ? עס איז דאָך שוין געווען אָנגעהויבן ? די שטאָט ניו־יאָרק האָט געשאָנקען אַ פּלאַץ, וואָס איז זיכער שענער פון דעם וואָס מיר האָבן דאָ באַקומען פאַר אים אין פּאַריז. אויף קיין קליימסגעלטער האָט דאָס רייכע אַמעריקאַנער יידנטום דאָך אויך זיכער נישט באַדאַרפן וואַרטן — און אַ הויז פאַר דער יוגנט, אַז זי זאָל זיך האָבן ווו צוזאַמענצוטרעפן, האָט דאָס אַמעריקאַנער יידנטום אויך זיכער און איר יוגנט פירט נישט דורך אירע פאַרזאַמלונגען אין די קוליאַרן פון די מעטראָס, אַזוי ווי ביי אונז, אין פּאַריז. פרעגט זיך : פאַרוואָס האָט איר נישט פאָרגעזעצט דאָס אויסבויען פון אייער אידעאַלן דענקמאָל ?

איר האָט מיט אייער האַנדלונג דערנידריקט דאָס פראַנצויזישע יידנטום, אָבער אייער נאָמען וועט פון דעם נישט שטייגן אין דער יידישער געשיכטע.

אברהם רודי

# א בריוו אין רעדאקציע

איצט אונזערע גדולי הדור אין די הויכע פענסטער און שקלא־וטרלין: יש, אומרים יא מאנומענט ויש אומרים נישט מאנומענט און עס נעמט נישט קיין סוף צו דעם געוואלדיקן סכסוך, אוודאי דא האנדלט זיך אין אן ענין וואס איז נוגע כל ישראל און ממילא איז יעדער פון אונז אדער צווישן די „יא"־ אדער „ניין"־זאגערס, דערפאר דערלויב איך זיך צו געבן א געוויסע סוגעסטיע אין דעם ענין.

ס'וואלט כדאי געווען אז אין דער פמליא של מעלה... זאלן די „פרנסים" וועלן א בליק טאן אין דעם מדרש תנחומא פרשת ויחי, דארט וועלן זיי דאכט זיך טרעפן א דעצידירדן ענטפער איבער דעם אזוי הארבן ענין וואס הייסט מאנומענט: און וואס שייך די קאמפעטענץ, איז לויט מיין מיינונג דער מדרש תנחומא צוזאמען מיט „יחזקאל" אויף וועמענס פסוק דער פאלגענדער טעקסט איז זיך סומך, געוויס אזוי קאמפעטענט ווי די אלע אויטאריטעטן צווישן די גדולים, וועלכע האבן זיך איינגעשפאנט אין דעם רייטוואגן פון קאלאסאלן געפלאנטן מאנומענט...

איצט גיב איך איבער דאס לשון המדרש: הנה אני פותח את קיברותיכם והעליתי אתכם... והבאתי אתכם אל אדמת ישראל.

אמר ר' אלעזר בשם ר' סימון: הקדוש ברוך הוא עושה להם מחילות בארץ והם מתגלגלין עד שיגיעו לארץ ישראל, וכון שמגיעו לארץ ישראל הקדוש ברוך הוא נותן להם רוח של חיים והם עומדים שנאמר „והבאתי אתכם אל אדמת ישראל" ואחר כך „ונתתי רוחי בהם וחייתם".

אמר ר' שמעון בן לקיש מקר מלא הוא, שביו שמגיעין לארץ ישראל הקדוש ברוך הוא נותן בהם נשמה שנאמר: נותן נשמה לעם עליה ורוח להולכים בה".

דערמיט האבן די אויבנדערמאנטע חכמים אונז געגעבן קלאר און דייטלעך אנצוהערן דאס, צו „דער יידישע נשמה" איז נישט פאראן קיין תיקון אל אדמת נכר, ווארעם אויב יא, צוואס וואלט קדושב"ה זיך געגעבן אזוי פיל מי און זיי איבערצוזידלען אל אדמת ישראל?... און אויב מיר זענען מסכים מיטן טיפזיניקן געדאנק פונם מדרש תנחומא, פארוואס נישט ליבער פארווענדן דעם טייל פון די שילומים־געלטער, אויף ארויסצונעמען נאך ביים לעבן די מאסע יידן, וועלכע שמאכטן עד היום אין פערנוואלד? און טאקע איינשפארן קדושב"ה די גרויסע טרחה אויף לעתיד לבוא... עס וועט אים נאך בלייבן גענוג ארבעט אן די פערנוואלדער יידן...

**זייטעלבאך**, ליל — (א"וו פון 26 .10 .54)

# ר ש י מ ה

זייט
י. ל. פרץ : אמת און שקר — — — — — — — — 9
א. לעיעלעס : דער גאָט פון ישראל — — — — — — 9
אברהם רודי : פאָרוואָרט — — — — — — — 11
מנחם באָריישא : א מאָנומענט אויף אונזער חורבן — — 16
א. ר. : קאָמענטאַר צום אויביקן עסיי — — — — — 24
אַן אומנוויטיקע איניציאַטיוו אין היינטיקער צייט — — 26
בן זאב : דער שווינדל מיטן שפּילן אויף סענטימענטן — — 29
„ : לפנים א נייעם קולט — — — — — — 35
„ : נייעם וועגן נייעם „קולט” — — — — — 39
זשאָזעף קרוסטיאָן : פסח-קאַפּיטל — — — — — 43
ש. שיינער : נישט דאָס איז די אויפגאַבע פון די איראָפּע-
אישע יידן — — — — — — — — 48
הרב ד״ר שמעון פעדערבוש : ווי צו פאַראייביקן דעם אָנדענק
פון אונזערע קדושים — — — — — — 64
י. ליליענשטיין : אַרום דעם דענקמאָל פאַרן „אומבאַקאַנטן
יידישן מאַרטירער” — — — — — — 70
אברהם רודי: אַ גרויסע עוולה ! — — — — — 73
א. רוס : נישט חילול השם נאָר קידוש השם — — — — 77
לייענער האָבן דאָס וואָרט : יעקב בראָד * — — — — 81
יחזקאל קאָרנהענדלער : אַ חילול השם — — — — 83
נ. באָדי : די געזעלשאַפט מיט באַגרענעצטע אחריות — — 85
מ. סמבטיון : אַז עס נוצט נישט, שאַדט עס — — — 90
שמואל שיטנבערג : זאָל מען נישט האָבן קיין טעות — — 95
ד״ר יצחק מאַלקין : אונזער שטעלונג איז אַ גערעכטע — 98
ש. שווייצער : נישט פון דעם געלט — — — — — — 101

יחזקאל קאָרנהענדלער : די אוואַנטורע אַרום די זעקס מיליאָן
קדושים — — — — — — — — 106
אַ מאָנומענט פאַר אונזערע קדושים לויט אונזער באַגריף — 113
מ. קאַליקשטיין : די יידישע קהלה פון פראַנקרייך קעמפט נאָך
אַלץ קעגן אַ „קדושים מאָנומענט" — — — — 114
ד״ר מיכאַל באָרוויטש : לעגענדעס און ווירקלעכקייט פון דער
יידישער חורבן־דאָקומענטאַציע אין פראַנקרייך — 118
דער ענין „מאָנומענט" אין פאַריז — — — — — 124
ד״ר מיכאל באָרוויטש : אַן אָפענער בריוו צום פּר׳ פ. שראַ־
גער — — — — — — — — — 126
ש. שיינער : אַ געצוווּנגענע אויפקלערונג צום ענין „מאָנו־
מענט" — — — — — — — — 129
ז. קמאי : מיט אַ פראַגע־צייכן — — — — — — 132
ט. ס. קליין : די טריבונע פון לייענער — — — — 137
הרב ח. שוואַרץ : מען רעדט ווייטער וועגן מאָנומענט פאַרן
אומבאַקאַנטן מאַרטירער — — — — — — 140
הרב ה. שילי : אין צוזאַמענהאַנג מיטן מאָנומענט פאַרן
„אומבאַקאַנטן יידישן מאַרטירער" — — — — 144
אַנדרע פאַרטאָס : בריוו צום רעדאַקטאָר פון „ל׳עלאָן" — 145
פּראָפעסאָר באַרוך קעגן פּאַריזער מאָנומענט פאַרן יידישן
מאַרטירער — — — — — — — — 146
הרב ח. שוואַרץ : אַן ענטפער ה׳ שנייערסאָן — — — 148
אויף דער פאַרזאַמלונג פון די וויכטיקסטע יידישע אָרגאַניזאַ־
ציעס און אינסטיטוציעס וועגן דער פראַגע פון דענקמאָל:
— די אַקציע פון די רעזיסטענצלער — — — — 154
— דער פּראָטעסט — — — — — — — 155
— דער פאָנד סאָציאַל איז קעגן דענקמאָל — — — 156
— די רעזאָלוציע — — — — — — — 159
דער ועד הרבנים ביי דער קאָנסיסטאָריע איינשטימיק אָנגענו־
מען אַ רעזאָלוציע קעגן מאָנומענט — — — — 161
צום גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פעדעראַציע פון די יידישע
געזעלשאַפטן — — — — — — — — 163

וועט האָט געפעלשט — — — — — — — — 164
נאָך אמאָל וועגן דאָקומענטאַציע־צענטער — — — — — 165
די ציוניסטישע פעדעראַציע אין פראַנקרייך קעגן דעם אויפ־
שטעלן דעם מאָנומענט — — — — — — — 166
נייער אָנשלוס אין קאָמיטעט פון די יידישע אָרגאַניזאַציעס צו
רעווידירן דעם פּראָיעקט פון מאָנומענט — — — 168
ירקוני־גרין : די ציוניסטישע פעדעראַציע אין פראַנקרייך
פאַראורטיילט איינשטימיק דעם פּראָיעקט פון קבר פאַרן
„אומבאַקאַנטן יידישן מאַרטירער” — — — — — 172
„קליימס” פאָדערט באַריכט — — — — — — 175
חבר אברהם רודי אין ליל — — — — — — 176
משה קערשנבוים : וועגן קבר פאַרן אומבאַקאַנטן יידישן מאַר־
טירער אין פּאַריז — — — — — — — 177
בן־קדרי : געלונגענער רעפּעראַט פון חבר א. רודי אין ראָאַן 178
דער פראַנצויזישער ראַבינאַט קעגן דעם מאָנומענט — — 180
א חילול השם: געבויט ייד. מאַרטירער־דענקמאָל אין יום־כפור 181
מעלדונג פון אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פאַר רעווידירן דעם פּראָ־
יעקט פון מאָנומענט — — — — — — 183
די יידישע קהלה אין ראָאַן דריקט אויס איר קעגנערשאַפט צום
דענקמאָל — — — — — — — — — 184
פעסטשטעלונג פון די געוו. יידישע ווידערשטאַנדלער — — 185
י. ליליענשטיין : די האַנדלונג פון דאָקומענטאַציע־צענטער — 186
און „עולם הפוך” — — — — — — — — 188
איז עס אמת ? — — — — — — — — — 190
צענטראַל־קאָמיטעט פון פּועלי־ציון־התאחדות זאָגט זיך אָרויס
איינשטימיק קעגן מאָנומענט — — — — — 191
רעדע פון הרב טשאַסקאַלאַ אין דער קהלה־ראַט וועגן מאָנו־
מענט פאַר די זעקס מיליאָן יידן — — — — — 193
אַנדריי בלומעל : בריוו וועגן דעם „קבר” — — — — 197
לעאָן קעניג: אַרום דעם סקאַנדאַל פון דאָקומענטאַציע־צענטער 199
י. ליליענשטיין : רעד. מאַלקין באַשולדיקט די יידן אין פּאַריז
אז זיי ווילן פאַרגעסן אין זייערע אומגעקומענע — — 202

ועד הרבנים החרדים בצרפת דערמאָנט (מיט א פאָטאָגראפי־
שער פאקסימיליע פון דעם דאָזיקן דאָקומענט) — — 205
רבנות הראשית האָט פארבאָטן איבערצופירן דאָס אש פון די
קדושים פארן פאריזער דענקמאָל — — — — — 206
די אָפּשטויסנדיקע רעקלאמעס פון דער טויטן־פירמע (מיט א
פאָטאָגראפישער פאקסימיליע פון אן „אנאָנס”) — — 207
מיאוסע מאכינאציעס — — — — — — — 210
אברהם רודי: אפענער בריוו צו נחום גאָלדמאן — — — 212
זייטעלבאך: א בריוו אין רעדאקציע — — — — 218